STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07085

DI KAMELYENDAME

Alexandre Dumas

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די

קאמעליענדאמע

אַ ראָמאַן פון

אלכסנדר דיומא (זוהן)

היברו פּאבלישינג קאמפּאני

50-52 עלדרידזש סט., ניו יאָרק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge Street, New York

1925

דיא קאמעליען־דאמע.

ערסטעס קאפיטעל.

איך מיין, דאס מען איז ערסט דאמאָלס אים שטאנדע כאראקטערען צו שאפען, ווען מען האָט דיא מענשען א לאנגע צייט בעטראכטעט, פונקט וויא מען מוז א לאנגע צייט שטודירען, אום צו קענען א שפראך רעדען.

איך האָב נאָך ניט געגרייכט צו דעם עלטער, אין וועלכען מען קען ע ר פ י נ ד ע ן, און דארום וויל איך מיך בעגניגענען מיט דעם ד ע ר צ ע ה ל ע ן פון פאקטען.

דיא פאָלגענדע געשיכטע איז אין גאנצען אמת, איך האָב נאָר געענדערט דיא נעמען פון דיא פערזאָנען, וואס האָבען גענומען אן אנטהייל אין דיזער געשיכטע, דען אלע, מיט דער אויסנאהמע פון דער העלדין פון דיזער ערצעהלונג, לעבען נאָך. אחוץ דעם לעבען נאָך אין פאריז פערזאָנען, וואס זיינען געוועזען עדות פון דיא פאקטען, וואס קומען אין דיזער ערצעהלונג פאָר, וועלכע קענען דיזע פאקטען בעשטעטיגען, אויב מיין צייגנים אליין איז ניט גענוג: איך אליין אבער בין דורך בעזונדערע אורזאכען צו דער מעגליכקייט געקומען, דיזע געשיכטע צו שרייבען, דען איך אליין בין מיט איהרע איינצעלהייטען אזוי בעקאנט, דאס איך בין אים שטאנדע צו געבען א גענויע, א פערשטענדליכע און א פאָלקאָמענע ערצעהלונג.

דיזע איינצעלהייטען האָב איך אויף פאָלגענדער ארט און וויזע ערוואָרבען: דעם 12־טען מערץ, 1847, האָ

איך אין דער גאס לאפיטט אויף געלע אָנגעשלאָגענע צעטלאך דיא אָנצייגע געלעזען, דאס עס ווערען פערקויפט מעבעל און טהייערע אנטיקען. דיזע ארטיקלען ווערען, „וועגען שטערבע־פאל“ פערקויפט. דער נאמען פון דער פערשטאָרבענער פערזאָן איז אויף דיא צעטלאך ניט דערמאָהנט געוואָרען, אבער דיא ליצעטאציע פון דיא זאַכען וועט זיך אנהייבען דעם 16־טען מערץ אין נום. 9 פון דער גאס ד׳אנטין, פון צוועלף ביז פינף אוהר נאָכמיטטאג.

דעם 13־טען און 14־טען, איז ווייטער געשטאנען אויף דיא אָנגעשלאָגענע צעטלאך, קען מען קומען אין דיא וואוינונג, אום צו בעזעהן דיא מעבעל, דיא בילדער און אלע איבריגע זאכען, וואס וועלען דורך דיא ליצעטאציע פערקויפט ווערען.

איך בין שטענדיג געוועזען א ליעבהאָבער פון מערקווירדיגקייטען, און האָב מיר דארום פאָרגענומען דיא געלעגענהייט צו בענוצען, אום דיא זאכען צו בעזעהן און פיעללייכט עטוואס פון זיי צו קויפען.

אויף דעם אנדערן טאָג בין איך מיר אװעגגעגאנגען צו דעם בעצייכנעטען הויז אין דער גאס ד׳אנטין. אויף דעם טהויער פון הויז האָב איך בעמערקט נאָך צוויי גרעסערע צעטלאך, וואס האָבען איבער דעם פערקויף פון דיא זאכען נאָך גענויערע נאכריכטען געגעבען, אלס יענע צעטלאך, וועלכע איך האָב אין דער גאס לאפיטט געזעהען. אויף מיין פרעגען, האָט מיר דער הויז־מייסטער געזאגט, אז דיא זאכען, וואס זיינען בעשטימט צום פערקויפען, געפינען זיך אין ערסטען שטאָק און דאס יענע וואוינונג שטעהט אָפען.

עס איז נאָך זעהר פריה געוועזען און דאָך זיינען שוין יאָרטען בעזוכער, אפילו בעזוכערינס געוועזען, וועלכע באָטש זיי זיינען געווען געקליידעט אין סאמעט און קא־

שעמיר, האָבען מיט בעוואונדערונג בעטראַכט דיא לוקסוס־ארטיקלען, וואס זיינען געוועזען אויסגעשטעלט פאַר זייערע אויגען.

עטוואס שפּעטער האָב איך דיזע בעוואונדערונג שוין פערשטאַנען, דען אלס איך האָב א ביסעל גענויער בעטראַכט דיזע לוקסוס־ארטיקלען, וואס ניט אלע האָבען געצייגט אויף א גוטען געשמאַק, האָב איך באַלד געטראָפען, ווער עס האט אין דיזע צימערן געוואוינט. אחוץ דעם האָב איך אין דיא דריי אָדער פיער בעזוכערינס, וואס זייערע עקיפּאַזשען האָבען אויף זיי אונטען ביי'ם טהויער געווארט, דערקענט גאַלאַנטע פרויענצימער, וואס מאַכען א גרויסעס אויפזעהן אין דער גרויסער וועלט; דארום האָב איך מיר געקענט ערקלערען דיא בעדייטונג פון זייער בעוואונדערונג און כון זייער לאַכען יעדעס מאָל, ווען זיי האָבען א טהייערן לוקסוס־ארטיקעל דערזעהען.

קורץ, איך האָב שוין גאָר קיין ספק ניט געהאַט, אז איך געפין מיך אין דער וואוינונג פון אַן „אויסגעהאַלטענע פרוי,“ וואס איז דורך איהר לוקסוס בעקאַנט געוועזען. ווען עס איז עטוואס דאָ, וואס גאַלאַנטע פרויענצימער ווינשען צו זעהן, זיינען דאס על־פּי־רוב דיא וואוינונגען פון זייערע געבענ־בוהלערינען, וואס זייערע עקיפּאַזשען בעגעגענען זיך טעגליך מיט זייערע אייגענע, וואס האָבען אויך, וויא זיי, לאָזשען אין דער אָפּער און אין דעם איטאַליענישען טהעאַטער, און שטעלען אויס פאַר דער וועלט, זיך גאָר ניט שעמענדיג, זייער שעהנהייט, זייערע ברילליאַנטען און זייערע סקאַנדאַלען.

דיא בעוואוינעריז פון דיא פּרעכטיגע צימערן, אין וועלכע איך האָב מיך געפינען, איז שוין טוידט געוועזען: דעריבער האָבען שוין דיא עהרליכסטע פרויען אין איהרע צימערן געקענט הערייגדרינגען. דער טוידט האט דיזען

גלענצענדען רינשטאָק גערייניגט, אויסער דעם האָבען זיך דיזע דאַמען דערמיט געקענט ענטשולדיגען (אויב זיי דאַרפען ווירקליך אַן ענטשולדיגונג), דאס זיי זיינען צו אַן עפענטליכער ליציטאַציע געקומען, גאָר ניט וויסענדיג, צו וועמען דיא זאַכען האָבען געהערט. זיי האָבען דיא אָנגעשלאָגענע צעטלאַך, וויא פיעלע אַנדערע געלעזען, און זיינען געקומען זעהן דיא זאַכען, וואס שטעהען צום פערקויף. דערביי אַבער האָבען זיי אויך, גאָר ניט געשטערט שוהייד, געקענט זוכען דיא שפורען פון יענעם אויסגעלאַסענעם לעבען, פון וועלכען זיי האָבען גאָר אָן ספק מערקווירדיגע זאַכען געהערט.

צום אונגליק אַבער זיינען דיא סודות צוזאַמען מיט דער „גוטין" אין קבר בעגראָבען געוואָרען, און ביי זייער בעסטען ווילען האָבען דיזע דאַמען ניט מעהר געקענט אויסגעפינען וויא דאס, וואס עס איז נאָך דעם טוידט פון דער שעהנער זינדערין געבליעבען צו פערקויפען, אַבער גאָר ניט פון דעם, וואס עס איז איהר ביי'ם לעבען טהייער געוועזען.

אַבער עס זיינען זעהר פיעלע זאַכען צום פערקויפען געוועזען. דער שפייזע-זאַאל, וואס איז געוועזען אויסגעציערט מיט קאָרדואַן-לעדער, האט געהאט צוויי פרעכטיגע אַלמערס פון דער צייט פון העינריך דעם פיערטען, אין וועלכע עס האָבען געגלענצט זילבערנע און פערגאָלדעטע טיש-געשיר. גרויסע, געוועבטע גאַרדינען האבען דיא פענסטער פערשלייערט, און שטוהלען מיט דעם זעלביגען שטאָף איבערגעצויגען, זיינען געשטאַנען הערום דעם קונציג געשניצטען טיש פון דובאָווען האָלץ.

אין דעם שלאָף-צימער, וואס איז אויסגעשלאָגען געוועזען מיט אַ שטאָף פון גרויסע בלומען, איז אויף אַ העכערן פלאַץ געשטאַנען, רוהענדיג אויף באַלקענס, וואס

האבען אויסגעזעהען וויא דיא גריעכישע וואלד-געטער און באקכאנטינען, *) א פראכטפאלעס בעט. אויף דיא פליי-ציגע זיילען פון דעם בעט, זיינען אויסגעשניצט געוועזען וואסער-קריג הערומגערינגעלט מיט וויינטרויבען-צווייגען, פון וועלכע ליעבעס-געטער האבען הערויסגעקוקט. דיא פארהאנגען פון בעט זיינען געמאכט געוועזען פון דעם זעלביגען שטאף, מיט וועלכען דאס צימער איז אויסגע-שלאגען געוועזען, און דיא פוס-דעקע איז געמאכט געווע-זען פון דעם שעהנסטען שפיצען-וועב.

זעהענדיג דיזעם הייליגטהום, האט מען געמוזט אנ-נעהמען, אז דיא „געטין" איז א שעהנע געוועזען; מיט געוויסהייט האט מען געקענט בעהויפטען, אז דיא „כהנים" פון דיזען טעמפעל, האבען דעם „מזבח" שטענדיג געפוצט.

צווישען דיא צוויי פענסטער איז געשטאנען א גרויסער גלעזערנער אלמער מיט כינעזישען פארצעליי און מיט א גאנצער מאסע וואונדער-שעהנע שפיעלערייען. איבער דעם אלמער איז געהאנגען אן אריגינאל-צייכנונג פון דעם דיכ-טער ווידאל.

אין עהנליכער ארט איז דיא גאנצע וואוינונג אויסגע-פוצט געוועזען. דער סאלאן איז געוועזען ערטערוויז קאר-שען-רויטה, ווייס און פערגאלדעט; דיא מעבעל זיינען פון ראזען-האלץ געשניצט געוועזען, דער קרוין-לייכטער האט געקענט דיענען פיר א ציערונג אין א פירסטליכען זאאל און אויף דעם געזימס פון דעם קאמין איז געשטאנען א זייגער, גרויס וויא א קינד.

---

*) באקכאנטינען הייסען דיא פארצייטיגע גריעכישע און רוימישע כהנ'טעס, וועלכע האבען געפיהרט דיאווילדע הו-ליאנקעס, וואס זיינען געפייערט געווארען צו עהרע פון דעם גאט באכוס, דער גאט פון שכרות.

דער בודואר איז מיט א געלען זיידענ־שטאָף אויסגע־טאפעצירט געוועזען. זאָפעס, ארם־לייכטער, כינעזישע פּארצעלליי און שפּיצען, עס האט גאר ניט געפעהלט. א פּאטעל, וואס זיין איבערצוג איז געוועזען אבגענוצט פון לאנגען געברויך, האט בעוויעזען, דאס זיין בעזיצעו'ין האָט דעם גרעסטען טהייל פון איהר צייט אויף זיין ווייכען פּאָלסטער צוגעבראכט. א פּיאנאָ פון ראָזענ־האָלץ, וואס איז דאָרטען געשטאנען, האט עדות געזאָגט, אז דיא בע־וואוינערין האט אויך בעזעסען א געשמאק פיר קונסט.

איך בין דורכגעגאנגען דיא צימערן, נאָכגעהענדיג דיא דאמען, וואס זיינען פריהער פאר מיר געקומען. געהענ־דיג פאָראויס זיינען זיי הערייגעגאנגען אין א צימער, וואס איז מיט א פּערזישען שטאָף אויסגעשלאָגען געוועזען. איך האב שוין אויך געוואָלט אין דיזעם צימער הערייג־געהן, אלס איך האָב דערזעהען וויא דיא דאמען זיינען פון דאָרטען שמייכלענדיג צוריק הערויסגעקומען. עס האט כמעט אויסגעזעהען אזוי וויא זיי וואָלטען זיך שעמען מיט דיא נייע מערקווירדיגקייטען, וועלכע זייא האָבען דארטען דערזעהען. דערפאר איז מיין נייגיערדע נאָך גרעסער גע־וואָרען. דאס איז געוועזען דאס טואלעטענ־צימער פון דער פערשטאָרבענער, וואו איהר גרויסע פערשווענדונג האט זיך נאָך דייטליכער הערויסגעזעהען.

אויף א טיש, וואס איז געשטאנען ביי'ן וואנד און וואס איז אונגעפעהר זעקס פוס לאנג און דריי פוס בריים געוועזען, האבען געגלענצט אלע אוצרות, וועלכע מען קען בעקומען אין דיא מאגאזינען פון אָקאָק און אָדיאָ. צו דער פאָלשטענדיגקייט פון דיזער זאמלונג האט דאָ גאר ניט געפעהלט, און דיא אלע טויזענד טואלעטענ־זאַ־כען זיינען געוועזען פון גאָלד אָדער זילבער. דיזע זאמלונג

איז וואהרשיינליך ניט אויף איין מאָל געקויפט געוואָרען און האָט געוויס געשטאַמט מעהר וויא פון איין האַנד.

דער אָנבליק פון דעם טואַלעטען־צימער האט מיך אזוי ניט געשראָקען וויא יענע דאַמען, וואס זיינען פריהער פאַר מיר הערייננעגאַנגען, און איך האָב מיר יעדען גע־גענשטאַנד גאַנץ גענוי בעטראַכט. עטוואס שפּעטער האָב איך בעמערקט, דאס דיזע אַלע מיט גרויס קונסט געאַרבייטעטע זאַכען טראָגען אויף זיך דיא אַנפאַנגס־בוכשטאַבען פון פערשיעדענע נעמען, וויא אויך טיטעל־קרוינען, פון וואס איך האָב געקענט שליעסען, דאס יעדער האט אהער זיין פּוץ־קעסטעלע געבראַכט און צוריק ניט גענומען, און וויל דיא זאַמלונג פון אַלע דיזע טהייערע געגענשטענדע איז זעהר גרויס געוועזען, האט דיא צאַהל פון דיא געבער אויך ניט קליין געמוזט זיין.

איך האב בעטראַכט אַלע דיזע זאַכען, וואס יעדע איינע איז געוועזען א לעבעדיגער עדות פון דער געזונקענ־הייט פון דער אָרימער מיידעל, און האב ביי מיר גע־טראַכט: גאָט איז דאָך צו איהר זעהר גוט געוועזען, דאס ער האט איהר פערשפּאָרט דיא געוועהנליכע שטראָף, וואס טרעפט פריהער אָדער שפּעטער דיא געפאַלענע פרויען, און האט זיא צוריק פון לעבען אבגערופען אין רעכטען מיטען פון איהר וואוילטאָג, פון איהר שעהנהייט און פון איהר יוגענד. עס זיינען נאָך געוויס דאָ אזעלכע, וואס וועלען נאָך א לאַנגע צייט פון איהר דענקען, וויל זיא איז נאָך ניט אַלט געוואָרען, און דאס עלטער איז דאָך דער ערגסטער טוידט פון דיא אויסגעלאַסענע פרויען.

קיין אָנבליק איז מיר ניט אזוי טרויעריג, וויא דער אָנבליק פון דעם עלטער ביי אויסגעלאַסענע מענשען, אייגענטליך ביי דיא פרויען. עס האָט אין זיך קיין פאַ־

עזיע און רופט קיין מיטגעפיהל ניט הערויס. עס וועקט אויף א פיינדליכעס געפיהל, ווען מען זעהט דיא חורבות פון פערגאנגענעם גלאנץ אזוי נאָהענט פון זיך. עס איז כמעט קיין טרויעריגערע זאך ניטא, אלס צו הערען דיזע אייביגע חרטה, ניט וועגען דיא פעהלערן, וואס זיי האָבען אין לעבען געמאכט, נאָר דיא חרטה וועגען זייערע שלעכטע בערעכנונגען און וועגען זייער אויסבריינגען דאס געלד, וואס זיי האָבען דורך זינד ערוואָרבען. איך האָב אזא פרויענצימער געקענט, וואס איהר איז פון איהר פערגאנגענהייט נאָר א טאָכטער געבליעבען, וואס איז, נאָך דער פערזיכערונג פון איהרע בעקאנטע, כמעט אזוי שעהן געוועזען, וויא איהר מוטער א מאָל. נאָר אויס געווינ-זוכט האָט דיא מוטער זיא אלס טאָכטער אנערקענט. איך געדענק, דאס זיא האט לואיזע געהייסען און איז געוועזען א צארטע און בלייבע שעהנהייט. דיא געזונקענע מוטער האָט פון איהר פערלאנגט, דאס זיא זאָל איהר אויף דער עלטער פון דערזעלביגער פראָפעסיאָן ערנעהרען, דורך וועלכע זיא האט זיא אלס קינד ערנעהרט, און לואיזע האט איהר ווילען געטהאָן אָהן דעם אייגענעם ווילען, אָהן א שום ליידענשאפט, פונקט וויא זיא וואָלט יעדען אנדערן בעפעהל פון איהר מוטער אויסגעפיהרט. מען האט זיא געקענט אננעהמען אלס א מאשינע. אין איהר הארצען האט קיינמאָל קיין גוטעס ניט געשפראָצט, ווייל מען האט דאָרטען קיין גוטעס ניט איינגעזעעט. דיא פריהצייטיגע אויסגעלאסענהייט, צו וועלכער זיא איז פעראורטהיילט געוועזען, האט אלע בעסערע געפיהלען, וועלכע גאָט האט איהר פיעללייכט געגעבען, אין איהר געטוידטעט.

טאָג-טעגליך, צו א געוויסער שטונדע, האָט זיך לואיזע הערומגעשלעפט איבער דיא בולוואַרדס. איהר מוטער פלעגט זיא שטענדיג בעגלייטען און פלעגט זיא איבערוואַ־

בען, וויא אן אמת'ע מוטער איבערוואכט איהר קינד. איך בין נאך דאמאלס זעהר יונג געוועזן און בין געוועזן פערטיג דיא לייכטע מאראל פון אונזער יאהרהונדערט אנצונעהמען, און דאך גערענק איך, אז דאס בענעהמען פון דיזער מוטער נעגען איהר טאכטער, פלעגט ביי מיר הערויסרופען א געפיהל פון אונצופריעדענהייט און עקעל.

דערצו נאך האט דאס געזיכט פון א מאדאננא (הייליגע יונגפרוי) קיינמאל ניט הערויסגעוויעזען מעהר אונשולד אדער א טרויעריגערען אויסדרוק פון אונטערטהעניגקייט, אלס זיא. מען וואלט געקענט מיינען, דאס זיא איז געוועזען א סטאטוע, א בילד פון געדולדיגקייט.

אין א קורצע צייט הערום, איז לואיזע געפאלען אלס קרבן פון אזא פערברעכען, וואס קען דא אויס אנשטענדיגקייט גענויער ניט געשילדערט ווערען. דיא מוטער האט נאך געלעבט, וויים גאט, וויא און פון וואס.

לואיזע'ס געשיכטע איז מיר איינגעפאלען גראדע דאמאלס, ווען איך האב דיא זילבערנע בעכערן און דיא טואלעטען-קעסטלאך הערומגעקוקט, און געוויס האט דאס א היבשע צייט געמוזט געדויערן, דען דיא שעהנע בעזוכערינס זיינען שוין פערשוואונדען און איך בין מיט דעם אויפזעהער אליין אין דער וואוינונג געבליעבען. ער איז געשטאנען ביי דער טהיר און האט אלע מיינע בעוועגונגען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט בעטראכט.

זיינע פערדעכטיגע בליקען זיינען פון מיר ניט פערבארגען געבליעבען און איך בין צו איהם צוגעגאנגען.

— הערר — האב איך צו איהם געזאגט מיט דער העפליכקייט, וועלכע מען מוז שטענדיג היטען מיט אזעלכע מענשען וויא ער — קענט איהר מיר זאגען דעם נאמען פון דער פערזאן, וואס האט דא געוואוינט?

— מאַדעמואזעל מאַרגעריט גאָטיער — האט דער אויפזועהער געענטפערט.

איך האב מיך דערמאָהנט, דאס איך האב אָפט גע־זעהען א פערזאָן מיט דעם זעלביגען נאמען, וואס איז אין גאַנץ פאַריז אלס בעריהמטע שעהנהייט בעקאַנט געווען. דאס איז געווען איינע פון יענע פאַריזער שעהנהייטען, וואס מאַכען פון זיך דורך זייער לוקסוס פיעל צו רעדען.

— וויא! — האָב איך צום אויפזועהער געזאגט — מאַרגעריט גאָטיער איז טוידט?

— יע, מיין העררר.

— פון ווען אָן?

— איך גלויב שוין דריי וואָכען.

— און ווארום ערלויבט מען דעם פובליקום אהער צו קומען?

— ווייל דיא מאָהנער רעכענען, אז א ליצעטאַציע וועט מעהר איינבריינגען. דיא, וואס ווילען וואס קויפען, קענען דיא זאכען פריהער בעטראַכטען. זיי ווייסען, אז דורך דעם וועט דיא לוסט צום קויפען נאָך גרעסער ווערען.

— האט דיא פערשטאָרבענע שולדען געהאט?

— יע, יע, זעהר פיעלע.

— אבער פון דעם אויספערקויף וועט מען דאָך קע־נען דיא שולדען בעצאָהלען.

— עס וועט נאָך מעהר איבערבלייבען.

— און ווער וועט דאס איבריגע בעקומען?

— דיא קרובים פון דער פערשטאָרבענער.

— זיא האט קרובים?

— אזוי שיינט עס.

— איך דאנק אייך — האָב איך געזאָגט צו דעם מאַן, וואס האָט מיר דיעזע אויסקונפט געגעבען.

דער אויפזועהער, וואס האט שוין איינגעזעהען, דאס איך בין ניט געקומען גנב'ענען, האט מיך העפליך גע־גריסט און איך האב דיא גלענצענדע וואוינונג פון דער פערשטארבענער פערלאזען.

— ארעמע מיידעל — האב איך צו מיר זעלבסט גע־זאגט, אלס איך בין צו מיר אהיים געקומען — זיא האט געווים זעהר א טרויעריגען סוף געהאט, דעז אין איהר קרייז האט מען נאר דאמאלס פריינד, ווען מען פיהלט זיך גוט.

גאר ניט ווילענדיג האב איך דערפיהלט א געפיהל פון רחמנות ביי דעם געדאנקען אן מארגעריט גאטיער.

אנדערע וועלען דאס אפשר לעכערליך געפינען, אבער איך האב שטענדיג זעהר פיעל איינזעהענעס אויף אזעלכע נעזונקענע פרויען און איך בעמיה מיך אפילו ניט צו דערגעהן דעם מקור, פון וואנען דיזע איינזעהענעס שטאמט.

איין טאג אלס איך בין געגאנגען אין דיא פאליציי נעהמען א פאספארט, האב איך אין א גאס דערביי גע־זעהען וויא א מיידעל איז פון צוויי זשאנדארמען אוועגגע־פיהרט געווארען. איך ווייס ניט, וואס זיא האט געטהאן, איך קען גאר זאגען, דאס איך האב זיא געזעהן ביטער וויינענדיג אין דער מינוט, ווען זיא האט געקוסט און גע־האלזט א קליין קינד, פון וועלכען דיא זשאנדארמען הא־בען זיא געזוכט אבצורייסען. אזוי לאנג אבער וויא א פרויענצימער האט נאך טהרערען, איז זיא נאך ניט פער־דארבען; ווער עס קען נאך וויינען, דער איז נאך ניט אין גאנצען געזונקען. טהרערען זיינען דיא צווייטע טבילה פון דעם געוויסען, זיי וואשען שטענדיג וואס עס איז אב. אבער אונזער אבזיכט איז דא ניט צו שרייבען א פילא־זאפישעס ווערק איבער געפאלענע פרויען. מיר בעקלאגען

פון גאנצען הארצען יענע שוואכע ברואים, וואס זינדיגען טאָג טעגליך און ווייסען ניט, צום גרעסטען טהייל, וואָס זיי טהוען, און מיר האלטען אונז ניט בערעכטיגט געגען זיי צו זיין שטרענג. מיר דערצעהלען דאָ איינפאך דיא פערשפּראָכענע געשיכטע און מיר קאווירען נאָך א מאָל פאר דיא ריכטיגקייט פון איהרע פאקטען. עס בלייבט אונז נאָך איבריג דעם לעזער צו בעטען, דיא מאָראל פון דיזער ערצעהלונג זיך אליין אויסצולעגען, ווייל מיר געפינען עס ניט פיר נויטהיג אָנצודייטען.

צווייטעס קאפּיטעל.

דיא ליצעטאציע איז געוועזען בעשטימט אויף דעם 16טען. איין טאָג פאר דער ליצעטאצ״ע האָט מען דיא בעזוכער ניט צוגעלאָזען, אום דיא טאפּעצירער דיא מעגליכקייט צו געבען דיא פאָרהאנגען, טאפּעטען און דערגלייכען הערונטערצונעהמען.

איך בין גראדע דאמאלס געקומען צוריק פון א רייזע. עס איז זיך דורכאויס ניט צו וואונדערן דאס ביי מיין צוריקקומען נאך דער הויפּט-שטאָדט, האט מען מיר אונטער אנדערע נייעס מארגעריט׳ס טוידט אלס וויכטיגע נייעס ניט דערצעהלט. מארגעריט איז א בעקאנטע שעהנהייט געוועזען, אָבער אין גרונד איז זיא דאָך מעהר ניט געווען וויא אַן „אויסגעהאלטענע פרוי,“ וואָס מאכט נאָר א גרויסעס אויפזעהן כל זמן זיא לעבט און ווערט באלד פערגעסען נאָך א הר טוידט. זיא האָט געהערט צו יענער קלאסע פרויען, וואס געהען אונטער אָהן גלאנץ, אזוי וויא זיי געהען אויף. שטארבען זיי יונג, ערפאהרען דאס אלע זייערע ליעבהאבער אויף איין מאָל, דען אין פּאריז לעבען

כמעט אַלע פערעהרער פון א געזונקענער פרוי זעהר פריעדליך צווישען זיך. צעהן מינוט, העכסטענס א שטונדע געדויערט דאס בעדויערן איבער דער פערשטאָרבענער פריינדין; דאַן, אָהן א טהרער צו פערגיעסען, לעבען דיזע פערעהרער ווייטער א גוטען טאָג וויא פריהער.

ווען מען ווערט אין דיזער הויפט־שטאָדט פון דער ציוויליזירטער וועלט שוין פינף־און־צוואנציג יאהר אַלט, ווערען טהרערען א צוטהייערע סחורה, דאס מען זאָל זיי קענען גאַנץ לייכט אוועגגעבען. העכסטענס ווערען נאָך בעוויינט נאהענטע קרובים, אבער זיי מוזען פיר דיזע טהרערען מיט דיא פעטע ירושות בעצאהלען.

וואס מיך בעטרעפט, מוז איך מודה זיין, דאס כאטש מיין נאמען איז אויף מארגעריט׳ס פוץ־קעסטעלאָך ניט אויסגעשניצט געוועזען, דען איך האב זיא קוים געזעהן און האב זיא נאר געקענט וויא יעדער יונגער פאריזער קען דיא בעוואוסטע מאָדע־דאמען — האט יענעס אינסטינקט־מעסיגעס געפיהל פון רחמנות, וועלכעס איך האב פריהער דערמאהנט, מיך געמאכט צו דענקען פון איהר טוידט אָפט און לענגער, אַלס זיא האט עס אין דער ווירקליכקייט פערדיענט.

איך האָב מיך דערמאָהנט, דאס איך האב מארגעריט׳ען זעהר אָפט אין דיא „שאַנז־עליזע" (עליזעאישע — פעלדער) געזעהען; זיא פלעגט דאָרטען טעגליך קומען אין אַן עלעגאַנטען בלויען עקיפּאַזש. איך האב מיך אויך דערמאָהנט, דאס זיא איז ניט נאָר א זעלטענע שעהנהייט געוועזען, זיא האט זיך אויף פאָרנעהם געהאַלטען, פיעל מעהר אַלס אַנדערע פרויענצימער פון איהר סאָרט.

אַנדערע פרויענצימער פון דיזען סאָרט, ליעבען שטענדיג זייערע קעפּ פון עקיפּאַזש הערויסצושטעקען, אום איינעם א בעקאַנטען א שמייכעלע צוצו־ווארפען. אין

זייערע קליידער זעהט מען אן אונגעוועהנליכען לוקסוס, און דאס איז דיא אורזאך, וואס ווירקליך פאָרנעהמע פרויען קליידען זיך זעהר איינפאך.

אויסערדעם לאָזען זיך דיזע אונגליקליכע צו יעדער צייט פון אימעצן בעגלייטען. זעהר זעלטען קען עס טרע־פען, דאס א מאן וועט זיך ענטשליעסען מיט זיין געליעב־טער עפענטליך זיך צו ווייזען, און ווייל זיי קענען דיא איינזאמקייט ניט איבערטראגען, נעהמען זיי מיט אין זיי־ערע עקיפּאזשען זייערע וועניגער גליקליכע „פריינדינען,“ וואס האָבען ניט קיין עקיפּאזשען, אָדער זיי נעהמען מיט עלטערע דאמען פון דער זעלביגער פראָפעסיאָן, צו וועל־כע זיי קענען זיך גאָר אָהן בעדענקען ווענדען, ווען זיי ווי־לען וואס נעהערעס ערפאהרען איבער דיא יינגערע, וואָס בעגלייטען זיי.

מיט דיזע סימנים האָט זיך מארגעריט גאָטיער ניט אויסגעצייכענט. זיא איז שטענדיג איינע אליין אין איהר עקיפּאזש געזעסען און איז פאר דיא פארביי־געהער קוים זיכטבאר געוועזן. ווינטער פלעגט זיא זיך אין א גרויסען קאשעמיר־טוך איינהילען, און זומער פלעגט זיא זעהר איינ־פאכע קליידער טראָגען; און כאָטש זיא פלעגט אויף דעם שפּאציער זעהר פיעלע בעקאנטע בעגעגנען, פלעגט זיא זיי נאָר זעלטען גריסען אָדער צושמייכלען, אבער אזוי אנשטענדיג און פאָרנעהם, פונקט וויא זיא וואָלט געוועזן א הערצאָגין.

אזוי פלעגט זיא שטענדיג גאנץ האסטיג פאהרען דורך דיא אַללעען פון דעם „בולאָנער וועלדעלע.“ דאָר־טען פלעגט זיא אויסשטייגען און פלעגט געהן א שטונדע לאנג צופוס שפּאציערען, דאן פלעגט זיא זיך ווידער הע־ריינזעצען אין איהר עקיפּאזש און פלעגט אוועקפאהרען

אהיים מיט דער זעלביגער האסטיגקייט, מיט וועלכער זיא איז געקומען

אבער איהר עלעגאנטער און פרעכטיגער עקיפאזש איז שוין אזוי בעקאנט געווען, דאס אויף דעם „פלאץ לואי XV" האט מען צו יעדער צייט, ווען זיא איז דארטען פארביי געפאהרען, געקענט הערען אימעצען אויסרופענדיג: „אט פאהרט מארגעריט אין דעם בולאָנער־וועלדעל!"

איך דערמאָהן מיך אלע דיזע איינצעלהייטען, פון וועלכע איך בין אָפטמאָל אן עדות געווען, און איך בעדויער מארגעריט׳ס טוידט, וויא מען בעדויערט דיא פערניכטונג פון א שעהנעם קונסט־ווערק.

און עס איז אין דער ווירקליכקייט אונמעגליך געווען א שעהנערעס פרויענצימער פון מארגעריט גאָטיער צו זעהן. זיא איז געווען הויך און פיעללייכט עטוואס צו מאָגער געוואקסען, אבער זיא האָט אין העכסטען גראד בעזעסען דיא קונסט דורך דאס אויסקלייבען און איינאָרדנען פון דיא קליידער דיזע נאַטור־פעהלערן וויעדער גוט צו מאכען. איהר טוך, פון וועלכען דיא שפיצען האבען בעריהרט דיא ערד, האט געלאָזט הערויסזעהן דיא בעפוצונג פון איהר זיידענעם קלייד און דער גרויסער מוף, אין וועלכען זיא האָט איהרע הענד פערשטעקט, איז אזוי געשיקט געקנייטשט געווען, דאס אפילו דאס אויג פון א קענער וואָלט אין איהר געשטאלט קיין פעהלער ניט ענטדעקט.

דער וואונדער־שעהנער קאָפּ האט גאר א בעזונדערן חן געהאט ; עס האט אויסגעזעהן, וויא אלפרעד דע־מיוססע (א בעקאנטער פראנצויזישער ליטעראט) וואָלט זאָגען, דאס איהר מוטער האט זיך געמוזט געבען בעזאָנדערע מיהע, אז ער זאָל אזוי הערויסקומען.

דאס געזיכט האט פארגעשטעלט אן אונבעשרייבליך שעהנע און ליעבליבע רונדקייט. איהרע אויגען־ברעמען זיינען געווען אזוי רעגעלמעסיג שעהן און ריין, דאס מען האט זיי געקענט האלטען פיר געמאלטע, און דיא שווארצע אויגען זיינען געווען פערשלייערט פון לאנגע ברעמען, וואס האבען אויף דיא עטוואס רויטהע באקען געווארפען א ליעבליבען שאטען. דיא נאז איז געווען געשניצט פיין און עדעל און האט איהר גאנצען פנים געגעבען אן אויס־דרוק פון אינטעליגענץ. איהר מויל, וואס האט נאך ניט פערלארען דעם זיסען אויסדרוק פון קינדהייט, האט ווירק־ליך פערדיענט, דאס מען זאל זיך אבשטעלען, אום זיא צו בעוואונדערן. דא הויט האט געהאט יענע צארטע ווייב־קייט, אויף וועלבער דיא ליכט־שטראהלען שפיעלען זיך אזוי וואונדער־שעהן, וויא אויף דער הויט פון פערסיקעס, וועלבע קיין האנד האט נאך ניט בעריהרט.

דיא גלענצענדע שווארצע האאר זיינען אין מיטען קאפ געשייטעלט געוועזען. וויא צוויי שווארצע פליגלען האבען זייא אויף דעם שטערן כמעט ביז דיא אויגען־ברע־מען גערוהט. הינטען זיינען זיי צוזאמענגעבונדען געוועזען און האבען געלאזען הערויסזעהען דיא אונטערסטע שפיצען פון דיא אויערן, אין וועלבע עס האבען געפינקעלט צוויי דיאמאנטען אין דעם ווערטה פון אכט ביז צעהן טויזענד פראנק.

דיזער וואונדער־שעהנער קאפ האט געהאט א קינדיש־נאאיווען אויסדרוק; מען האט געקענט גלויבען, אז דיזע גרויסע, אונשולדיגע אויגען האבען קיינמאל קיין אנ־דער זאך ניט געזעהען אלס דעם בלויען הימעל, און דער מויל האט נאר גערעדט פרומע ווערטער און געגעבען ריינע, אונשולדיגע קוסען.

מארגעריט האט געלאזען מאבען איהר בילד ביי דעם

מאַלער וויד אַ ל. דיזעס אויסגעצייכענט שעהנעס בילד האָב איך עטליכע טעג ביי מיר געהאַט נאָך איהר טוידט, און עס איז דעם אָריגינאַל אַזוי עהנליך געוועזען, דאס איך האָב מיר מיט איהם בעדיענט, אום פון איהם שפּע־טער צו נעהמען יענע איינצעלהייטען, וועלכע זיינען פון מיין זכרון פיעללייכט פערלאָרען געגאַנגען.

אלס איך האב איהר וואוינונג בעזוכט, האָב איך דאָרטען איהר בילד שוין ניט געפונען; איך האָב דאָרטען נאָר געפונען אַ זייטען־שטיק צו איהר בילד אונטער דעם טיטעל „דיא שטערן־דאַמע,“ וועלכעס זיא האט געקויפט.

איינינע איינצעלהייטען, וואס קומען אין דיזען קאַפּי־טעל, האב איך ערסט שפּעטער ערפאַהרען, אָבער איך ברייננ זיי דאָ יעצט, אום שפּעטער ביי מאַרגעריט׳ס גע־שיכטע זיי נאָך אַ מאָל ניט צו דערמאָהנען.

מאַרגעריט׳ען האט מען געקענט זעהן ביי אַלע ערסטע טהעאַטער־פאָרשטעלונגען, און זיא האט יעדען אבענד צוגעבראַכט אין טהעאַטער אָדער אויף בעלער. יעדעס מאָל ווען מען האט אַ נייעס שטיק אויפגעפיהרט, איז מען זיכער געווען, אַז זיא זיצט אין איינער פון דיא אונ־טערסטע לאָזשען. דריי זאַכען פלעגען שטענדיג לעבען איהר ליעגען: אַ לאָרנעט (אָפּערן־גלאָז), אַ פּאַפּיער מיט צוקער־געבעק און אַ בינטעל ווייסע ק אַ מ ע ל י ע ן.

פינף און צוואַנציג טעג אין מאָנאַט פלעגט מען ביי איהר זעהן ווייסע קאַמעליען, אין דיא איבריגע פינף טעג, זיינען דאס אימער רויטהע געווען. דיא אורזאַכע פון דיזען פאַרבען־וועקסעל איז קיינמאָל ניט בעקאַנט געוואָרען; איך דערמאהן נאָר דעם פאַקט און קען איהם ניט ער־קלערען; דיא בעזוכער פון יענע טהעאַטערס, אין וועלכע זיא פלעגט מעהרסטענס געהן, און איהרע פריינד האבען אויך דיזען פאַרבען־וועקסעל בעמערקט.

מען האט קיינמאָל ניט געזעהען, דאס מארגעריט זאָל אַנדערע בלומען טראָגען, אַלס קאמעליען; איך וויל אָבער מיט דעם ניט זאָגען, דאס זיא האט קיין אַנדערע בלומען פון איהרע פערעהרער ערהאַלטען. דיא מאַדאם באַריאָן, וואס איז מאַרגעריט'ס בלומען-ליעפעראַנטין געוועזען, האט איהר געגעבען דעם צונאָמען: „דיא דאַמע מיט דיא קאַמעליען,“ און דיזער צונאָמען איז איהר געבליעבען.

דאס איז געוועזען אַלעס, וואס איך האָב פון איהר געוואוסט, אַלס דער בעזוך אין איהר וואוינונג האָט מיר דיא געלעגענהייט געגעבען אָן דיזע אומשטענדען מיך צו דערמאָהנען.

אויסערדעם האָב איך, וויא אַלע יונגע פּאַריזער, וואס לעבען אין געוויסע קרייזען, געוואוסט, דאס מאַרגעריט איז דיא געליעבטע פון דיא עלעגאַנטעסטע יונגע מענער, דאס זיא פלעגט דאס גאַנץ אָפען מודה זיין, און דאָס יענע יונגע לייט פלעגען זיך מיט דעם בעריהמען. דערפון איז לייכט געוועזען צו פערשטעהן, דאס ביידע צדדים זיינען איינע אויף דיא אַנדערע שטאָלץ געוועזען.

דיא לעצטע דריי יאהר אבער, וויא עס איז בעקאַנט געוועזען, האט נאָר א פרעמדער הערר, אַן אַלטער, שטייַנרייכער הערצאָג, צו איהר צוטריט געהאַט. זיא איז מיט איהם פון דעם באַדע-אָרט באַניערס צוריק נאָך פּאַריז געקומען, און האָט צוליעב איהם, וויא מען האט געזאָגט, מיט אַלע איהרע פריהערדיגע פערעהרער געבראָכען.

צום לוין פיר דיזע אַכטונג — דען דיא אַלטקייט פון דעם הערצאָג האָט שוין קיין אַנדער געניס ניט געקענט פיהלען, אַלס דעם גענוס פון אַכטונג — האָט איהר דער הערצאָג דיא אונז בעקאַנטע וואוינונג, דעם עקיפּאַזש און דיא בריליאַנטען געשענקט, און זעהר אָפט פלעגט

מען זעהן דיא געשטאלט פון דעם הערצאָג גאנץ הינטען אין דער לאָזשע, אין וועלכע מארגעריט פלעגט זיצען. ער האָט זיך פאר זיינע בעקאנטע און פריינד דורכאויס ניט געשראָקען מיט איהר זיך עפענטליך צו ווייזען.

אין דעם לעצטען יאהר פון איהר לעבען איז שוין דער אַלטער הערר פיעל זעלטענער צו איהר געקומען. דאָך האָט ער זיא אין איהר קראנקהייט זעהר גוט בעהאנדעלט און אַלס זיא איז געשטאָרבען, האָט ער זיא צום בית־עולם בעגלייטעט.

זיא איז וואהרשיינליך קיין געוועהנליכע אויסגעלאַ־סענע פרוי ניט געוועזן, ווען א גרייז־גרויער מאַן פון אזא הויכען שטאנד האָט זיך ניט געשעמט אָפען פאר דער גאנצער וועלט זיין ליעבע צו איהר הערויסצו־ווייזען.

איבער דעם פערהעלטניס צווישען מארגעריט׳ען און דעם אַלטען הערצאָג האָב איך שפּעטער פאָלגענדעס ער־פאַהרען: מארגעריט האט געליטען פון א ברוסט־פעהלער. וואָס האָט איהר שוין איינמאַל שיער דאס לעבען גע־קאָסט. דיא פּאריזער ווינטער־נעכט מיט דיא בעלער און מיט דיא וועטשערינקעס האָבען איהר קראנקהייט פערשלימערט און צום סוף אין גאנצען פיר׳ אונהיילבאר געמאכט. אין פריהלינג פון 1842 איז זי׳א אזוי שוואך און פערענדערט געוועזן, דאס דיא דאָקטוירים האָבען איהר א באדע־קור פעראָרדענט און זיא איז נאָך באניערס געגאנגען.

אין באניערס האָט געלעבט א יונגע מיידעל מיט איהר פאטער. זיא איז מערקווירדיג עהנליך געוועזן צו מארגעריט׳ען. מען האט זיי ביידען געקענט האַלטען פיר צוויי שוועסטער; אבער יענע יונגע פרעמדע איז שוין אין דריטען סטאדיום פון שווינדזוכט געוועזן, און באלד נאָכ־

דעם וויא מאַרגעריט איז אהין געקומען, איז יענע אונ־גליקליכע געשטאָרבען.

דער פאטער איז איבער דעם טוידט פון זיין קינד אין גאַנצען געבראָכען געווען, און זיין טיעפער שמערץ האט ביי יעדען איינעם דעם טיעפסטען געפיהל פון רחמנות אויפגעוועקט. קיין אָנבליק קען אונז אזוי ניט ריהרען, וויא דער אָנבליק פון אַן אַלטען, געבראָכענעם גרייז, ווען ער בעוויינט דעם טוידט פון זיין קינד. אין רעכטען מיטען פון זיין טרויער, האט דער הערצאָג בע־מערקט מאַרגעריט׳ען, וואס האט געהאט דיא זעלבינע שעהנהייט, דאס זעלבינע עלטער און דיא זעלבינע קראַנק־הייט, וויא זיין טאָכטער.

ער האט געגלויבט, דאס גאָט האט איהם מיט איהר צוזאַמענגעפיהרט, אום זיין שמערץ צו לינדערן, און מיט יענעם געפיהל פון זעלבסט־פערגעסענהייט, וועלכע מען זעהט אָפט ביי אַלטע מענשען, ווען זיי זיינען פון אַ טיע־פען טרויער געבויגען, איז ער צו איהר געגאַנגען, האט זיא אָנגענומען פיר דיא הענד, האט זיא וויינענדיג צוגעדריקט צו זיין הערצען, און ניט פרעגענדיג ווער זיא איז, האט ער ביי איהר געבעטען אום דיא ערלויבניס, זיא אָפט צו בע־זוכען.

מאַרגעריט איז מיט איהר דיענסט־מיידעל אַליין גע־וועזען, און אויסערדעם האט זיא פאַר לייטישע רייד קיין מורא ניט געהאַט. זיא האט דעם אַלטען הערצאָג ער־לויבט זיא צו בעזוכען וויא אָפט ער וויל, און זיא איז טיעף געריהרט געוואָרען פון זיין ערצעהלונג ביי זיין ערסטען בעזוך, און פון דער טרויעריגער אורזאַך, וואס האט איהם צו איהר געפיהרט.

אין באַניערס האָבען זיך אויך געפונען אזעלכע באַדע־געסט, וואס האבען מאַרגעריט׳ען זעהר גוט געקענט און

וואס זיינען ניט פויל געוועזען דעם אַלטען הערצאָג בע־קאַנט צו מאַכען מיט דיא פערהעלטניסע פון דער פּערזאָן, וועלכע ער האט כמעט פערגעטערט. דער אַלטער הערר איז פון דיזע מיטטהיילונגען טיעף ערגריפען געוואָרען, דען ער האט יעצט געקענט זעהן, דאס מאַרגעריט׳ס עהנליכ־קייט צו זיין פערשטאָרבענער טאָכטער איז נאָר אַן אוי־סערליכע געוועזען. אבער זיין עלטער און זיין שמערץ האָבען איהם באַלד מאַרגעריט׳ס פערגאַנגענהייט געמאַכט פערגעסען, איבערהויפּט נאָך דאָן, ווען זיא אַליין האט איהם אַלעס מודה געוועזען און האָט איהם וויינענדיג פער־שפּראָכען מיט איהר פערגאַנגענהייט אין גאַנצען צו ברע־כען, אויב ער וויל זיא ליעבען וויא א פאָטער — א געפיהל, וואס איז איהר אין גאַנצען ניי געוועזען, ווייל ביז יעצט האט זיא פון פאָטער־ליעבע ניט געוואוסט.

געריהרט דורך דיזע פערשפּרעכונגען, האט דער הער־צאָג דיא זינדערין געשענקט אַ גרויסען טהייל פון דער ליעבע, וועלכע ער האט צו זיין פערשטאָרבענער טאָכטער געהאַט. מאַרגעריט — דאס דאַרף מען ניט פערגעסען — איז דאַמאַלס קראַנק געוועזען, אין איהר פערגאַנגענהייט האט זיא דיא הויפּט־אורזאַכען פון איהר דאַררען געזעהן, און מיט אַ געוויסען אבערגלויבען געגלויבט, דאס פיר איהר חרטה און פיר איהר בעסערן זיך, וועט איהר גאָט שענקען איהר שעהנהייט, וואס איז איהר טהייערער פון אַלעס געוועזען.

דיא בעדער, דאס שפּאַציערען אין דער געזונדער לופט און דאס רוהיגע און רעגעלמעסיגע לעבען האָבען דיא קראַנקע כמעט ווידער אויף דיא פּיס געשטעלט, אַלס דער זומער האָט זיך געענדיגט. דער הערצאָג האט גע־קויפט אַ פּאָסט־עקיפּאַזש און האט מאַרגעריט׳ען צוריק

נאָך פאריז אָבגעפיהרט, וואו ער פלעגט זיא אָפט בעזו־כען וויא אין באַניערס.

דאס פערהעלטניס צווישען איהר און איהם, וואס זיין אמת'ע אורזאך האט קיינער ניט געוואוסט, האט אנ־גענומען א שטארקען גערודער אונטער מארגעריט'ס פריינדינען, דען דער הערצאָג איז בעקאנט געוועזען אלס א זעהר רייכער העררר און ער האט זיך צו איהר זעהר פרייגיעביג געוויעזען. מען האט זיך איינע דיא אנדערע אין דיא אויערן הערייננעשושקעט, דאס זיא האט איהם מיט א צויבער־טרונק צונעטרונקען. אין אלגעמיין האט מען דעם הערצאָג'ס צובינדליכקייט צו מארגעריט'ען בע־טראכט אלס דיא פאָלגע פון א טיעפער תאוה, וועלכע מען בעגעגענט זעהר אָפט ביי אלטע מענשען פון דיא הע־כערע קרייזען.

אָבער דעם הערצאָג'ס געפיהל צו מארגעריט'ען, איז פון א גאנץ ריינעם קוואל הערויסגעקומען. יעדעס אנדערע געפיהל, אויסער דאָס עדלע געפיהל פון רייגער פאָטער־ליעבע צו א קינד, וואָלט דער הערצאָג געווים אלס פער־ברעכען פון זיך צוריקגעוויעזען. כאָטש ער האט געוואוסט, דאס זיא איז א געפאלענעס פרויענצימער, האט ער אין איהר געגענוואַרט ניט געזאָגט קיין וואָרט, וועלכעס זיינע אן אייגענע טאָכטער וואָלט ניט טאָרען הערען.

דאס קען פיעללייכט א ביסעל משונה'דיג פאָרקומען, אבער פאקטיש איז עס ווירקליך אזוי געוועזען.

מיר ווילען אבער פון אונזער העלדין דורכאוים קיין אנדער זאך ניט מאכען, ניט מעהר וויא דאס, וואס זיא איז אין דער ווירקליכקייט געוועזען. דיא גאנצע צייט, וואס זיא האט אין באַניערס פערבראכט, איז איהר ניט שווער געוועזען צו האַלטען דאס פערשפרעכען, וועלכעס זיא האט דעם הערצאָג געגעבען און זיא האָט עס ווירקליך

געהאלטען; אלס זיא איז אבער צוריק נאך פאריז געקו־מען, האט זיא זיך דערמאהנט אן דיא בעלער און אן דאס לוסטיגע לעבען, און וועלכע זיא האט פריהער א גרויסען טהייל גענומען. זיא האט יעצט זעהר איינזאם געלעבט און דעם הערצאג׳ס רעגעלמעסיגע וויזיטען זיינען איהר איינציגע צערשטרייאונג געוועזען. אן אונזיכטבארע מאכט האט זיא מיט גרויס געוואלט צו איהרע פריהערדיגע געוואוינהייטען געצויגען.

דערצו נאך איז מארגעריט פון איהר באדע־רייזע פיעל שעהנער צוריקגעקומען, אלס זיא איז פריהער געוועזען. זיא איז ערסט צוואנציג יאהר אלט געוועזען און איהר אויף א קורצע צייט איינגעשלאפענע קראנקהייט האט פערלאנגט מעהר צערשטרייאונג און מעהר בעוועגטעס לעבען, וויא דאס איז דער פאל ביי פיעלע ברוסט־קראנקע.

ניט קוקענדיג אויף איהר פעסטען ענטשלוס אין באניערס מיט איהר פערגאנגענהייט צו ברעכען, האבען זיך פאר איהר אין פאריז קיינע אנדערע טהירען געעפענט, אלס דיא טהירען פון יענע הייזער, אין וועלכע זיא און איהרע פריינדינען האבען פריהער א צוטריט געהאט, און אפילו דיא פיינסטע פרויען, וועלכע מען האט דערצעהלט אויף וועלכער ארט און ווייזע זיא איז מיט דעם אלטען הערצאג בעפריינדעט געווארען, האבען אויף קיין פאל ניט געוואלט גלויבען, דאס נאר ריינע פריינדשאפט האלט זיי ביידען פערבונדען.

דיא קרובים פון דעם הערצאג האבען איהם גאנץ אפען ערקלערט, דאס זיין פערהעלטנים מיט מארגעריט׳ען שאדעט זעהר פיעל זיין געאכטעטען נאמען, און אום זיך און מארגעריט׳ען פון סקאנדאלען צו שיצען, האט ער פיר נויטהיג געפונען זיא וועניגער צו בעזוכען וויא פריהער.

איבערהויפּט האט ער אויסגעמיידט זיא צו בעזוכען אין יענע שטונדען, אין וועלכע מען האט זיי געקענט חושד זיין. כמעט יעדען טאָג האט ער איהר געשיקט א בילעט צו א לאָזשע אין טהעאטער, פלעגט צו איהר קומען אין לאָזשע און פלעגט דאָרטען ביי איהר נאָר א קורצע צייט פערוויילען. נאָך דער פּאָרשטעלונג פלעגט ער זיא ביז איהר וואוינונג בעגלייטען, אבער ער פלעגט צו דיזער שטונדע אין איהר וואוינונג קיינמאָל ניט הערייננעהן.

אין דיא „עליזעאישע פעלדער" פלעגט ער זיא לאָזען פּאָרבייפאָהרען און פלעגט זיא נאָכפאָהרען אין זיין עקי־פּאַזש ביז דעם „בולאָנער וועלדעל." דאָרטען פלעגען זיי א געוויסע צייט צוזאמענגעהן און פלוידערן. ער פלעגט זיך מיט דעם צופריעדען שטעלען. דאַן פלעגט זיא פאָה־רען צוריק אין איהר וואוינונג און ער פלעגט זיך אומ־קעהרען צוריק אין זיין האָטעל.

עס איז איהם גאָר אויף דיא געדאנקען ניט געקומען, דאס מאַרגעריט נאַרט איהם, דען א העלפט פון זיין צו־נייגונג איז אויף זיין פערטרויען צו איהר בעגרינדעט גע־וועזען. דארום האָט עס איהם זעהר וועה געטהאָן, אלס זיינע בעקאנטע, וואס האָבען איהם שטענדיג נאָכגעשפּיאָ־נירט, האבען איהם געבראַכט דיא זיכערע נאַכריכט, דאס זיא בעזוכט דיא בעלער וויא פריהער, און אין דיא שטונ־דען, אין וועלכע זיא איז זיכער, אז ער וועט זיא ניט אי־בעררא שען, נעהמט זיא אָן וויזיטען פון פערשיעדענע פּער־זאָנען — וויזיטען, וואס דויערן ביז דעם אנדערן מאָרגען...

נון האָט זיך דער הערצאָג איבערצייגט, דאס גאָט האט איהם נאָר א קערפּערליכע קאָפּיע פון זיין טאָכטער צוגעשיקט, און מיט טהרערען אין הארצען און אין דיא אויגען האט ער זיא געפרעגט, אויב דאס איז אֶמת, וואס מען האָט איהם פון איהר דערצעהלט.

מאַרגעריט האָט איהם מודה געוועזען, דאס מען האט איהם דעם אמת געזאָגט, און האָט איהם דיא עהרליכע עצה געגעבען פון היינט אָן מיט איהר זיך ניט צו בעשעפטיגען, דען זיא פיהלט זיך צו שוואך, אום איהר פערשפּרעכען צו האַלטען, און דאס זיא וויל שוין מעהר קיינע וואָהלטהאַטען אָננעהמען פון אַ מאַן, וועלכען זיא האָט אזוי שענדליך בעטראָגען.

אַ גאַנצע וואָך לאַנג האָט זיא דער הערצאָג ניט בעזוכט; לענגער אָבער האָט ער דאס ניט געקענט אויסהאַלטען. אויף דעם אַכטען טאָג איז ער צו איהר ווידער געקומען און האָט איהר פערשפּראָכען זיא אַזוי צו נעהמען ווא זיא איז, ער וועט איהר שוין קיין פאָרוואורף ניט מאַכען, ווען זיא וועט איהם נאָר ערלויבען צו איהר צו קומען און זיא צו זעהן.

אין אזא לאַגע זיינען זיי איינע צו דיא אַנדערע געשטאַנען דריי מאָנאַט נאָך מאַרגעריט'ס צוריק-קומען נאָך פּאַריז, און נעמליך אין נאָוועמבער אָדער אין דעצעמבער 1842.

דריטעס קאַפּיטעל.

דעם 16טען (מערץ), איינס אַ זייגער, בין איך געגאַנגען אין רי ד'אַנטין.

פון דעם טהיר-וועג האט מען געהערט וויא דער אויקציאָנער האט געשריען.

דער זאַלאָן איז געוועזען פול מיט נייגיעריגע. עס זיינען דאָרטען געוועזען אַלע בעריהמטהייטען פון דער עלעגאַנטער אויסגעלאַסענער וועלט, אויף וועלכע איינינע

גרויסארטיגע דאמען האָבען געקוקט פער'גנב'עטערהייד, און זיי האָבען זיך נאָך א מאל בענוצט מיט דעם אויס־רייד פון דער ליצעטאציע, אום צו האבען דאס רעכט צו קומען אין נאָהענטע בעריהרונגען מיט פרויען, וועלכע זיי האבען ניט געקענט טרעפען ביי אַן אנדער געלעגענהייט און וועלכע זיי האבען פערבאָרגענערהייד פיעללייכט מקנא געוועזען זייערע לייכטע פערגניגענס.

דיא הערצאָגין פון פ... איז געשטאַנען זייט ביי זייט מיט מאדעמואזעל א..., איינע פון דיא טרויעריגסטע ביישפיעלען פון אונזערע היינטיגע אויסגעלאַסענע פרויען; דיא מארקיזין פון ט... האט זיך מישב געווען אויב זיא זאָל קויפען א שטיק מעבעל, פיר וועלכעס מאדאם ד..., דיא עלעגאַנטעסטע און אונטרייסטע פרוי פון אונזער צייט, האט הויך הערייגעבאָטען; דער הערצאָג פון אי..., אויף וועלכען מען מיינט אין מאדריד, דאס ער רואינירט זיך אין פאריז, און אין פאריז, דאס ער רואינירט זיך אין מאדריד, און וועלכער גיט אין אמת'ן ניט אויס אפילו אזוי פיעל, וויא פיעל זיינע איינקינפטע בעטרעפען, האט רעדענדיג מיט מאדאם מ..., איינע פון אונזערע פעהיגסטע נאָוועלען־שרייבערינס, וועלכע איז צייטענווייז אזוי גוט צו שרייבען וואס זיא זאגט און אונטערצושרייבען וואס זיא שרייבט, דערווייל זיך איבערגעוואָרפען מיט אינטימע בליקען מיט מאדאם נ..., דיזע שעהנע בעזוכערין פון דיא שאַנז־עליזע, כמעט אימער אָנגעטהאָן אין ראָזע אדער אין בלוי, אין א קארעט מיט א פּאָאר גרויסע שווארצע פערד, וועלכע זיינען געקויפט געוואָרען ביי טאָני'ן פיר צעהן טויזענד פראנק און... וועלכע זיא האט איהם בעצאהלט מיט בארעס געלד; ענדליך מאדעמואזעל ר..., וועלכע האט בלויז דורך איהר טאלענט זיך איינגעבראכט צוויי מאָל אזוי פיעל, וויא פיעל גרויסע דאמען קריגען נאדאן,

און דריי מאָל אזוי פיעל, וויא פיעל אנדערע מאכען פון זייערע ליעבעס, איז ניט קוקענדיג אויף דיא קעלט געקר-מען קויפען מאנכע זאכען, און זיא האט אויף זיך געצוי-גען ניט וועניגער אויפמערקזאמקייט וויא יעדע אנדערע.

מיר וואָלטען געקענט געבען דיא אָנפאנגס-בוכשטא-בען פון דיא נעמען פון נאָך מעהרערע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען פערזאמעלט אין דיזען זאלאָן און וועלכע זיי-נען געווען ערשטוינט זיך דאָ צו טרעפען, אבער מיר הא-בען מורא מיר זאָלען ניט מיד מאכען דעם לעזער.

מיר ווילען נאָר דערצעהלען, דאס אלע זיינען געווען אין אַן אויסגעלאסענעם לוסטיגען מוטה און דאס צווישען דיא, וועלכע האבען זיך דאָ געפונען, האבען פיעלע דיא געשטאָרבענע געקענט, אבער עס האט אויסגעזעהען, אזוי וויא קיינער וואָלט זיא גאָר ניט געדענקט.

מען האט שטארק געלאכט; דיא אויקציאָנערען הא-בען געשריען אויפ'ן קול; דיא הענדלער, וועלכע האבען פערנומען דיא באנק הערום דעם טיש, האבען זיך אומ-זיסט בעמיהט צו מאכען שטיל דעם עולם אום זיי זאָלען קענען רוהיג טהאן זייערע געשעפטען. קיינמאָל איז א פערזאמלונג ניט געווען אזוי געמישט און אזוי אונרוהיג.

איך בין מיר רוהיג הערומגעגאנגען צווישען דיזען גע-רויש און איך האָב געפיהלט טרויריג, ווען איך האב גע-דענקט, דאס דיא ליצעטאציע האט שטאטגעפונען לעבען דעם צימער, וואו עס איז געשטאָרבען דיא אָרימע אונגליק-ליכע, וואָס מען האט פערקויפט איהרע מעבעל אום צו צאָהלען איהרע שולדען. איך בין מעהר געקומען אנצוזעהן אלס צו קויפען און איך האָב בעטראכטעט דיא געזיכטער פון דיא הענדלער — פערקויפער, וואס זייערע געזיכטס-ציגען האָבען גענומען שיינען יעדעס מאָל, וואס אַן ארטי-

קעל איז געקומען צו א פּרייז, וועלכען זיי האבען ער־
ווארטעט.

דאס זיינען געווען דיא עהרליכע לייטע, וועלכע האבען
ספּעקולירט אויף דיא אויסגעלאסענקייט פון דיזער פרוי,
וועלכע האבען פון איהר פּערדיענט הונדערט פּראָצענט,
וועלכע האָבען זיא פערפאָלגט מיט געזעצליכע פּאַפּיערען
אין דיא לעצטע מינוטען פון איהר לעבען, און וועלכע
זיינען געקומען נאָך איהר טוידט צו זאמלען דיא פרוכט
פון זייערע עהרליכע אויסרעכנונגען וויא אויך דעם פּראָ־
צענט פיר זייער שענדליכען קרעדיט.

דיא פארצייטינגע האָבען רעכט געהאט, וואס זיי האָ־
בען געהאט בלויז איין גאָט פיר הענדלער און גנבים!

קליידער, טיכער און ציערונג האבען זיך פערקויפט
אונגלויבליך שנעל. קיינע פון דיזע אלע זאכען איז מיר
געפעלען געוואָרען און איך האָב אלץ געוואַרט.

מיט א מאָל האב איך געהערט אויסשרייען:

— א בוך, שעהן געבונדען, מיט בעגולטע ברעגען,
מיט'ן טיטעל Manon Lescaut, אויף דער ערסטער זייט
איז דאָ עפּעס אויפגעשריעבען: צעהן פראנק

— צוועלף, האָט געזאָגט א שטימע נאָך דעם וויא
עס איז א לאנגע צייט געווען שטיל.

— פופצעהן, האב איך געזאָגט.

און ווארום? דאס האב איך אליין ניט געוואוסט.
געוויס דערפאר, ווייל עס איז דאָרטען געווען עטוואס
אויפגעשריעבען.

— פופצעהן, האט ווידערהאָלט דער אויקציאָנער.

— דרייסיג, האט אויסגעשריען דער ערסטער באָטער
אין א טאָן, וואס האט געשיינט צו זיין געגען דעם וואס
מען האט פריהער געבאָטען.

דאָ האט זיך אָנגעהויבען א קאמפּף.

— פינף און דרייסיג, האָב איך דאן געשריען אין דעם זעלבינגען טאָן.

— פערציג.

— פופציג.

— זעכציג.

— הונדערט.

אויב איך האָב געוואָלט מאַכען אַן איבעררעשונג, מוז איך זאָגען, אַז מיר איז עס פאָלשטענדיג געלונגען, ווייל נאך דיזען באַט איז געוואָרען זעהר שטיל, און מען האט אויף מיר געקוקט אום צו וויסען ווער איז דאס דער הערר, וואס איז געווען אַזוי פעסט ענטשלאָסען צו בעזי־צען דיזעס בוך.

עס האָט געשיינט, דאס דער טאָן, מיט וועלכען איך האב אויסגעשפראָכען מיין לעצטעס וואָרט, האט געזיעגט מיין געגנער: ער האט אויפגעגעבען דעם קאמפף, וועל־כער האט נאָר געבראכט דערצו, אַז איך זאָל בעצאָהלען פיר דאָס בוך צעהן מאָל אַזוי פיעל וויא פיעל עס איז ווערטה, און פערנייגענדיג זיך צו מיר האט ער געזאגט זעהר פריינדליך, אָבוואָהל עס איז שוין געווען שפעטליך:

— איך לאָז עס אייך אָב, מיין הערר.

קיינער האט שוין מעהר גאָרנישט געזאגט, דאס בוך איז מיר אָנגעקומען.

אזוי וויא איך האָב מורא געהאט, אז איך זאָל וויע־דער ניט הערייין אין עקשנות, און נאָכגעבען מיין אייגענ־ליעבע, וואָס דערפון וואָלט געליטען מיין קעשענע, האָב איך געלאָזען פערשרייבען מיין נאָמען און אָוועגלעגען דאָס בוך אַ זייט און איך בין אָוועגגעגאַנגען. פיעלע לייטע, וועלכע זיינען געווען דערביי, האבען זיך געוויס געפרעגט, וואָרום האָב איך בעצאָהלט הונדערט פראנק פיר אַ בוך

וועלכעם איך האב געקענט קריגען ערגעץ אנדערס פיר צעהן אדער פופצעהן פראנק העכסטענס.

אין א שטונדע הערום האב איך געשיקט נאך מיין איינגעקויפטע סחורה.

אויף דעם ערסטען זייטעל פון בוך איז געוועזן אויפ־געשריעבען אי א שעהנער האנדשריפט דיא ווידמונג פון דעם, וואס האט דאס געמאכט א מתנה. דיזע ווידמונג האט ענטהאלטען דיזע איינציגע ווערטער:

מאנאן צו מארגערית'ען, אונטערטהעניגקייט.

דאס איז געוועזן אונטערגעשריעבען: ארמאנד דיו־וואל.

וואס איז געוועזן דיא בעדייטונג פון דעם ווארט: אונטערטהעניגקייט?

האט מאנאן ערקענט אין מארגערית'ען, נאך דער מיינונג פון הערן ארמאנד דיו־וואל, דאס זיא איז געוועזן העכער פאר איהר אין אויסגעלאסענקייט אדער אין מוטה?

דיא צווייטע בעדייטונג האט געשיינט צו זיין דיא ריכטיגסטע, ווייל דיא ערסטע איז געוועזן א גראבע פריי־הייט, וועלכע מארגערית וואלט ניט געדולדעט, ניט קו־קענדיג אויף דעם וואס פיר א מיינונג זיא האט געהאט פון זיך אליין.

איך בין ווידער הערויסגעגאנגען און איך האב ניט געדיינקט פון דעם בוך ביז אבענד, ווען איך האב מיך געלעגט שלאפען.

געוויס מאנאן לעסקא איז א ריהרענדע גע־שיכטע, פון וועלכער איך וויים איטליכם פיצעלע; און פון דעסטוועגען, ווען איך נעהם דאס בוך אין מיין האנד, ווערט מיין סימפאטהיע צו איהר אויפגעלעבט; איך עפען

עס און צום הונדערטען מאָל זעה איך מיך ווידער מיט דער העלדען פון דעם קירכען־הערר פרעוואָסט.

דיזע העלדין איז אזוי ריכטיג, דאס זיא קומט מיר פאָר אזוי וויא איך וואָלט זיא געקענט. אין דיזע נייע אומשטענדען האט דער פערגלייך צווישען איהר און מארגעריט׳ען מיך מיט א מאָל צוגעצויגען דאָס צו לעזען און מיין סימפּאטהיע האט זיך פערוואנדעלט אין רחמנות, כמעט אין ליעבע צו דער אָרימער מיידעל, וואס איך האָב דאָס בוך געקויפט אויף דער ליצעטאציע פון איהר ערב־שאפט. מאנאָן איז געשטאָרבען אין א וויסטענעס, עס איז וואהר, אָבער אין דיא אָרמס פון א מאָן, וועלכער האָט זיא געליעבט מיט זיין גאנצען הערצען, און וועלכער האט, ווען זיא איז געשטאָרבען, פיר זיא אויסגעגראָבען א קבר, איהם בענעצט מיט זיינע טהרערען און דערין בע־גראָבען זיין הערץ; וועהרענד מארגעריט, וועלכע איז גע־ווען אזא זינדערין וויא זיא, איז געשטאָרבען אין מיטען גלאנץ און פראכט — אויב איך קען גלויבען דאָס וואס איך האָב געזעהען — אויף דעם בעט פון איהר פערגאנ־גענהייט, אבער דערפאר אין א וויסטענעס פון דעם הער־צען, וועלכע איז געווען ווייט טרוקענער, ברייטער און בע־דויערנסווערטהער אלס דיא, אין וועלכער מאנאָן איז בע־גראָבען געוואָרען.

וויא איך האב ערפאהרען פון איינינע פון איהרע פריינד, וועלכע האבען געוואוסט אלעס וואס מיט איהר איז געווען אין דיא לעצטע טעג פון איהר לעבען, האט מארגעריט ווירקליך ניט געהאט קיין טרויסט ביי איהר בעט אין דיא צוויי מאָנאטען וואס איהר לאנגזאמע און שמערצליכע קראנקהייט האָט געדויערט.

פון מאנאָן און מארגעריט׳ען זיינען מיינע געדאנקען געגאנגען צוריק צו יענע פרויען, וועלכע איך האב געזעהען

נעהענדיג צו דעם אונפערמיידליכען טוידט מיט געזאנג.

אָרעמע בעשעפענעס! ווען עס איז אונרעכט זיי צו ליעבען, דארף מען זיי וועניגסטענס בעדויערן. מען בעדויערט דעם בלינדען, וועלכער האט קיינמאָל ניט געזעהן דעם שיין פון טאג, דעם טויבען, וועלכער האט קיינמאָל ניט געהערט דיא מוזיק פון דער נאטור, דעם שטומען, וועלכער איז קיינמאָל ניט געוועזן אין שטאנד הערויסצוגעבען דיא שטימע פון זיין זעעלע, און אונטער דעם פאַלשען אויסרייד פון שאנדע, וויל מען ניט בעדויערן דיזע בלינדקייט פון הערצען, דיזע טויבקייט פון דער זעעלע, דיזע שטומקייט פון געוויסען, וועלכע נעהמען אוועג ביי דיא אונגליקליכע קראנקע זייער פערשטאנד און מאכען זיא נעגען זייער ווילען אונפעהיג צו זעהן וואס איז גוט, צו הערען דיא שטימע פון דער נאטור און צו רעדען דיא ריינע שפראך פון ליעבע און טרייהייט.

הוגאָ האט בעשאפען „מאריאָן דעלאָרם," דע מיוססע האט געמאכט „בערנערעט," אלעקסאנדער דיומא האט געמאכט „פערנאנדע," דיא דענקער און דיא פּאָעטען פון אַלע צייטען האבען געבראכט צו דער אויסגעלאסענער דיא אָפּפער פון זייער מיטלייד, און מאנכמאָל האט זיי א גרויסער מאן אומגעקעהרט פון זייער ארט לעבען דורך זיין ליעבע און זאגאר דורך זיין נאמען. ווען איך שטעל מיך אויף דיזען פונקט, איז עס דערפאר, ווייל צווישען דיא, וועלכע וועלען פיעללייכט לעזען דיזעס בוך, זיינען שוין פיעלע גרייט עס אוועגצו־ווארפען, מיינענדיג, דאס זיי וועלען נאר געפינען דערין אן ענטשולדיגונג פיר אויסגעלאסענקייט און צולאזענקייט, און דעם פערפאסער'ס יאהרען העלפען נאך צו צו בעשטעטיגען דיזע מיינונג. דיא וואס דענקען אזוי האבען א טעות; ווען עס איז ניטאָ

קיין אנדער זאך פאר וואס מורא צו האבען וויא דאס, מעגען זיי לעזען דאס בוך ווייטער.

פערטעס קאפיטעל.

אין צוויי טעג הערום האט זיך דיא ליצעטאציע געענדיגט. זיא האט איינגעבראכט הונדערט און פופציג טויזענד פראנק.

דיא קרעדיטארען האבען זיך געטהיילט מיט צוויי דריטעל דערפון, און דיא פאמיליע, וועלכע איז בעשטאנען פון א שוועסטער און פון א קליינעם פלעמעניק, האבען גע'ירשעט דאס איבריגע.

עס זיינען שוין געוועז אוועג זעקס אדער זיעבען יאהר זייט דיזע יונגע מיידעל האט ניט געזעהן איהר שוועסטער, וועלכע איז איין טאג פערשוואונדען און קיינער — ניט זיא ניט אנדערע — האבען געוואוסט דיא מינדסטע זאך וועגען איהר לעבען זייט זיא איז פערשוואונדען.

זיא איז גלייך געקומען אין פאריז, און דיא פערוואונדערונג פון דיא, וועלכע האבען געקענט מארגעריט'ען, איז געוועזן גרויס, ווען זיי האבען געזעהען, דאס איהר איינציגע יורשטע איז געוועזן א דיקע און שעהנע דארפסמיידעל, וועלכע האט זייט דאמאלס קיינמאל ניט פערלאזען איהר דארף.

זיא איז מיט אמאל געווארען גליקליך און זיא האט זאגאר ניט געוואוסט פון וואנען איהר אונערווארטעטעס גליק האט זיך גענומען.

מען האט מיר ערצעהלט, דאס זיא האט זיך באלד צוריקגעקעהרט אין איהר דארף, זעהר טרויעריג וועגען

איהר שוועסטער׳ס טוידט, אבער א ביסעל געטרויסט דורך דעם, וואס זיא האט אוועגגעלעגט איהר געלד אויף פיער און א האלב פראצענט.

אלע דיזע זאכען זיינען ערצעהלט געוואָרען אין פאריז — דיא מוטער פון אלע סקאנדאלען — און מען האט זיי שוין אנגעהויבען צו פערגעסען. איך האב שוין כמעט געהאט פערגעסען דעם אנטהייל, וועלכען איך האב אין דעם גענומען, אבער א נייער צופאל האט מיך בעקאנט געמאכט מיט דער גאנצער געשיכטע פון מארגעריט׳ען און מיט דיא איינצעלהייטען, וועלבע זיינען געוועזען אזוי ריהרענד, דאס זיי האבען מיך בעגייסטערט צו שרייבען דיזע ערצעהלונג, און דאס איז דיא אורזאך ווארום איך שרייב זיא.

דיא צימערן (אין וועלכע זיא האט געוואוינט) זיינען געוועזען לעער פון דיא מעבעל, און אלס זיי זיינען געוועזען צום פערדינגען פיר דריי אָדער פיער טעג, האט מען איין פריה-מאָרגען ביי מיר אָנגעקלונגען.

מיין דיענער, אדער ריכטיגער געזאגט מיין פאָרטיער, וועלכער האט ביי מיר פערנומען דיא שטעלע פון א דיע-נער, איז געגאנגען עפנען דיא טהיר; ער האָט מיר גע-בראכט א וויזיט-קארטע, און האט מיר געזאגט, דאס דיא פערזאָן, וואס האט זיא איהם געגעבען, וויל מיט מיר רעדען.

איך האב געוואָרפען מיינע אויגען אויף דיזע קארטע און איך האָב דאָרטען געלעזען דיזע צוויי ווערטער:

אַרמאַנד דיו-וואַל.

איך האב מיך געזוכט צו דערמאָהנען, וואו איך האָב שוין געזעהען דיזען נאמען, און איך האב מיך עראינערט

אָן דעם ערסטען בלעטעל פון דעם בוך פון מאנאָן לעסקאָ.

וואס האט מיך געקענט דארפען דיא פערזאָן, וועלכע האט מארגעריט'ען געשענקט דיזעס בוך? איך האב געזאגט מען זאָל גלייך לאָזען הערייננעקומען דעם מאַן, וועלכער האט געוואַרט.

איך האב דאַן דערזעהען א יונגען, בלאָנדען, הויכען, בלאַסען מאַן אין א רייזע-קאָסטיום, וועלכען, וויא עס האט געשיינט, ער האט ניט איבערגעביטען זיין איינינע טעג און זיך ניט געגעבען דיא מיה אָבצופוצען ביי'ן אָנקומען אין פאריז, דען ער איז געוועזען בעדעקט מיט שטויב.

מאָנסיער דיו-וואל איז געוועזען זעהר אויפגעריהרט און ער האט זיך קיין מיה ניט געגעבען זיין אויפגעריהרטקייט צו בעהאלטען, און מיט טהרערען אין דיא אויגען און מיט א ציטערנדער שטימע האט ער צו מיר געזאגט:

— מיין הערר, איהר וועט ענטשולדיגען, איך בעט אייך, מיין בעזוך און מיין קאָסטיום; יונגע לייט זשענירען זיך ניט פיעל איינע פאר דיא אנדערע, איך האב אייך אזוי געוואָלט זעהן היינט, דאס איך האב זאָגאר ניט גענומען קיין צייט הערונטערצוגעהן אין האָטעל, צו וועלכען איך האב צוגעשיקט מיינע קופערטען און איך בין גלייך געלאָפען צו אייך אזוי פריה, מורא האָבענדיג טאָמער וועט איהר זיין אוועג, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס עס איז נאָך אזוי פריה.

איך האָב געבעטען העררן דיו-וואל צו זעצען זיך לעבען דעם פייער; ער האט עס גלייך געטהאָן און האָט הערויסגענומען פון זיין טאש א טיכעל, אין וועלכען ער האט אויף א מאָמענט בעהאלטען זיין געזיכט.

— איהר מוזט ניט פערשטעהן, האט ער געזאגט מיט

א טרויריגען שמייכעל, וואס דיזער אונבעקאנטער בעזו־כער וויל פון אייך אין אזא שטונדע און אזא קאסטיום מיט טהרערען אין דיא אויגען.

— איך קום איינפאך, מיין העדר, אייך בעטען א גרויסע געפעליגקייט.

— רעדט, מיין העדר, איך בין אין גאנצען צו אייערע דיענסטע.

— זייט איהר געוועזען ביי דער ליצעטאציע פון מאר־גערים גאטיער?

בי דיזען ווארט איז דיא אויפגערעהרטקייט, וועלכע דיזער יונגער מענש האט ביז אהער איבערגעשטארקט, מיט א מאל געווארען צו שטארק פיר איהם און ער איז געוועזען געצוואונגען צוטראגען זיינע הענד צו דיא אויגען.

— איך מוז אייך פארקומען לעכערליך, האט ער ווייטער געזאגט, — ענטשולדיגט מיר אויך פיר דיזעס, און זייט זיכער, דאס איך וועל קיינמאל ניט פערגעסען דיא געדולד, מיט וועלכער איהר ווילט מיך אויסהערען.

— מיין העדר, האב איך געענטפערט, אויב דיא גע־פעליגקייט, וועלכע איך זאל אייך קענען טהאן, וועט א ביסעל קענען שטילען דעם שמערץ, וועלכען איהר צייגט הערויס, זאגט מיר גיך, צו וואס איך קען אייך גוט זיין, און איהר וועט זעהן, דאס איך וועל מיך פיהלען גליקליך אייך צו דיענען.

דער שמערץ פון מאנסיער דיו־וואל האט הערויסגע־רופען מיטלייד, און נעגען מיר אליין האב איך געוואלט זיין פריינדליך צו איהם.

ער האט מיר דאן געזאגט:

— איהר האט עטוואס געקויפט אויף מארגעריט'עס ליצעטאציע?

— יע, מיין העדר, א בוך.

— מאנאָן לעסקאָ?

— יע.

— האט איהר נאך דיזעס בוך?

— עס ליעגט אין מיין שלאָף־צימער.

ביי דיזער נאכריכט איז ארמאנד דיו־וואַלין, וויא עס האט געשיינט, הערשאב א שטיין פון הערצען און ער האט מיך בעדאנקט אזוי וויא איך וואָלט איהם שוין געטהאָן א געפעליגקייט מיט דעם, וואס איך האב געהיט דיזעס בוך.

איך האב מיך דאן אויפגעהויבען, בין הערייננעגאנגען אין מיין צימער נעהמען דאס בוך און האב עס איהם דערלאַנגט.

— דאס איז עס, האט ער געזאגט בעטראַכטענדיג דיא ווידמונגס־אויפשריפט אויף דער ערסטער זייט און בלעטערנדיג דאס בוך, דאס איז עס.

און צוויי גרויסע טהרערען זיינען געפאַלען אויף דיא זייטען פון בוך.

— מיין הערר, האט ער געזאגט אויפהייבענדיג זיין קאָפּ אויף מיך און בעמיהענדיג זיך אַלץ מעהר פון מיר צו בעהאַלטען, דאס ער האט געוויינט און דאס ער איז געוועזען פערטיג וויעדער צו וויינען, — האט פיר אייך דיזעס בוך א גרויסען ווערטה?

— געגען וואס פרעגט איהר עס, מיין הערר?

— איך קום אייך בעטען איהר זאָלט עס מיר אָב לאָזען.

— ענטשולדיגט מיר מיין נייגיערדע, האב איך דאן געזאָגט, — זייט איהר אַלזאָ דער, וואס האט עס אוועג־געשענקט צו מארגעריט גאָטיער?

— דאס בין איך אַליין.

— דיזעס בוך געהערט צו אייך, מיין חעויר, נעהמט

עס צוריק, איך פיהל מיך גליקליך, דאס איך קען עס אומקעהרען.

— אבער, האט געזאגט מאנסיער דיו־וואל, אין פערלעגענהייט, וועניגסטענס דארף איך דאך אייך געבען דעם פרייז, וועלכען איהר האט בעצאהלט.

— ערלויבט מיר עס אייך אוועגצוגעבען אזוי. דער פרייז פון אן איינציגען באנד אין אזא ליצעטאציע איז א קלייניגקייט, און איך קען מיך ניט עראינערן וויא פיעל איך האב פיר דיזען בעצאהלט.

— איהר האט פיר איהם בעצאהלט הונדערט פראנק.

— עס איז וואהר, האב איך געזאגט אין פערלעגענהייט, אבער וויא אזוי ווייסט איהר עס?

— גאנץ איינפאך, איך האב געהאפט אנצוקומען אין פאריז אין צייט פיר מארגעריט'ס ליצעטאציע און איך בין ערסט אנגעקומען היינט אין דער פריה. איך האב דורכאוים געוואלט האבען איהרע א זאך און איך בין אוועגגעלאפען צו דעם אויקציאנער איהם בעטען אום ערלויבניס איבערצוזעהן דעם צעטעל פון דיא פערקויפטע ארטיקלען און דיא נעמען פון דיא קויפער. איך האב געזעהען, דאס דיזעס בוך איז אנגעקומען צו אייך און איך האב מיך בעשלאסען אייך צו בעטען מיר עס אבצולאזען, אבוואהל דער פרייז, וועלכען איהר האט דאפיר נעגעבען, האט מיך געמאכט פירכטען, דאס איהר אליין האט געוואלט בעזיצען דיזעס בוך אלס אנדענקען פון איהר.

זאגענדיג דיזע ווערטער האט ארמאנד געשיינט צו פערדעכטיגען, דאס איך האב געקענט מארגעריט'ען אזוי וויא ער האט זיא געקענט.

איך האב מיך געאיילט איהם הערויסצונעהמען פון טעות.

איך האָב מאדעמואזעל גאָטיער נאָר געקענט פון זעהן, האָב איך צו איהם געזאָגט; איהר טוידט האט אויף מיך געמאכט דעם איינדרוק, וועלכען עס מאַכט אימער אויף א יונגען מענשען דער טוידט פון א לוסטיגער פרוי, וועלכע ער האט געהאט פערגניגען צו בעגעגנען. איך האָב עט־וואָס געוואָלט קויפען אויף איהר ליצעטאציע און איך האָב, איך ווייס ניט פאר וואָס, מיך איינגעשפארט העריבער־צושטייגען פיר דיזעם בוך אום אויסצופיהרען א נצחון מיט איינעם, וועלכער האט זיך איינגע'עקשנ'ט וויא אויף להכעיס אום איך זאָל עס ניט האָבען. אלזאָ איך זאָג אייך נאָך א מאָל, מיין העררי, דאס בוך איז בעשטימט פיר אייך און איך בעט אייך נאָך א מאָל עס אָנצונעהמען פריי, אום איהר זאָלט עס ניט קריגען פון מיר וויא איך האב עס געקראָגען פון דעם אויקציאָנער און אום עס זאָל צווישען אונז זיין א לענגערע און אינטימערע בעקאַנט־שאַפט.

— אלזאָ גוט, מיין העררי, האָט מיר ארמאנד גע־זאָגט געבענדיג דיא האנד און דריקענד'ג מיין האנד, איך נעהם עס אָן און איך וועל אייך דאפיר דאנקבאַר זיין מיין גאנצעם לעבען.

איך האָב שטארק געוואָלט ארמאנד'ן פרעגען וועגען מאַרגעריט'ען און דער ווידמונג פון דעם בוך, וועגען דער רייזע, וועלכע דער יונגער מאן האט געמאכט, און ווארום ער איז געוועזען אזוי להוט צו בעזיצען דיזעס בוך, וויל איך בין געוועזען זעהר נייגיעריג, אָבער איך האָב מורא געהאט דאָס צו פרעגען ביי מיין בעזוכער אום עס זאָל ניט אויס־קומען, דאס איך האָב מיך ענטזאגט פון איהם צו נעה־מען געלד, אום איך זאָל האבען דאס רעכט מיך צו מישען אין זיינע אינטערעסען.

עס האט אויסגעזעהען, דאס ער האט געטראָפען וואס איך האָב פערלאנגט, ווייל ער האט צו מיר געזאָגט:

— האָט איהר געלעזען דיזעס בוך?

— אין גאנצען.

— וואס האט איהר געדענקט פון דיא צוויי ציילען, וועלכע איך האב געשריעבען?

— איך האָב גלייך פערשטאנען, דאס אין אייערע אויגען האט דיא אָרימע יונגפרוי, וועלכער איהר האָט געשענקט דיזעס בוך, געמאכט אן אונטערשיעד, ווייל איך האב מיר ניט פאָרגעשטעלט, דאס איהר האָט געוואונשען אויסצודריקען אין דיזע איינינע ווערטער א געוועהנליכען קאָמפלימענט.

— און איהר האט רעכט געהאט, מיין הערר. דיזע יונגפרוי איז געוועזען אן ענגעל. האלט, לעזט דיזען בריעף, האט ער געזאָגט.

און ער האָט מיר דערלאנגט א פאפיער, וועלכעס איז, וויא עס האט אויסגעזעהען, איבערגעלעזען געוואָרען פיעלע מאָל.

איך האב עס געעפענט און זיין אינהאלט איז געוועזען פאָלגענדער:

„מיין טהייערער אַרמאנד — איך האב ערהאלטען אייער בריעף, איהר זייט נאָך צו מיר גוט און איך דאנק נאָט דאפיר. יע, מיין פריינד, איך בין קראנק, אָבער מיט אזא קראנקהייט, וועלכע קען ניט געהיילט ווערען; אָבער דאס אינטערעסע, וואס איהר נעהמט נאָך אין מיר פערקלענערט מיינע ליידען. איך וועל געוויס ניט לעבען לאנג גענוג אום צו האבען דאס גליק, צו דריקען דיא האנד, וועלכע האט געשריעבען דעם גוטען בריעף, וואס איך האב ערהאלטען, וועלכענ'ס ווערטער וואָלטען מיך געקענט היילען, ווען עס וואָלט פיר מיך געוועזען א

רפואה, איך וועל אייך ניט זעהן, ווייל איך בין נאָהענט צום טוידט און הונדערט מיילען זונדערן אונז אָב. אָרי־מער פריינד! אייער אמאָליגע מארגעריט האט זיך שוין פיעל אומגעביטען, און עס איז גלייכער, אז איהר זאָלט זיא שוין בעסער גאָר ניט זעהן איידער זיא צו זעהן אין דעם צושטאנד, אין וועלכען זיא איז. איהר פרעגט מיך, אויב איך פערצייהע אייך; אָ מיט'ן גאנצען הערצען, מיין פריינד, ווייל דער שאָדען, וועלכען איהר האט מיר גע־וואָלט טהאָן איז נאָר געווען א בעווייז פון דער ליעבע, וועלכע איהר האט געהאט פיר מיך. איך בין שוין אין בעט זייט א מאָנאט, און איך האלט אזוי פיעל פון אייער פריינדשאפט, דאס יעדען טאָג שרייב איך הערריין אין מיין טאגע־בוך, וואס עס האָט פאסירט פון דעם טאָג אָן וואס מיר האָבען זיך פערלאָזען, ביז דער צייט, ווען איך וועל שוין מעהר ניט קענען שרייבען.

„אויב איהר נעהמט ווירקליך אינטערעסע אין מיר, ארמאנד, זאָלט איהר צוריקקעהרענדיג זיך הערייננגעהן צו זשוליע דאפראט. זיא וועט אייך געבען מיין טאגע־בוך. דאָרטען וועט איהר געפינען דיא אורזאך און דיא ענט־שולדיגונג פיר מיין אויפפיהרונג געגען אייך. זשוליע איז געוועזן זעהר גוט צו מיר; מיר רעדען אָפט וועגען אייך ווען מיר זיינען צוזאמען. זיא איז געוועזן מיט מיר ווען אייער בריעף איז אָנגעקומען און מיר האבעןביידע גע־וויינט איהם לעזענדיג.

„אין פאל ווען איך וואָלט פון אייך ניט מעהר גע־הערט, איז זיא אָנגעזאָגט געוואָרען, אז זיא זאָל אייך איבערגעבען דיזע פאפיערען, ווען איהר וועט אָנקומען אין פראנקרייך. דאנקט מיר ניט דאפיר. דיזע טעגליכע עראינערונג פון דיא איינציגע גליקליכע אויגענבליקען פון מיין לעבען טהוט מיר זעהר פיעל גוטס. ווען איהר גע־

פינט אין דיזע ציילען אן ענטשולדיגונג פיר מיינע פריהער דיגע אויפפיהרונג, געפין איך אין זיי א גרויסע ערלייב־טערונג.

„איך וואלט אייך וועלען איבערלאזען עפעס וואס זאל אייך דערמאהנען אן מיר, אבער אלעס וואס געפינט זיך אין מיינע צימערן איז אבגעשריעבען און קיין זאך געהערט נישט צו מיר.

„פערשטעהט איהר, מיין פריינד? איך געה שטאר־בען, און פון מיין שלאף־צימער הער איך הערומגעהן אין סאלאן דעם היטער, וועלכען מיינע קרעדיטארען האבען דארטען אוועגגעשטעלט, אום מען זאל גאר נישט הערויס־טראגען, און פיר מיך וועט גאר נישט בלייבען, ווען איך זאל בלייבען לעבען. איך גלויב זיי וועלעןווארטען ביז מיין ענדע איידער זיי וועלען אנהויבען צו מאכען דעם אויספערקויף.

„א! דיא מענשען זיינען אונבארמהערציג! — אדער ניין, איך איר מיך, גאט איז גערעכט און פעסט איז זיין אורטהייל.

„אלזא, טהייערער געליעבטער, איהר וועט קומען צו מיין ליצעטאציע, און איהר וועט דארטען עפעס קויפען, וויל ווען איך וואלט אבגעלעגט דיא קלענסטע זאך פיר אייך און זיי זאלען עס ערפאהרען, וואלטען זיי זיין פעהיג אייך צו פערפאלגען פיר צונעהמען זאכען, וועלכע זיינען אבגעשריעבען געווארען.

„א טרויריגעס לעבען איז יענעס, וועלכעס איך פערלאז.

„וויא גוט גאט וואלט זיין, ווען ער וואלט מיר ער־לויבען אייך נאך א מאל צו זעהן איידער איך שטארב! אבער העכסט וואהרשיינליך האב איך זיך מיט אייך צו זעגענען, מיין פריינד; ענטשולדיגט מיר וואס איך שרייב

איך ניט מעהר, דיא הערצען, וועלכע האבען פערשפראָכען מיך אויסצוקורירען האבען מיר אָבגעשוואכט מיינע קרעפטען דורך בלוט-לאָזען, און מיין האנד ענטזאגט זיך מעהר צו שרייבען.

„מאַרגעריט גאָטיער."

ווירקליך, דיא לעצטע ווערטער האט מען קוים געקענט לעזען.

איך האב צוריקגעגעבען דיזען בריעף צו אַרמאַנד'ן, וועלכער האט איהם געוויס נאך א מאָל איבערגעלעזען אין זיינע געדאַנקען וועהרענד איך האב איהם געלעזען אויפ'ן פאַפּיער, ווייל ווען ער האט איהם צוגענומען האט ער צו מיר געזאָגט:

— ווער וואָלט עס ווען געגלויבט, דאס אן אויסגעלאַסענע מיידעל האט דאס געשריעבען! און זעהר אויפגעריהרט פון זיינע עראינערונגען, האט ער איינינע צייט בעטראַכטעט דיא האַנדשריפט פון דיזען בריעף, און האט איהם ענדליך געטראָגען צו זיינע ליפּען.

— און ווען איך דערמאָהן מיך, האט ער ווידער אָנגעהויבען, דאס דיזע איז טוידט און איך האב זיא ניט געקענט און וועל זיא שוין ניט קענען זעהן — ווען איך דענק, דאס זיא האט פיר מיך געטהאָן וואס א שוועסטער וואָלט פיר מיך ניט געטהאָן, קען איך מיר ניט פערצייהען וואס איך האב זיא געלאָזען אזוי שטאַרבען.

געשטאָרבען! געשטאָרבען! דענקענדיג וועגען מיר, שרייבענדיג און הערויסרעדענדיג מיין נאָמען, אָרימע, טהייערע מארגעריט!

און אַרמאַנד, פערנאַנדער(?)א עגדיג זיך פריי מיט זיינע געדאַנקען און טהרערען, האט מיר גענעבען דיא האַנד און האט געזאָגט ווייטער:

— מען וועט מיך האלטען פיר א קינד, ווען מען זאָל זעהן וויא איך בעטרויער אזוי דעם טוידט פון אזא מיידעל, אָבער דאס איז דערפאר ווייל מען וויים ניט, דאס איך האב דיזעס פרויענצימער געמאכט צו ליידען, מען וויים ניט וויא גרויזאם איך בין געוועזן און וויא זיא איז געוועזן גוט און געדולדיג. איך האב אַלץ געדענקט, דאס איך האב איהר צו פערצייהען, היינט זעה איך, דאס איך בין אפילו ניט ווערטה דיא פערצייהונג, וועלכע זיא גיט מיר. אָ! איך וואָלט אוועגגעבען צעהן יאָהר פון מיין לעבען אום צו פערגיעסען טהרערען ביי איהרע פיס.

עס איז אימער שווער צו טרויסטען א שמערץ, וואס מען וויים ניט זיין אורזאַך, אָבער איך האב געפיהלט אזוי פיעל מיטלייד צו דיזען יונגען מאַן, וועלכער האט מיך געמאכט פערטרויט אין זיין שמערץ, דאָס איך האב געדענקט, דאס מיינס א וואָרט וועט איהם אינטערעסירען און איך האָב צו איהם געזאָגט:

— האט איהר קיין פערוואַנדטע, פריינד? פערליערט ניט קיין האָפנונג. געהט זעהט זיך מיט זיי און זיי וועלען אייך טרויסטען, ווייל איך קען אייך ניט מעהר וויא בעדויערן.

— דאס איז ריכטיג, האט ער געזאגט אויפהויבענדיג זיך און אומגעהענדיג מיט גרויסע טריט הין און צוריק אין מיין צימער, איך בעלעסטיג אייך. ענטשולדיגט מיר, איך האָב גאָר ניט נאָכגעדענקט, דאס מיין שמערץ דאַרף אייך פיעל ניט אָנגעהן, און דאס איך בעלעסטיג אייך מיט א זאַך, וועלכע קען ניט און דאַרף אייך ניט אינטערעסירען איין האָאָר.

— איהר פערשטעהט פאַלש דעם זין פון מיינע ווערטער, איך וויל אייך גערן דיענען, און איך בעדויער נאָר, וואס איך האב ניט דיא מעגליכקייט צו לינדערן אייער

שמערץ. ווען מיין געזעלשאפט און דיא געזעלשאפט פון מיינע פריינד וואָלטען אייך קענען צערשטרייען, קורץ, ווען איהר נויטהיגט אייך אין מיר פיר וואס עס איז, וויל איך, אז איהר זאָלט וויסען, דאס עס וועט מיך זעהר פריי-ען אייך צו דיענען.

— פערצייהעט, פערצייהעט, האט ער געזאגט צו מיר, אין שמערץ שטעלט מען זיך פאָר מעהר וויא עס איז. ערלויבט מיר דאָ צו פערבלייבען נאָך א פאָאר מינוטען, צו טריקענען מיינע אויגען, אום דיא לעדיג-געהער אין גאס זאָלען ניט אָנקוקען וויא א ווילדע זאך א גרויסען יונג וואס וויינט. איהר האט מיך גליקליך געמאכט מיט דעם וואס איהר האט מיר געגעבען דיזעס בוך; איך וועל קיינמאָל ניט וויסען וויא אייך צו דאנקען פיר דאס, וואס איהר האט פיר מיך געטהאָן.

-- איהר קענט מיר דאנקען מיט אייער פריינדשאפט, האב איך געזאגט צו ארמאנד'ן, און מיט דעם וואס איהר וועט מיר ערצעהלען דיא אורזאך פון אייער שמערץ. מען פיהלט זיך לייכטער, ווען מען ערצעהלט דיא ליידען.

— איהר האט רעכט; אבער היינט מוז איך וויינען, און מיינע ווערטער וועלען זיך ניט קלעפען. אן אנדער טאג וועל איך אייך מאַכען בעקאנט דיזע געשיכטע און איהר וועט זעהן, אויב איך האב רעכט, וואס איך בעדויער דיא אָרימע מיידעל. און יעצט, האט ער ווייטער געזאגט אָבווישענדיג צום לעצטען מאָל זיינע אויגען און איינקו-קענדיג זיך אין שפיגעל, זאגט מיר, דאס איהר האלט מיך ניט פיר א נאר, און איהר ערלויבט מיר אייך וויע-דער צו בעזוכען.

דער יונגער מענש האט אויסגעזעהען אזוי גוט און אנגענעהם, דאס איך האב איהם געוואָלט אומארמען. טהרערען זייענן ווידער געקומען אין זיינע אויגען;

ער האט געזעהען, דאס איך האב עס בעמערקט און ער האט אָבגעווענדעט זיין בליק פון מיר.

— האט מוטה, האב איך צו איהם געזאגט.

— אדיע, האט ער צו מיר דאן געזאגט.

און געבענדיג זיך פיעל מיה ניט צו וויינען, איז ער אוועג פון מיר אזוי גיך וויא ער האט געקענט.

איך האב אויפגעהויבען דעם פאָרהאנג פון מיין פענסטער, און איך האב געזעהען וויא ער איז הערייגגעגאנגען אין דיא קארעט, וועלכע האט אויף איהם געווארט ביי דער טהיר; אבער וויא ער איז הערייג, האט ער אויסגעבראָכען אין טהרערען און ער האט בעהאלטען זיין געזיכט אין זיין טיכעל.

פינפטעס קאַפיטעל.

א ציעמליך לאנגע צייט איז אוועג און איך האב גאָרנישט געהערט פון ארמאנד'ן, אָבער דערפאר האט מען אָפט גערעדט פון מארגעריט'ען.

איך ווייס ניט אויב איהר האט עס בעמערקט, ווען עס ווערט א מאָל פאר אייך הערויסגערעדט דער נאָמען פון א פערזאָן, וואס האט אייך געשיינט צו דארפען בלייבען אונבעקאנט אָדער וועניגסטענס גלייכגילטיג, הויבען זיך געוויסע איינצעלנע זאכען צו זאמלען הערום דיזען נאָמען און איהר הערט מיט א מאָל אלע אייערע פריינד רעדען וועגען יענעם, פון וועמען זיי האבען מיט אייך קיינמאָל ניט גערעדט. איהר וועט דאן געפינען, דאס יענע פערזאָן איז מיט אייך כמעט געקומען אין בעריהרונג, איהר וועט בעמערקען, דאס זיא א״ פיעלע

מאָל אייך פארביי געגאנגען, אָבוואָהל איהר האט זיא ניט בעמערקט; איהר וועט געפינען אין דיא פאסירונגען, וועלכע ווערען אייך ערצעהלט, א צוזאמענטרעפעניס, א ווירקליכע שייכות צו געוויסע פאסירונגען פון אייער אייגענעם לעבען. ביי מיר איז גראדע אזוי ניט געוועזן דער פאל מיט מארגעריטען, ווייל איך האב זיא געהאט געזעהען, בעגעגענט, געקענט אויפ'ן געזיכט און אויך געוואוסט איהרע פיהרונגען; פון דעסטוועגען איז זייט יענער ליצעטאציע איהר נאָמען אזוי אָפט געקומען צו מיינע אויערן, און אין דעם פאל, וועלכען איך האב ערצעהלט אין דעם פאָריגען קאפיטעל, איז דיזער נאָמען געוועזן געמישט מיט אזא טיעפען שמערץ, דאס איך בין געוואָרען מעהר און מעהר ערשטוינט, און מיין נייגיערדע האט זיך פערגרעסערט.

און דעריבער, ווען איך האב זייט דאן נאָר בעגעגענט מיינע פריינד, מיט וועלכע איך האב קיינמאָל ניט גערעדט וועגען מארגעריט'ען, האב איך געזאָגט:

— האט איהר געקענט איינע מיט'ן נאָמען מארגעריט גאָטיער?

— דיא קאמעליענ-דאמע?

— יע.

— אָ, זעהר גוט.

דיזער „זעהר גוט" איז אָפט געווען בעגלייטעט מיט א שמייכעל, וועלכער האט ניט געלאָזען קיין צווייפעל וועגען זיין בעדייטונג.

— אלזאָ, וואס פיר א סאָרט מיידעל איז זיא געוועזן? האב איך ווייטער געפרעגט.

— א גוט-הערציגעס מיידעל.

— איז דאס אלעס, וואס איהר ווייסט?

— גאָט מיינער, יע! זיא האט פיעללייכט געהאט מעהר פערשטאנד און מעהר געפיהל אַלס דיא אַנדערע.
— און איהר ווייסט גאָרנישט בעזאָנדערס וועגען איהר?
— זיא האט רואינירט דעם באראָן דע ג...
— נאָר דאס אַליין?
— זיא איז געוועזען דיא מעטרעסע פון דעם אַלטען הערצאָג פון...
— איז זיא ווירקליך געוועזען זיין מעטרעסע?
— מען זאָגט אזוי; ער האט איהר יעדענפאַלס געגע־בען פיעל געלד.
אימער האבּ איך געהערט דיא זעלבּיגע געשיכטע.
איך בין אָבער געוועזען נייגיעריג צו וויסען עפּעס וועגען דער פערבינדונג פון מארגעריט׳ען און ארמאנד׳ן.
איך האָב איין טאָג בעגעגענט איינעם פון דיא, וואס לעבּען אימער אינטים מיט דעם בעוואוסטען סאָרט פרויען. איך האב איהם געפרעגט
— האט איהר געקענט מארגעריט גאָטיער?
— איך האָב געקריגען אַלס אַנטוואָרט דעם זעלבּיגען „זעהר גוט.“
— וואָס פיר א מיידעל איז זיא געוועזען?
— א שעהנע און א גוטע. איהר טוידט האָט מיר זעהר לייד געטהאָן.
— האָט זיא ניט געהאט א ליעבּהאָבער מיט׳ן נאָמען ארמאנד דיו־וואל?
— א גרויסער, א בלאָנדער?
— יע
— ריכטיג.
— ווער איז געוועזען דיזער ארמאנד?
— איך דענק, א ייגנעל, וועלכער האט מיט איהר

געגעסען דאס ביסעל וואָס ער האט געהאט, און וועלבער איז געווען געצוואונגען זיא צו פערלאָזען. מען זאָגט, דאס ער איז געווען משוגע פיר זיא.

— און זיא?

— זיא האט איהם אויך שטארק ליעב געהאט, זאָגט מען, אָבער אזוי וויא אזעלכע מיידלאך ליעבען. מען דארף ניט פערלאנגען מעהר, וויא זיי קענען געבען.

— וואס איז געוואָרען מיט ארמאנד'ן?

— איך וויים ניט. מיר האָבען איהם וועניג געקענט. ער איז געבליעבען פינף אָדער זעקס מאָנאטען מיט מאר־געריט'ען, אָבער אויף דעם לאנד. ווען זיא איז געקומען צוריק, איז ער אוועקגעפאָהרען.

— און איהר האָט איהם זייט דאן ניט געזעהען?

— קיינמאָל.

איך האָב ארמאנד'ן אויך ניט מעהר געזעהען. איך האב זיך אליין אָנגעהויבען צו פרעגען, צו האָט דיא נאָכ־ריכט פון מארגעריט'עס טוידט ניט איבערטריעבען זיין פריהערדיגע ליעבע און אויך זיין שמערץ אין דער צייט, וואס ער איז ביי מיר געווען צו בעזוך, און איך האב צו מיר אליין געזאָגט, פיעללייכט האט ער שוין צוזאמען מיט דיא טוידטע אויך פערגעסען דעם צוזאָג, וואס ער האט מיר געגעבען, מיך וויעדער צו בעזוכען.

דיזע מיינונג וואָלט שיינען צו זיין א ריכטיגע, ווען עס וואָלט זיך האנדלען פון אן אנדער פערזאָן; אָבער אין דעם שמערץ פון ארמאנד'ן איז געווען אן ערנסטער טאָן, און איבערגעהענדיג פון איין עק צום אנדערן, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, דאס דיזער שמערץ האט איהם קראנק געמאכט, און דאס דיא אורזאך ווארום איך האָב פון איהם ניט געהערט איז געווען, דאס ער איז געווען קראנק אָדער פיעללייכט טוידט.

איך האָב מיך ניט ווילענדיג אינטערעסירט אין דיזען יונגען מאַן; פיעללייכט איז אין דיזען אינטערעסירען זיך געווען עגאָאיזמוס; פיעללייכט האב איך געדענקט, אז אונטער דיזען שמערץ איז געווען א ריהרענדע געשיכטע פון ליעבע, און ענדליך, פיעללייכט האט מיין וואונש צו דערגעהן דיא געשיכטע געהאט פיעל צו טהאָן מיט דיא זאָרג, וועלכע איך האב געהאט וועגען ארמאנד׳ס שטיל-שווייגען.

אזוי וויא מאָנסיער דיו-וואַל איז ניט געקומען צו מיר, האב איך מיך בעשלאָסען צו געהן צו איהם. אַן אויס-רייד איז ניט געווען שווער צו געפינען; אָבער צום אונגליק האָב איך ניט געוואוסט זיין אדרעס, און צווישען אלע דיא, וועלכע איך האב געפרעגט, האט מיר איהם קיינער ניט געקענט זאָגען.

איך בין אוועג אין רי ד׳אנטין. מאַרגעריט׳עס פּאָר-טיער (טהיר-היטער) האט פיעללייכט געוואוסט, וואו ארמאנד האט געוואוינט. אָבער דאָרטען איז יעצט געווען א נייער פּאָרטיער און ער האט אזוי געוואוסט זיין אדרעס וויא איך. איך האב מיך דאן ערקונדיגט וועגען דעם בית-עולם, וואו מען האט בעערדיגט מאַדעמואזעל גאָ-טיער. דאס איז געווען דער בית-עולם מאָנמאַרטר.

דער מאָנאט אפּריל איז אָנגעקומען, דאס וועטער איז געווען שעהן, דיא קברים האבען שוין מעהר ניט געדאַרפט אויסזעהן אזוי טרויריג און וויסט וויא אין ווינטער; עס איז שוין געווען גענוג ווארם אום דיא לעבעדיגע זאָלען זיך דערמאָהנען אָהן דיא טוידטע און זיי בעזוכען. איך בין אוועגגאַנגען אויפ׳ן בית-עולם, זאָגענדיג צו מיר אליין: איין קוק אויף מאַרגעריט׳עס קבר וועט מיר זאָגען קלאָר אויב ארמאנד׳ס שמערץ דויערט נאָך, און איך וועל פיעללייכט ערפאַהרען, וואס מיט איהם איז געוואָרען.

איך בין הערייננעגאנגען אין דעם וועכטער׳ס שטיבעל און איך האָב איהם געפרעגט, אויב דעם 22-טען פעברואר איז א פרוי מיט׳ן נאָמען מארגעריט גאָטיער בעערדיגט געוואָרען אויף דעם בית-עולם מאָנמארטר.

דיזער מאן האט געבלעטערט א גרויסעס בוך, אין וועלכען עס זיינען פערשריעבען און נומערירט אלע יענע, וועלכע קומען הערייז אין דיזען לעצטען רוה-אָרט, און ער האט מיר געענטפערט דאָס דעם 22-טען פעברואר, אום מיטטאָג-צייט, איז דאָ ווירקליך בעערדיגט געוואָרען א פרוי מיט דיזען נאָמען.

איך האב איהם געבעטען, דאס ער זאָל אימעצען הייסען מיך אוועגפיהרען צום קבר, ווייל עס איז געווען אונמעגליך אָהן א וועג-ווייזער צו געפינען זיין אָרט אין דיזער טוידטען-שטאָדט, וועלכע האט איהרע גאסען, גראדע וויא א שטאָדט פון לעבעדיגע. דער וועכטער האט גערופען א גערטנער, וועלכען ער האט געגעבען דיא נויטהיגע סימנים, און וועלכער איז איהם הערייננעפאלען אין דיא רייד, זאָגענדיג: „איך וויים, איך וויים... אָה! דעם קבר איז זעהר לייכט צו דערקענען,״ האט ער ווייטער געזאָגט זיך ווענדענדיג צו מיר.

— ווארום? האב איך צו איהם געזאָגט.

— ווייל דיא בלומען אויף איהם זיינען אנדערש וויא אויף דיא אנדערע.

— זייט איהר דאס, וואס גיט אויף איהם אכטונג?

— יע, מיין הערר, און איך וואָלט געוואונשען, דאס אלע פערוואנדטע זאָלען אזוי פיעל אָבהיטען דיא טוידטע, וויא דער יונגער-מאן, וועלכער האָט מיר אָנגעזאָגט וועגען איהם.

נאָך איינינע ווענדונגען האט זיך דער גערטנער אָבגעשטעלט און צו מיר געזאָגט:

— דאָ איז עס.

ווירקליך, איך האָב פאָר מיינע אויגען געהאט א פיער־עקיגעס בערגעל בלומען, וועלבעס מען וואלט קיינמאל ניט אָנגענומען פיר א קבר, ווען א שטיק ווייסער מאר־מאָר, וואס האט געטראָגען א נאמען, וואלט עס ניט געזאָגט.

דיזער מארמאָר איז געשטאנען גראד אין אייזערנע שטאַנקעטקעס האבען הערומגענומען דאס געקויפטע שטי־קעל ערד, און דיזעס שטיקעל ערד, איז געווען בעדעקט מיט ווייסע קאמעליען.

— וואָס זאָגט איהר צו דעם? האט דער גערטנער מיך געפרעגט.

— עס איז זעהר שעהן.

— און יעדעס מאָל וואס א קאמעליענ־בלום ווערט פערוועלקט, בין איך אָנגעזאָגט געוואָרען אוועגצולעגען נייע.

— און ווער האט דאס אייך אָנגעזאָגט?

— א יונגער מאַן, וועלכער האט פיעל געוויינט דאס ערסטע מאָל, וואס ער איז דאָ געקומען; א געוועזענער ליעבהאָבער פון דער געשטאָרבענער, געווים, ווייל עס זעהט אויס, אז זיא איז געווען אן אויסגעלאסענע פרוי. מען זאָגט, דאס זיא איז געווען זעהר שעהן. האט איהר זיא געקענט, מיין הערר?

— יע.

— וויא דער אנדערער הערר? האט מיך דער גערט־נער געפרעגט מיט א בייזען שמייכעל.

— ניין איך האב קיינמאל מיט איהר ניט גערעדט.

— און דאך קומט איהר זיא זעהן! דאס איז זעהר עדעל פון אייער זייט, ווייל דיא וואס קומען זעהן דאס אָרימע מיידעל מאַכען דעם בית־עולם ניט פול.

— קומט דא אלזא קיינער ניט?

— קיינער, אויסער דער יונגער הערר, וועלכער איז געקומען איין מאל.

— נאר איין מאל?

— יע, מיין הערר.

— און ער איז זייט דאמאלס מעהר ניט געקומען?

— ניין, אבער ער וועט דא זיין, ווען ער וועט קומען צוריק.

— ער איז אלזא פעררייזט?

— יע.

— און איהר ווייסט וואו ער איז?

— ער איז, גלויב איך, ביי מאדעמואזעל גאטיער׳ס שוועסטער.

— און וואס טהוט ער דארטען?

— ער איז געגאנגען זיא בעטען, זיא זאל איהם ער־לויבען העדויסצונעהמען דיא טוידטע פון דאנען און זיא צו בעערדיגען אנדערס־וואו.

— פאר־וואס זאל ער זיא ניט לאזען היער?

— איהר ווייסט, מיין הערר, דאס מענשען האבען זאנדערבארע אידעען וועגען דיא טוידטע. מיר זעהען דאס יעדען טאג. דיזעס שטיקעל ערד (דער קבר) איז נאר געקויפט געווארען אויף פינף יאהר, און דיזער יונ־גער־מאן וויל פיר זיא האבען א עוויגען קבר און אויך א גרעסערעס שטיקעל ערד, אין דעם נייען טהייל פון בית־עולם וועט עס זיין בעסער.

— וואס רופט איהר אן דעם נייעם טהייל פון בית־עולם?

— דיא נייע קברים, וועלכע מען פערקויפט יעצט צו דער לינקער זייט. ווען דיעזער בית־עולם וואלט אימער געהאלטען געווארען וויא יעצט, וואלט זיין געבליבען ניט

געוועז אין דער וועלט; אבער עס איז נאָך דאָ זעהר פיעל צו טהאָן, איידער ער זאָל זיין, וויא ער דארף זיין. און דאַן האבען זיך מענשען זייערע משוגעת'ן.

— וואס מיינט איהר דערמיט צו זאגען?

— איך מיין דערמיט צו זאגען, דאס עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע זיינען שטאָלץ זאָגאר אויף אזא'ן אָרט. עס שיינט, דאס דיזעס מעדכען גאָטיער האט געפיהרט א ביסעל אַן אויסגעלאַסענעס לעבען, ענטשולדיגט מיר פיר דעם אויסדרוק. יעצט איז דיא אָרימע יונגפרוי טוידט, און פון איהר בלייבט איבער גראָדע אזוי פיעל, וויא פון דיא יעניגע, פון וועלכע עס איז נישטאָ וואס צו רעדען, וועלכע מיר בענעצען מיט וואסער יעדען טאָג. ווען דיא פריינד פון יענע, וועלכע ליעגען לעבען איהר, האבען גע־הערט, ווער זיא איז געוועזן, האבען זיי זיך הערייננענומען אין קאָפּ צו זאָגען, דאס זיי זיינען געגען דעם, וואס מען האט זיא דאָ אוועגגעלעגט, און דאס מען האט פיר אזא סאָרט פרויען געדארפט האָבען קברים אויף א בעזונדערן אָרט, וויא פיר דיא אָרימע לייט. האט איהר ווען גע־הערט אזוינס? איך האב זיי גוט געגעבען — דיא גרויסע בעלי־בתים, וועלכע קומען ניט קיין פיער מאָל א יאהר צו בעזוכען זייערע טוידטע, וועלכע ברייננען אליין זייערע בלומען, און זעהט וואס פיר א בלומען! וועלכע זיינען קאַרג אויסצוהאַלטען דיא קברים פון יענע, פיר וועלכע זיי וויי־נען, זאָגען זיי; וועלכע שרייבען אָן אויף זייערע קברים טהרערען, וועלכע זיי האבען קיין מאָל ניט פערגאָסען. און וועלכע קומען יעצט זיך בעקלאָגען וועגען דעם, וואו זייערע טוידטע ליעגען. איהר וועט מיר גלויבען אָדער ניט, מיין הערר, איך האב דיזעס מיידעל ניט געקענט, איך וויים ניט וואס זיא איז געוועזן; נאָר איך ליעב זיא. דיזע אָרימע קליינע, און איך גיב אכטונג אויף איהר און איך בעזאָרג

זיא מיט קאמעליען פיר דעם קלענסטען פרייז. דאס איז מיין ליעבלינגס־טוידטע. מיר, מיין הערר, זיינען מאנכמאל געצוואונגען צו ליעבען דיא טוידטע, ווייל מיר זיינען אזוי בעשעפטיגט, דאס מיר האבען כמעט קיין צייט ניט צו ליעבען אימעצען אנדערס.

איך האב אָנגעקוקט דיזען מענשען, און מאנכע פון מיינע לעזער וועלען פערשטעהן, אָהן מיין זאָגען, וואס פיר א בעוועגונג עס איז פאָרגעקומען אין מיין געמיטה, וועז איך האב מיך צוגעהערט צו זיינע רייד.

ער האט עס געוויס בעמערקט, ווייל ער האט ווייטער געזאָגט:

— מען זאָגט, דאס עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע האבען זיך רואינירט פיר דיזעס מעדכען, און דאס זיא האט געהאט ליעבהאָבער, וועלכע האבען זיא פערגעטערט; ווען איך בעדענק אלזאָ, דאס עס קומט קיין איינציגער, וואס זאָל איהר קויפען אפילו א בלום, קומט עס מיר פאָר זעהר זאָנדערבאר און טרויריג. און דאָך האט זיא זיך ניט וואס צו בעקלאָגען, ווייל זיא האט איהר קבר, און ווען עס איז אפילו ניט מעהר דאָ וויא איינער, וואס זאָל זיך עראינערן אָן איהר, טהוט ער אָבער פיר זיא דאס וואס אלע אנדערע וואָלטען פיר זיא געטהאָן, אבער מיר האבען היער מיידלאך פון דעם זעלביגען סאָרט און פון דעם זעלביגען אלטער, וועלכע מען ווארפט הערייז אין אן איינפאכען קבר, און עס ברעכט מיר מיין הערץ, ווען איך זעה וויא מען ווארפט הערייז זייערע אָרימע קערפערס אין ד׳רערד, און קיין איינציגער, בעקימערט זיך וועגען זיי ג.ט מעהר, ווען זיי זיינען טוידט! אונזער בעשעפטיגונג איז ניט אימער קיין אנגענעהמע, איבערהויפט ווען ביי אונז בלייבט נאָך איבער א ביסעל געפיהל. וואס ווילט איהר? איך קען מיינע געפיהלען ניט איבערשטאַרקען, איך

האב א שעהנע פיינע טאָכטער פון צוואנציג יאָהר, און ווען מען ברייננגט היער א טוידטע פון איהר אלטער דענק איך פון איהר, און עס מאכט ניט אויס, ווער זיא איז, א גרויסארטיגע דאמע אָדער א הערומטרייבערין, איך קען ניט איינהאלטען מיינע געפיהלען.

אָבער איך מאך אייך געוויס לאנגוויילינ מיט מיינע געשיכטען און איהר זייט דאָך ניט געקומען זיי אויסצוהערען. מען האט מיר געהייסען אייך צופיהרען צום קבר פון מאדעמואזעל גאָטיער, און דאָ זייט איהר; קען איך אייך מיט נאָך עטוואָס דיענען?

— ווייסט איהר דעם אדרעס פון מאָנסיער ארמאנד דיו־וואל? האָב איך געפרעגט דיזען מענשען.

— יע, ער וואוינט אין רי דע... וועניגסטענס איז דאס דער אָרט, וואו איך גיה נאָך געצאָהלט פיר דיא אלע בלומען, וועלכע איהר זעהט.

— דאנקע, מיין פריינד.

איך האב געוואָרפען אויף דיזען בלומען־קבר א לעצטען בליק, מיט וועלכען איך האב געוואָלט דורכדרינגען דיא טיעפענים אום צו זעהן, וואס דיא ערד האט געמאכט פון דער שעהנער בעשעפענים, וועלכע מען האט דערין הערייננעוואָרפען, און איך האב מיך ערווייטערט זעהר טרויריג.

— וויל דער הערר זעהן מאָנסיער דיו־וואל? האט ווידער גענומען רעדען דער גערטנער, וועלכער איז געגאנגען ביי מיין זייט.

— יע.

— איך בין גאנץ זיכער, דאס ער האט זיך נאָך ניט אומגעקעהרט פון זיין רייזע, זאָנסט וואָלט איך איהם שוין האבען געזעהען היער

— איהר זייט אַלזאָ איבערצייגט, דאס ער האט מאַר־גערים׳ען ניט פערגעסען?

— איך בין ניט נאָר איבערצייגט אין דעם, נאָר איך וואָלט וועטען, אז דאס וואס ער וויל בייטען דעם קבר איז נאָר דערפאר, ווייל ער וואָלט זיא ווידער וועלען זעהן.

— וויא אזוי?

— דאס ערסטע וואָרט, וואס ער האט צו מיר גע־זאָגט, ווען ער איז געקומען אויפ׳ן בית-עולם, איז געווען: וויא מאַכט מען, אז מען זאָל זיא קענען זעהן נאָך א מאָל? דאס וואָלט נאָר זיין מעגליך, ווען מען זאָל בייטען דעם קבר, און איך האב איהם געגעבען צו וויסען וועגען אַלעס, וואס מען האט נויטהיג צו טהאָן אום דיזע בייטונג אויסצו־ווירקען, ווייל איהר דארפט וויסען, דאס אום איבערצו־פיהרען דיא טוידטע פון איין קבר אין אַן אַנדערן, דארף מען זיי דערקענען, און נאָר דיא פאַמיליע קען ערלויבען צו טהאָן אזא זאך, ביי וועלכער דער פּאָליציי-קאָמיסאַר דארף אַכטונג געבען. אָט וועגען דיזער ערלויבניס איז מאָנסיער דיו-וואַל אוועגגעפאָהרען צו דער שוועסטער פון מאַדעמואזעל גאָטיער און זיין ערסטער בעזוך וועט געווים זיין צו אונז.

מיר זיינען אָנגעקומען צום טהויער פון בית-עולם; איך האב ווידער בעדאנקט דעם גערטנער הערצלענגנד־דיג איהם אין האנד עטליכע מטבעות און איך בין אוועג אויף דעם אדרעס, וועלכען ער האט מיר געגעבען.

ארמאנד האט זיך נאָך ניט געהאט צוריקגעקעהרט.

איך האב איהם איבערגעלאָזען א פּאָאָר ווערטער, בעטענדיג, דאס ווען ער וועט קומען זאָל ער מיך בעזוכען, אָדער מיר לאָזען זאָגען, וואו איך וועל איהם קענען גע־פינען.

דעם צווייטען טאָג אין דער פריה האב איך פון דיו־

וואָל'ן געקריגען א בריעף, אין וועלכען ער האט מיר גע־געבען צו וויסען פון זיין קומען צוריק און מיך געבעטען צו קומען צו איהם, ערקלערענדיג, דאס אזוי וויא ער איז זעהר מיד איז פיר איהם אונמעגליך הערויסצוגעהן פון הויז.

זעקסטעס קאפיטעל.

איך האב געפונען ארמאנד'ן אין זיין בעט. דערזעהענדיג מיך האט ער אויס־געשטרעקט זיין ברענענדע האנד.

— איהר האט פיעבער, האב איך צו איהם געזאגט.

— דאס איז גאָרנישט, מיד פון א שנעלער רייזע, דאס איז אלעס.

— איהר קומט פון מארגעריט'עס שוועסטער?

— יע, ווער האט עס אייך געזאָגט?

— איך וויים עס, און איהר האט אויסגעווירקט דאס, וואס איהר האט געוואָלט?

— יע; אָבער — ווער האט אייך דערצעהלט פון דער רייזע און — צו וועלכען צוועק איך בין געגאנגען?

— דער גערטנער פון דעם בית־עולם.

— איהר האט געזעהען דעם קבר?

איך האב קוים געקענט ענטפערן, ווייל דער טאָן פון דיזער פראגע האט מיר בעוויעזען, דאס דער וואס האט זיא הערויסגעזאָגט, איז נאָך געווען אזוי אויפגערייהרט וויא איך האב שוין פריהער געזעהען, און דאס יעדע מאָל, וואס זיין געדאנק אָדער אימעצענ'ס א וואָרט האט איהם הערויפגעבראכט דיזען טרויריגען געגענשטאנד, האבען זיינע אויפגעריהרטע געפיהלע איהם איבערמעכ־טיגט פיר א לאנגע צייט.

איך האב מיך אלזא צופריעדען געשטעלט איהם צו ענטפערן מיט א שאקעל מיט'ן קאפ.

— האט ער אויף איהם אכטונג געגעבען? האט ווייטער געפרעגט ארמאנד.

צוויי גרויסע טהרערען האבען זיך הערא־בגעקייקעלט אויף דיא באקען פון דעם קראנקען, וועלכער האט אבגעקעהרט דעם קאפ אום זיי פון מיר צו בעהאלטען. איך האב געמאכט א מיענע וויא איך וואלט זיי ניט געזעהען און איך האב מיך בעמיהט צו ענדערן דאס געשפרעך.

שוין דריי וואכען זייט איהר האט אבגערייזט, האב איך צו איהם געזאגט.

ארמאנד האט א פיהר געטהאן מיט'ן האנד איבער זיינע אויגען און האט מיר געענטפערט:

— דריי וואכען אקוראט.

— אייער רייזע האט געדויערט לאנג.

— אָ! איך האב דיא גאנצע צייט ניט גערייזט, איך בין געווען קראנק 15 טעג, זאנסט וואלט איך שוין לאנג געקומען צוריק; קוים בין איך דארטען אנגעקומען האט מיך אנגעכאפט א פיעבער און איך בין געווען געצוואונגען צו זיין אין בעט.

— און איהר זייט געקומען צוריק ניט געקורירט.

— ווען איך וואלט פערבליבען אכט טעג לענגער אין יענעם ארט, וואלט איך געווען טוידט.

— אבער יעצט, אז איהר זייט שוין געקומען צוריק, מוז מען אויף אייך אכטונג געבען; אייערע פריינד וועלען אייך קומען זעהן, און איך, ווען איהר וועט מיר ערלויבען, וועל זיין דער ערסטער.

— אין צוויי שטונדען וועל איך אויפשטעהן.

— דאס איז ניט גלייך!

— איך מוז.

— וואס האט איהר אזוינס צו טהאן, דאס איהר מוזט אייך איילען?

— איך דארף געהן צו דעם פאליציי-קאמיסאר.

— ווארום שיקט איהר ניט אן אנדערן אויף דיזען גאנג. וועלכער קען אייך נאך מאכען קראנקער וויא איהר זייט?

—דאס איז דיא איינציגע זאך, וועלכע קען מיך קורירען. איך מוז זיא זעהן. פון דער צייט אן וואס איך האב ערפאהרען וועגען איהר טוידט, און איבערהויפט זייט איך האב געזעהען איהר קבר, שלאף איך ניט. איך קען מיר גאר ניט פארשטעלען, דאס דיזע פרוי, וועלכע איך האב איבערגעלאזען אזוי יונג און שעהן, איז טוידט. איך מוז מיך פון דעם אליין איבערציינען. איך מוז זעהן דאס, וואס דיא נאטור האט געמאכט פון דעם געגענשטאנד, וועלכען איך האב אזוי געליעבט, און פיעלייכט וועט דיא שרעקליכקייט פון דער סצענע אבמעקען דיא פערצווייפלונג פון מיין עראינערונג; איהר וועט מיך בעגלייטען... ווען דאס וועט אייך ניט זיין זעהר אונאנגענעהם.

— וואס האט אייך געזאגט איהר שוועסטער?

— גארנישט, זיא האט אויסגעזעהן צו זיין זעהר ערשטוינט, דאס א פרעמדער זאל וועלען קויפען א שטיקעל ערד און לאזען מאכען א קבר פיר מארגעריט'ען, און זיא האט מיר באלד אונטערגעשריעבען דיא ערלויבניס, וועלכע איך האב פון איהר פערלאנגט.

— ווען איהר ווילט מיך פאלגען זאלט איהרווארטען מיט'ן איבערבייטען דעם קבר ביז איהר וועט ווערען גוט געזונד.

— א! איך בין גאנץ געזונד, זייט רוהיג. אויסערדעם פיהל איך, דאס איך וואלט ווערען משוגע ווען איך זאל דיזען בעשלוס ניט אויספיהרען וואס צום גיכסטען, ווייל

דיא אויספיהרונג פון דיזען בעשלוס איז געווארען א נויטה־ווענדיגקייט פיר מיין שמערץ. איך שווער אייך, דאס איך קען ניט רוהיג בלייבען ביז איך וועל נים האבען גע־זעהען מארגעריט׳ען, דאס איז פיעללייכט א פאנטאזיע פון מיין ברענענדען פיעבער, א טרוים פון שלאף־לאזע נעכט, א זאך וואס קומט פון משוגעת; ווען אפילו איך זאל דארפען ווערען א טראפיסט (מאנאך) וויא מאנסיער דע ראנסע, נאך דעם וויא ער האט געזעהען (דעם קער־פער פון זיין געליעבטער), וועל איך זיא אויך זעהן.

— איך פערשטעה עס, האב איך געזאגט צו אר־מאנד׳ן, און איך בין אין גאנצען פערטיג צו אייערע דיענסטע; האט איהר געזעהען זשוליע דיופראט?

— יע, איך האב זיא געזעהן דעם זעלביגען טאג, וואס איך בין געקומען צוריק.

— האט זיא אייך איבערגעגעבען דיא פאפיערען, וועלכע מארגעריט האט פיר אייך געלאזען?

— דא זיינען זיי.

ארמאנד האט ערויסגעצויגען א פעקעל צוזאמענגע־ראלטע פאפיערען פון אונטער זיין קיסען, און האט עס גלייך ערונטערגעלעגט צוריק.

— איך ווייס אויסוועניג וואס אין דיזע פאפיערען שטעהט, האט ער צו מיר געזאגט. פיר דיא לעצטע דריי וואכען האב איך זיי איבערגעלעזען צעהן מאל א טאג. איהר וועט זיי אויך לעזען, אבער שפעטער, ווען איך וועל זיין מעהר ברוהיגט און ווען איך וועל זיין אין שטאנד אייך פערשטענדליך צו מאכען דיא ליעבע און דיא געפיה־לען, וועלכע דיזע פאפיערען ענטהאלטען.

— דער ווייל פערלאנג איך פון אייך איין טובה.

— וועלכע?

— איהר האט א קארעט פאר דער טהיר?

— יע.

— ווילט איהר נעהמען מיין פאספארט און געהן אויף די פאסט פרעגען, אויב עס זיינען ניטא פיר מיך קיין בריעף? מיין פאטער און מיין שוועסטער האבען מיר גע דארפט שרייבען אין פאריז, און איך האב אבגערייזט אין אזא איילענעס, דאס איך האב מיר ניט גענומען קיין צייט צו געהן נאכפרעגען פאר מיין אבפאהרען. ווען איהר וועט קומען צוריק וועלען מיר געהן צוזאמען צו געבען וויסען דעם פאליציי־קאמיסאר וועגען דער צערעמאניע, וואס וועט דארפען פארקומען מארגען.

ארמאנד האט מיר דערלאנגט זיין פאספארט און איך בין אוועג אין רי זשאן־זשאק רוססא.

עס זיינען אויף דער פאסט געוועזען צוויי בריעף ־יר דיו־וואל'ן, איך האב זיי גענומען און בין געקומען צוריק.

ווען איך בין אנגעקומען צוריק איז ארמאנד געווען אין גאנצען אנגעטהאן און פערטיג הערויסצוגעהן.

— דאנק, האט ער מיר געזאגט נעהמענדיג זיינע בריעף. יע, האט ער ווייטער געזאגט, נאך דעם וויא ער האט בעקוקט דיא אדרעסען, יע, דאס איז פון מיין פא־טער און פון מיין שוועסטער. זיי האבען געוויס ניט פער־שטאנען דיא אורזאך פון מיין שווייגען.

ער האט געעפענט דיא בריעף און האט פיעל מעהר זייער אינהאלט געטראפען אלס געלעזען, ווייל יע־דערער פון זיי איז געווען פון פיער זייטען און אין אן אוי־גענבליק האט ער זיי צוזאמענגעלעגט.

— לא'מיר געהן, האט ער מיר געזאגט, איך וועל ענטפערן מארגען.

מיר זיינען געגאנגען צו דעם פאליציי־קאמיסאר, וועל־כען ארמאנד האט דערלאנגט דיא ערלויבנים פון מארגע־ריט'עס שוועסטער.

דער קאָמיסאַר האט איהם דאן געגעבען א צעטעל פיר דעם וועכטער פון דעם בית-עולם, און עס איז אָבגעמאַכט געוואָרען, דאס דיא ענדערונג פון דעם קבר זאָל שטאַט-פינדען דעם אנדערן טאָג, צעהן אוהר אין דער פריה, דאס איך זאָל איהם קומען נעהמען מיט א שטונדע פריהער און דאס מיר זאָלעןביידע צוזאַמען אַוועגגעהן אויפ׳ן בית-עולם.

איך בין אויך געווען גיעריג צו העלפען ביי דעם ספעקטאַקל, און איך בין מודה, דאס איך בין דיא נאַכט ניט געשלאָפען.

ווען איך זאָל אורטהיילען פון דיא געדאנקען, וועלכע האבען מיך ניט געלאָזען שלאָפען, האט דיזע נאַכט פיר ארמאנד׳ן געדארפט זיין זעהר א לאַנגע.

ווען איך בין אויף מאָרגען אום ניין אוהר הערייגגע-גאנגען צו איהם אין הויז, איז ער געווען שרעקליך בלאַס, אָבער ער האט געשיינט צו זיין רוהיג.

ער האט צו מיר געשמייכעלט און האט מיר דער-לאַנגט זיין האַנד.

זיינע ליכט האבען אויסגעברענט ביז דיא לעצטע שטיקלאך, און פאר׳ן הערויסגעהן האט ארמאנד גענומען זעהר א דיקען בריעף, וועלכער איז געווען אדרעסירט צו זיין פאָטער און וועלכער האט געוויס ענטהאַלטען זיינע איינדריקע פון דער פאָריגער נאַכט.

אין א האלבע שטונדע הערום זיינען מיר אָנגעקומען אויף מאָנמארטר.

דער קאָמיסאַר האט שוין אויף אונז געוואַרט.

מיר זיינען געגאַנגען לאַנגזאם צו מארגעריט׳עס קבר, דער קאָמיסאַר איז געגאַנגען פריהער, ארמאנד און איך זיינען נאָכגעגאַנגען אויף איינינע טריט נאָך איהם.

פון צייט צו צייט האָב איך געפיהלט וויא מיין קאָ-

פאניאָנ'ס אָרמס האבען קאָנוואולסיוו געציטערט, אזוי וויא א קעלט וואָלט זיי מיט אמאָל דורכגעלאָפען. דאָן האב איך אויף איהם א קוק געטהאָן; ער האט פערשטאנען מיין בליק און האט צו מיר געשמייכעלט, אָבער פון דער צייט וואס מיר זיינען הערויסגעגאנגען פון זיין הויז האבען מיר ניט געוועקסעלט קיין איינציגעס וואָרט.

ניט ווייט פון דעם קבר האָט זיך ארמאנד אָבגעשטעלט אום אָבצו־ווישען זיין געזיכט, אויף וועלכען עס האָבען געפלאָסען גרויסע טראָפענס שוויים.

איך האָב דיזען אָבשטעל בענוצט, אָבצוכאפען דעם אָטהעם, ווייל מיין הערץ איז געוועזען צוזאמענגעדריקט.

פון וואנען קומט דאס קלעגליכע פערגניגען, וועלכעס מען נעהמט זיך פון אזעלכע ספעקטאקלען? ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום קבר, האט דער גערטנער צוגענומען די בלומען־טעפ, דאס אייזערנע סטאקעט איז צוגעבאפט געוואָרען און צוויי מענשען האבען אויפגעהאקט די ערד.

ארמאנד האט זיך אָנגעשפארט אָן א בוים און האט געקוקט.

עס האט געשיינט, אז זיין גאנצע לעבענס־קראפט איז העריבערגעגאנגען אין זיינע אויגען.

מיט א מאָל האט איינע פון די צוויי רידלען זיך געגעבען א קלאפ אָן א שטיין.

ביי דיזען קלאפ האָט זיך ארמאנד געגעבען א כאפ צוריק וויא אויפגעציטערט פון עלעקטריציטעט און האָט מיין האנד געדריקט מיט אזא קראפט, דאס עס האט מיר וועה געטהאָן.

איינער פון די קברות־לייט האָט גענומען א גרויסע רידעל און האָט לאנגזאם אויסגעלעדיגט דעם קבר; דאָן יוס זיינען שוין דאָרטען מעהר ניט געבליעבען וויא

דיא שטיינער, וועלכע האבען בעדעקט דיא טרונע, האָט ער זייא הערויסגעוואָרפען איינציגווייז.

איך האב געבליקט אויף ארמאנד'ן, ווייל איך האב מורא געהאט, דאס זיינע געפיהלען, וועלכע, וויא עס האָט אויסגעזעהן, ער האָט אויסגעדריקט, זאָלען איהם נים איבערמעכטיגען, אָבער ער האָט געהאלטען אין קוקען: זיינע אויגען זיינען געווען אויסגעשטעלט און אָפען אזוי וויא ער וואָלט געוועזן משוגע, און נאָר א לייכטעס ציטערן פון דיא באקען און פון דיא ליפען האבען געוויעזען, דאס ער האט געליטען פון א שטארקער אויפרעגונג פון דיא נערוועז.

וואָס אנבעטרעפט מיך, קען איך נאָר זאָגען איין זאך: איך האָב בעדויערט, וואס איך בין דאָ געקומען.

ווען דיא טרונע איז געווען אין גאנצען אָבגעדעקט, האָט דער קאָמיסאר געזאָגט צו דיא גרעבער:

— עפענט.

דיעזע לייטע האָבען געפאָלגט און האָבען עס געטהאָן אזוי וויא דאס וואָלט געווען דיא געוועהנליכסטע זאך אין דער וועלט.

דיא טרונע איז געווען פון דעמבאָווען האָלץ און דיא לייטע האבען אָנגעהויבען אָבצושרויפען דאס אויבערסטע דעקעל. דיא פייכטקייט פון דער ערד האָט פערראָסטעט דיא שרויפען און דיא טרונע האָט זיך געעפענט בלויז מיט מיה. עס איז פון איהר הערויס א פאסקודנער ריח, נים קוקענדיג אויף דיא שמעקענדע פלאנצען, וועלכע זיינען געלעגען אין איהר.

— אָ, מיין גאָט! מיין גאָט! האָט געמורקעלט אר־מאנד און ער איז געוואָרען נאָך בלאסער וויא פריהער.

דיא גרעבער אליין זיינען אויך אָבגעגאנגען צוריק.

דעם טוידטען קערפער האָט בעדעקט א גרויסעס וויי־

סעם טוידטענ־טוך, פון וועלכען עס האט זיך טהיילס הע־רויסגעזעהן דיא פיגור. דיעזעס טוידטען־טוך איז ביי איין ענדע געווען כמעט אין גאנצען צופרעסען און האט געלאזען הערויסשטעקען א פוס פון דער טוידטער.

מיר איז כמעט ניט־גוט געווארען, און זאגאר יעצט, ווען איך שרייב דיעזע ציילען, קומט מיר דיעזע סצענע פאַר אין איהר גאנצער שוידערליכער ווירקליכקייט.

— לא׳מיר איילען, האט געזאגט דער קאמיסאר.

דאן האט איינער פון דיא צוויי לייטע אויסגעשטרעקט דיא האנד, האט זיך גענומען אויפטרענען דאס טוידטענ־טוך, און אננעהמענדיג עס פיר איין עק, האט ער פלוצלינג אַבגעדעקט מארגעריט׳עס געזיכט.

דאס איז געווען שרעקליך צו זעהן, דאס איז שרעקליך צו ערצעהלען.

דיא אויגען זיינען נאר געווען צוויי לעכער, דיא ליפען זיינען פערשוואונדען, און דיא ווייסע צייהנער זיינען געווען איינגעשטשימעט איינע אין דיא אנדערע. דיא לאַנגע שווארצע האָאר און טרוקענע זיינען געווען צוגעקלעפט צו דיא שלייפען און האבען א ביסעל פערדעקט דיא גרינע גריבער פון דיא באקען, און דאָך האב איך דערקענט אין דיזען געזיכט דעם ווייסען, רויטהען און לעבעדיגען פנים, וועלכען איך האב אזוי אָפט געזעהען.

ארמאנד, וועלכער האט ניט געקענט אבווענדען זיין בליק פון דיזער געשטאלט, האט געטראגען זיין טיכעל צו זיין מויל און האט עס געביסען.

וואס מיך אנבעטרעפט, האט זיך מיר אבגעדוכט דאס אן אייזערנער באנד האט געדריקט מיין קאפ, דאס א שלייער האט פערדעקט מיינע אויגען, און דאס א גערויש האט אנגעפילט מיינע אויערן; און אלעס וואס איך האב געקענט טהאן איז געווען, צו עפנען א פלעשעל, וועלכעס

איך האב צופעליגערהייד מיטגעבראכט און שטארק איינ־צואטהמען דיא זאלצען, וועלכע זיינען דערין געוועזן.

אין מיטען פון דיזער פערבלענדונג האב איך געהערט וויא דער קאמיסאר האט געזאגט צו מאנסיער דיו־וואל:

— דערקענט איהר?

— יע, האט געענטפערט דער יונגער מאן אין א כמעט אונהערבארער שטימע.

— אלזא פערמאכט און נעהמט צו, האט געזאגט דער קאמיסאר.

דיא גרעבער האבען צוריק הערייבערגעווארפען דאס טוידטענ־טוך איבער דעם פנים פון דער טוידטער, האבען פערמאכט דיא טרונע, האבען זיא יעדערער גענומען פיר א זייט און זיי זיינען געגאנגען צו דעם ארט, צו וועלכען זיי זיינען געוועזן אנגעזאגט זיא צו טראגען.

ארמאנד האט זיך ניט געריהרט. זיינע אויגען זיינען געוועזן צוגעשמידט צו דיזען לעערען קבר; ער איז געוועזן בלאס וויא דער טוידטער קערפער, וועלכען מיר האבען עבען געזעהען... ער האט אויסגעזעהן וויא פערשטיינערט.

איך האב געוואוסט וואס עס וועט פאסירען ווען דער ספעקטאקעל וועט זיין פאראיבער און ווען דער שמערץ וועט דורך דעם ווערען קלענער און וועט אלזא מעהר ניט אנהאלטען.

איך בין צוגעגאנגען צו דעם קאמיסאר.

— איז נויטהיג, אז דיזער הערר זאל דא נאך זיין? האב איך איהם געפרעגט אנווייזענדיג אויף ארמאנד'ן.

— נייז, האט ער צ מיר געזאגט; איך ראטה אייך זאגאר, אז איהר זאלט איהם אוועגפיהרען, ווייל ער זעהט אויס צו זיין קראנק.

— קומט, האב איך דאן געזאגט צו ארמאנד'ן איהם נעהמענדיג פיר'ן ארם.

— וואס? האט ער געפרעגט, קוקענדיג אויף מיך אזוי וויא ער וואלט מיך ניט דערקענט.

— שוין נאך אלעמען, האב איך ווייטער געזאגט, איהר מוזט שוין געהן פון דאנען, מיין פריינד, איהר זייט בלייך, איהר זייט פערקיהלט, איהר וועט אייך אוועג-הרג'ענען מיט דיזע אויפרעגונגען.

— איהר האט רעכט, לא'מיר געהן, האט ער געענט-פערט מעכאניש, אבער ניט ריהרענדיג זיך פון ארט.

איך האב דאן אנגענומען ביי'ן ארם און האב איהם אבגעצויגען.

ער האט זיך געלאזען פיהרען וויא א קינד, נאר מורמלענדיג פון צייט צו צייט:

— האט איהר געזעהען דיא אויגען?

און ער האט זיך אומגעדרעהט אזוי וויא דיזע סצענע וואלט איהם גערופען צוריק.

זיין גאנג איז דאן געווארען ניט פעסט; עס האט גע-שיינט, דאס ער האט מעהר ניט געקענט געהן ווייטער, סיידען מען זאל איהם אונטערשטיטצען; זיינע צייהנער האבען געקלאפט, זיינע הענד זיינען געווען קאלט, און זיין גאנצע פערזאן האט געשיינט צו זיין אין שטארקער נער-ווזער אויפרעגונג.

איך האב צו איהם גערעדט, ער האט מיר ניט גע-ענטפערט.

אלעס וואס ער האט געקענט טהאן איז נאר געווען, זיך צו לאזען פיהרען.

ביי'ן טהויער האבען מיר געפונען א קארעטע. עס איז שוין געווען צייט.

קוים האט ער גענומען זיין פלאץ, האט זיך זיין טרייס-לען פערשטארקערט און ער האט געקריגען א ווירקליכע נערוועזע אויפרעגונג, אבער דיא מורא ער זאל מיך ניט

איבערשרעקען האט איהם געמאכט ער זאָל מורמלען דרי־קענדיג מיין האנד:

— דאס איז גאָרנישט, דאס איז גאָרנישט, איך וואָלט וועלען וויינען.

און איך האב געהערט וויא זיי ברוסט האט זיך געהויבען, און זיינע אויגען זיינען געוואָרען פערלאָפען מיט בלוט, אָבער קיין טהרערען זיינען ניט הערויס.

איך האב איהם געלאָזען איינאָטהימען דיא זאַלצען פון דעם פלעשעל, מיט וועלכען איך האב מיך בענוצט, און ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו איהם אהיים, איז נאָר זיין טרייסלען אליין פערבליעבען.

מיט דער הילף פון זיין דיענער האב איך איהם אוועקגעלעגט אויפ'ן בעט, איך האב געלאָזען אָנצינדען א גרויסעס פייער אין זיין צימער און איך בין געלאָפען זוכען מיין דאָקטאָר, וועלכען איך האב דערצעהלט דאָס וואס האט עבען פאסירט.

ער איז באלד געקומען.

ארמאנד איז געוועזען פורפור־רויטה, ער איז געוועזען דיעלירייש (צומישט) און ער האט געשטאמעלט ווערטער אָהן א פערבינדונג, צווישען וועלכע מען האט בלויז דעם נאָמען מארגעריטע געקענט הערען דייטליך.

— נו? האב איך געזאָגט צום דאָקטאָר נאָכדעם וויא ער האט אונטערזוכט דעם קראנקען.

— ער האט פיעבער אין דעם מארך, האט ער געענטפערט, און עס איז פיר איהם א גליק וואס ער האט עס; ווייל איך גלויב, גאָט זאל מיר פערצייהען פיר מיינע רייד, אז זאָנסט וואלט ער געוואָרען משוגע. גליקליכערווייזע וועט דיא קערפערליכע קראנקהייט טוידטען דיא גייסטיגע און אין א מאָנאט וועט ער פיעללייכט זיין געראטעט פון ביידע.

זיעבעטעס קאפיטעל.

אזעלכע קראנקהייטען וויא דיא, וועלכע איז בעפאלען ארמאנד'ן, האבען דיא מעלה, דאס זיי בריינגען גלייך דעם טוידט אָדער זיי ווערען זעהר גיך אויס־געקורירט.

פופצעהן טעג נאָך דער געשיכטע, וועלכע איך האב עבען דערצעהלט. האט ארמאנד אָנגעהויבען פאָלשטענ־דיג געזונד צו ווערען, און מיר זיינען געוואָרען זעהר שטארק בעפריינדעט. איך האב כמעט ניט פערלאָזען זיין צימער דיא גאנצע צייט וואס זיין קראנקהייט האט געדויערט.

דער פריהלינג האט אָנגעהויבען בריינגען זיינע פיעלע בלומען, זיינע בלעטער, זיינע פויגלאך מיט זייערע געזענג, און מיין פריינד'ס פענסטער האט זיך פרעהליך געעפענט אין זיין גאָרטען, און דער פרישער ריח פון דעם דאָזיגען גאָרטען האט זיך געטראָגען צו איהם.

דער דאָקטאָר האט איהם ערלויבט אויפצושטעהן, און מיר האבען זיך אָפט אוועגגעזעצט רעדען פאר דעם אָפענעם פענסטער אין דער שטונדע ווען דיא זון ווארמט אם מעהרסטען, דאס הייסט פון צוועלף ביז צוויי א זייגער.

איך האב מיך שטארק געהיט ניט צו רעדען מיט איהם וועגען מארגעריט'ען, ווייל איך האב מורא געהאט, אז דיזער נאָמען זאָל ניט אויפוועקען א פערשלאָפענע טרויריגע עראינערונג, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס דער קראנקער האט געשיינט צו זיין בערוהיגט; אָבער ארמאנד האט דאגעגען געשיינט צו האבען פערגניגען צו רעדען וועגען איהר, ניט אַזוי וויא פריהער, מיט טהרערן אין

דיא אויגען, נאָר מיט א זיסען שמייכעלע, וועלכעס האט מיך פערזיכערט וועגען דעם צושטאנד פון זיין גייסט.

איך האָב בעמערקט, דאס זייט זיין לעצטען בעזוך אויפ׳ן בית־עולם, זייט דער סצענע, וועלכע איז געווען דיא אורזאך פון דיזען קריזיס, האט זיין קראנקהייט געשיינט פול צו מאכען דאס מאָס פון זיינע גייסטיגע שמערצען, און דער טוידט פון מארגעריט׳ען איז ביי איהם געוואָרען א פערגאנגענע זאך.

דיא געוויסהייט, אז דאס איז זיא, איז פיר איהם גע־ווען א סאָרט טרויסט, און צו פערטרייבען דאס אומעדינע בילד, וועלכעס האט זיך איהם אָפט פאָרגעשטעלט, האט ער זיך הערייננעלאָזען אין דיא גליקליכע עראינערונגען פון זיין פערבינדונג מיט מארגעריט׳ען און עס האט געשיינט, אז קיין אנדער זאך איז איהם ניט געווען אנגענעהם אוי־סער דיזע.

דער קערפער איז געווען צו אויסגעמאטערט פון דעם אנגריף און אויך פון דעם קורירען פון דעם פיעבער, אום צו ערלויבען דעם גייסט צו בעוועגען דורך שטארקע אויפ־רעגונגען, און דיא פרייד און לוסט פון דעם פריהלינג, וועלכע זיינען געווען פאר ארמאנד׳ן, האָבען געגען זיין איי־גענעם ווילען געפיהרט זיינע געדאנקען צו פרעהליכע פאנ־טאזיעס.

ער האָט זיך דורכאויס ענטזאגט צו געבען צו וויסען זיין פאמיליע פון דער געפאהר, און וועלכער ער איז גע־ווען, אין ווען ער איז געווען גערעטעט, האט זיין פאטער נאָך אלץ ניט געוואוסט וועגען זיין קראנקהייט.

איין אָבענד זיינען מיר געבליעבען ביי׳ן פענסטער שפעטער אלס געוועהנליך; דאס וועטער איז געווען הער־ליך און דיא זון האָט איינגעדרעמעלט אין א גלענצענדע דעמערונג פון בלוי און גאלד. אָבוואָהל מיר זיינען געווען

אין פאריז, האט דיא גרינס, וואָס איז געווען הערום אונז, אונז געשיינט אויסצושליעסען פון דער וועלט און נאָר צייטענווייז האט דער רויש פון א קארעט געשטערט אונזער געשפרעך:

— עס איז געווען אונגעפעהר אין דיזער צייט פון יאָהר און אין דעם אבענד פון א טאָג וויא דיזען, דאס איך בין צוערסט בעקאנט געוואָרען מיט מארגעריט'ען, האָט ארמאנד צו מיר געזאָגט, שענקענדיג אויפמערקזאמקייט צו זיינע איינענע געדאנקען און ניט צו דעם, וואָס איך האָב איהם געזאגט.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט.

דאן האָט ער זיך אומגעקעהרט צו מיר און האָט צו מיר געזאָגט:

— איך מוז אייך דאָך ערצעהלען דיזע געשיכטע; איהר וועט דערפון מאכען א בוך; מען וועט עס ניט גלויבען, אָבער עס וועט פיעללייכט זיין אינטערעסאנט צו מאכען.

— איהר וועט דאָס מיר דערצעהלען שפּעטער, מיין פריינד, איהר זייט נאָך ניט אין גאנצען געזונד.

— דער אבענד איז וואַרם, איך האָב געגעסען היהנערשע ברוסט, האָט ער מיר געזאָגט שמייכלענדיג; איך האָב ניט קיין פיעבער, מיר האָבען גאָרנישט וואָס צו טהאָן, איך וועל אייך דערצעהלען אלעס.

— ווען איהר ווילט עס דורכויס, וועל איך צוהערען.

— דאָס איז זעהר אַן איינפאַכע געשיכטע, האָט ער דאן ווייטער געזאָגט, און איך וועל זיא אייך דערצעהלען אין דער אָרדנונג וויא יעדע זאך האָט פּאסירט. ווען איהר וועט שפּעטער דערפון עפּעס מאכען, מעגט איהר אייך דערצעהלען אנדערס.

דאס איז וואס ער האט מיר דערצעהלט און איך האב

כמעט ניט געענדערט קיין וואָרט פון דיזער ריהרענדער געשיכטע.

— יע, האט ארמאנד ווידער אָנגעהויבען, אָנלעהנענדיג זיין קאָפּ אָן דעם רוקען פון זיין שטוהל; יע, דאס איז געווען אין אזא אבענד וויא דיזען; איך האב צוגעבראכט דעם טאָג אויף לאנד מיט איינעם פון מיינע פריינד גאסטאָן ר... אין אָבענד זיינען מיר געקומען צוריק אין פאריז און ניט וויסענדיג וואס צו טהאָן זיינען מיר געגאנגען אין „טהעאטר דע וואריעטע" (א טהעאטער, וואו עס ווערען געשפיעלט פערשיעדענע פּיעסען אויף א מאָל).

צווישען דיא אקטען זיינען מיר הערויסגעגאנגען, אין איינעם פון דיא דורכגענגע זיינען מיר פארבייגעגאנגען א הויכע דאמע, פאר וועלכער מיין פריינד האט זיך פערנייגט.

— פאר ועמען האָט איהר זיך פערנייגט? האב איך נעפרעגט.

— פאר מארגעריט גאָטיער, האט ער געענטפערט.

— זיא זעהט אויס פיעל פערענדערט, וויל איך דערקען זיא ניט, האב איך געזאָגט מיט אן אויפרעגונג, וועלכע איהר וועט באלד פערשטעהן.

— זיא איז געווען זעהר קראנק. דאס אָרימע מעדכען וועט לאנג ניט ציעהען.

איך געדענק זיינע ווערטער אזוי וויא ער וואָלט זיי נערעדט ערסט נעכטען.

איהר מוזט וויסען, מיין פריינד, דאס פיר צוויי יאָהר, ווען איך האב דיזע יונגפרוי בעגעגענט, האט זיא אויף מיך נעמאכט א מאָדנעם איינדרוק.

ניט וויסענדיג ווארום בין איך דאן געוואָרען בלאס און מיין הערץ האט אָנגעהויבען שטארק צו קלאפּען. איינער פון מיינע פריינד, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט

געהיימע וויסענשאפטען, האט מיר ערקלערט, אז דאס איז געוועזן א „פערוואנדטשאפט פון פליסיגקייטען,“ אָבער איך גלויב איינפאך, דאס עס איז מיר געוועזן בעשערט זיך צו פערליעבען אין מארגעריט׳ען און דאס איך האב עס געפיהלט פאָרויס.

זיא האט ווירקליך אויף מיך געמאכט אן איינדרוק; אייניגע פון מיינע פריינד האבען עס בעמערקט און זיי האט שטארק הנאה געטהאָן, ווען זיי האבען אויסגעפונען ווער דיא דאמע איז געוועזן.

דאס ערסטע מאָל וואס איך האב זיא געזעהען איז געוועזן אויף דעם פלאַס דע לא בורס, ביי דער טהיר פון סוסס׳עס געשעפט. זיא האט געטראָגען א ווייסעס קלייד, איז הערויסגעטראָטען פון אן אָפענער קארעטע און איז אויפגענומען געוואָרען מיט בעוואונדערונג, ווען זיא איז הערייגעקומען אין לאדען. וואס מיך אנבעטרעפט, בין איך געבליעבען צוגעשמידט צו דעם אָרט פון דער צייט וואס זיא איז הערייגעקומען ביז זיא איז הערויסגעגאַנגען. דורכ׳ן פענסטער האב איך געזעהען וויא זיא האט אויס געקליעבען אייניגע ארטיקלען, וועלכע זיא איז געקומען קויפען. איך וואָלט אויך געקענט הערייגעהן, אָבער איך האב ניט געוואגט; איך האב ניט געוואוסט ווער זיא איז געוועזן, און איך האב מורא געהאט זיא זאָל זיך ניט אָנ־שטויסען ווארום איך בין געקומען און זיא זאָל ניט ווערען בעליידיגט. איך האב ניט געגלויבט, אז איך וועל ווען־עס־איז זיא זעהן ווידער.

זיא איז געוועזן עלעגאַנט געקליידעט; זיא האט גע־טראָגען א מוסלינענע קלייד מיט פיעלע פאלבען; אן אינ־דישען שאַל מיט בלומען אויסגענעהט מיט זייד און דיא ווינקלען מיט גאָלד; אן איטאליענישען שטרויהענעם הוט

און א קייטעל-בראַנזלעט פון מאַסיווען גאָלד, וועלכער איז גראַדע דאַן געווען אין מאָדע.

זיא איז צוריק הערייִן אין דיא קאַרעטע און איז אוועג געפאָהרען.

איינער פון דיא בעדיענטע פון דעם געשעפט איז גע־שטאַנען ביי דער טהיר און איז נאָכגעגאַנגען מיט זיינע אויגען דיא קאַרעטע פון זיין עלעגאַנטער קויפערין; איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און האב געפרעגט איהר נאָמען.

—דאס איז מאַדעמואזעל מאַרגעריט גאָטיער, האט ער געענטפערט.

איך האב ניט געוואָלט פרעגען איהר אדרעס און בין אוועגגעגאַנגען.

דיא ערֿאינערונג פון דיזען טרוים — ווייל דאס איז ווירקליך געווען א טרוים— האט מיך ניט פערלאָזען, וויא דיא עראינערונגען פון פיעלע אזעלכע פריהערדיגע טרוי־מען, און איך האב איבעראל געזוכט דיזע ווייסע דאַמע, וועלכע איז געווען געקליידט קעניגליך שעהן.

איינינע טעג נאכהער איז געגעבען געוואָרען א גרויסע פאָרשטעלונג אין דער אָפּערא-קאָמיק (קאָמישע אָפּערא) און איך בין דאָרטען געגאַנגען. דיא ערסטע פערזאָן, וואס איך האב דערזעהען אין איינער פון דיא לאָזשען לעבען דער סצענע, איז געווען מאַרגעריט גאָטיער.

דער יונגער מאַן, וועלכער איז געווען מיט מיר, האט זיא אויך דערקענט, ווייל ער האט געזאָגט, אלס ער האט זיא מיר אנגערופען מיט'ן נאָמען: „קוקט אויף דיזע שעהנע יונג-פרוי.“

אין יענעם אויגענבליק האט מאַרגעריט אָנגעשטעלט איהר אָפּערא-גלאָז אין אונזער זייט; זיא האט געזעהען מיין פריינד, האט געשמייכעלט און האט איהם געגעבען

א צייכען ער זאָל הערויפקומען און איהר מאכען א בעזוך אי איהר לאָזשע.

— איך וועל געהן און איהר זאָגען „גוטען אבענד,“ האט ער געזאָגט. איך וועל זיין צוריק אין אן אויגענ־בליק.

איך האב מיך ניט געקענט איינהאלטען איהם צו זאָגען:

— איהר זייט זעהר גליקליך.

— ווארום ?

— ווייל איהר קענט דיזע דאמע.

— זייט איהר פערליעבט אין איהר ?

— ניין, האב איך געזאָגט, רויטה ווערענדיג, ווייל איך האב ניט געוואוסט מיינע געפיהלען, אָבער איך וואָלט עהר שטארק געוואָלט מאכען איהר בעקאנטשאפט.

— קומט מיט מיר און איך וועל אייך פאָרשטעלען.

— בעט ביי איהר פריהער ערלויבניס.

— אה ! אונזין, פאר איהר איז ניטאָ וואס זיך צו זשענירען ; קומט.

דיזע ווערטער זיינע האָבען מיר געשמערצט. איך האב מורא געהאט צו קריגען דיא געוויסהייט, דאס מארגעריט איז ניט ווערטה דיא געפיהלע, וועלכע איך האב פיר זיא געהאט.

אין א בוך פון אלפאָנס קארר „אם רויכען“ איז דאָ א געשיכטע פון א מאן, וועלכער געהט איין אָבענד נאך א מיידעל, וועלכע איז עלעגאנט געקליידעט און אזוי שעהן, דאס ער ווערט אין איהר פערליעבט אויפ׳ן ערסטען בליק. ער פיהלט זיך שטארק גענוג צו אונטערנעהמען אלעס, שטאנדהאפט גענוג אלעס צו בעזיעגען און מוטהיג גענוג אלעס צו טהאָן בלויז פיר דיא בעלוינונג צו קריגען דיא ערלויבניס א קוס צו טהאָן דיזע מיידעל׳ס האנד. ער

וואגט כמעט ניט צו גנב'ענען א בליק אויף דעם שעהנעם קנעבעל, וועלכער זעהט זיך הערויס ווען זיא הויבט אויף איהר קלייד אום עס ניט איינצושמוצען. וועהרענד ער טרוימט פון אלעס, וואס ער וואלט טהאן אום צו קריגען דיזעס פרויענצימער, שטעלט זיא זיך פלוצלינג אב ביי אן עק גאס און בעט איהם ער זאל מיט איהר מיט געהן אין איהר צימער.

ער קערט אב זיין קאפ; געהט העריבער דיא גאס און געהט אהיים מיט זייער א צובראכענעם הערצען.

איך האב מיך עראינערט דיזע געשיכטע; און איך, וועלכער וואלט אלעס געליטען פון מארגעריט'עס וועגען, האב מורא געהאט, דאס זיא וועט מיך צו גיך אננעהמען און מיר צו גיך שענקען איהר ליעבע, פיר וועלכע איך בין כמעט געווען גרייט צו מאכען דאס גרעס־טע אפפער און פיר וועלכע איך וואלט געהאט געווארט א לאנגע צייט. אזוי איז עס מיט אונז מענער; אבער עס איז א גרויסעס גליק, דאס דיא איינבילדונג לאזט איבער דיזען פאעטישען שיין צו דיא געפיהלען און דאס אונזערע געפעהרליכע פערלאנגען גיבען נאך דיא טרוימען פון דער זעעלע.

ווען איינער וואלט געהאט געזאגט צו מיר: איהר וועט האבען דיזע פרוי היינטיגע נאכט, און מארגען וועט איהר געטוידטעט ווערען, וואלט איך איינגעוויליגט. אבער ווען מען וואלט צו מיר געזאגט: גיט איהר צעהן לואיס און איהר וועט זיין איהר ליעבהאבער, וואלט איך מיך ענטזאגט און וואלט געוויינט וויא א קינד, וואס געפינט ניט ביי'ן אויפשטעהן דאס שלאס, וועלכעס ער האט גע־זעהען אין זיינע חלומות ביי נאכט.

דאך האב איך זיא געוואלט קענען; דיזעס איז געווען

א מיטעל, און דאס איינציגע מיטעל, אויסצוגעפינען וואס זיא איז ווירקליך געוועזן.

איך האב דעריבער געזאגט מיין פריינד, דאס איך וואלט ניט וועלען פארגעשטעלט ווערען פאר איהר אהן איהר ערלויבניס, און בין הערומגעגאנגען איבער דיא דורכגעננגע טראכטענדיג פיר זיך אליין, דאס אין א מינוט הערום וועל איך מיך בעגעגענען מיט איהר, ניט וויסענדיג וואס פיר א געזיכט אנצונעהמען אונטער איהר בליק.

איך האב זיך זאגאר בעמיהט איינצושטודירען פריהער, וואס איך זאל איהר זאגען.

וואס פיר אן ערהאבענע קינדישקייט איז ליעבע!

אן אויגענבליק שפעטער איז מיין פריינד געקומען צוריק.

— זיא ערווארטעט אונז האט ער מיר געזאגט.

— איז זיא אליין? האב איך געפרעגט.

— מיט נאך א דאמע.

— זיינען דארטען ניטא קיין הערען?

— ניין.

— קום, לא'מיר געהן.

מיין פריינד האט זיך פערנומען צו דער טהיר פון דעם טהעאטער.

— איי, האב איך געזאגט, ניט דא דארף מען געהן.

— מיר געהען קויפען באנבאנס, זיא האט ביי מיר געבעטען.

מיר זיינען הערײן אין א צוקערניע אין דעם פאססאזש דע ל'אפערא.

איך האב געוואלט אויסקויפען דיא גאנצע צוקערניע, און האב אנגעפאנגען צו טראכטען מיט וואס מיר זאלען אנפילען א גרויסען זאק, אלס מיין פריינד האט געבעטען א פונט געצוקערטע ראזשינקעס.

— ווייסטו, אויב זיא האט זיי ליעב?

— עס איז בעוואוסט, דאס זיא עסט קיינמאָל ניט קיין אַנדערע באָנבאָנס.

— אַה! האט ער געזאָגט ווייטער, אלס מיר זיינען הערויס, ווייסט איהר פאר וואָס פיר א סאָרט פרוי איך וויל אייך פאָרשטעלען? שטעלט אייך ניט פאָר, דאס זיא איז א הערצאָגין. זיא איז איינפאך אַן אויסגעלאסענע פרוי, יע אַזעלכע, מיין טהייערער; אַלזאָ, זאָלט איהר איהר ניט מאכען קיין קאָמפּלימענטען, נאָר זאָגט וואס עס וועט אייך קומען אין קאָפּ.

— גוט, גוט, האב איך אויסגעשטאמעלט, און איך בין איהם נאָכגעגאנגען, זאָגענדיג צו זיך אַליין, דאס איך געה מיך קורירען פון מיין ליידענשאפט.

אַלס מיר זיינען הערייַן אין לאָזשע האט מארגעריט געלאכט אויפ'ן קול.

איך האב געהאט געוואָלט, אַז זיא זאָל זיין טרויריג.

מיין פריינד האט מיך פאָרגעשטעלט; מארגעריט האט זיך צו מיר לייכט פערנייגט מיט'ן קאָפּ, און האט געזאָגט:

— וואו זיינען מיינע באָנבאָנס?

— דאָ זיינען זיי.

זיא האט זיי גענומען און האט געקוקט אויף מיך. איך האב העראָבגעלאָזען מיינע אויגען און בין געוואָרען רויטה.

זיא האט איינגעשושקעט א פּאָאר ווערטער דער דאמע, וועלכע איז געוועזן מיט איהר, און דאן האבען זיי ביידע אויסגעפּלאצט אין א געלעכטער.

איך בין געוועזן גאַנץ זיכער, דאס איך בין געוועזן דער געגענשטאנד פון זייער לוסטיגקייט און בין געוואָרען נאָך צומישטער וויא פריהער. צו יענער צייט האב איך גע־

ליעבט א קליינע, ליעבליכע און געפיהלפאָלע לאָדענמיידעל, וואס איהרע געפיהלע און מעלאַנכאָלישע בריעף האבען מיך אָפט געמאכט לאכען. איך האב פערשטאַנען דאס איך האָב איהר דורך מיין בענעהמען געמוזט פערשאַפען לייד און פיר פינף מינוטען האב איך זיא געליעבט אזוי, וויא מען האט נאָך א פרויענצימער קיינמאָל ניט געליעבט.

מאַרגעריט האט געגעסען איהרע באָנבאָנס זיך מעהר ניט בעקימערנדיג וועגען מיר.

מיין פריינד, וועלכער האט מיך פאַרגעשטעלט, האט מיך ניט געוואָלט לאָזען אין דיזער לעבערליכער לאַגע.

— מאַרגעריט, האט ער געזאָגט, איהר זאָלט ניט זיין איבערראַשט, וואס מאָנסיער דיו־וואל זאָגט אייך גאָרנישט. איהר איבערמעכטיגט איהם אזוי פיעל, דאס ער קען ניט רעדען קיין וואָרט.

— איך דענק גערנער, אז ער האט אייך בעגלייטעט, ווייל עס וואָלט אייך געווען לאַנגווייליג צו קומען אליין.

— ווען דאס וואָלט וואהר זיין, האב איך דאן געזאָגט צו איהר, וואָלט איך ערנסט׳ן ניט געבעטען אום אייער ערלויבניס מיך פאָרצושטעלען.

דאס איז פיעללייכט געווען א מיטעל אָבצולעגען דעם געפעהרליכען אויגענבליק.

ווער עס איז א ביסעל בעקאַנט מיט דיא פרויען פון דער קלאַסע, צו וועלכער מאַרגעריט האט געהערט, דער ווייס וואָס פיר א פערגניגען זיי האבען צו יעקען און מאַכען שפאַס פון לייטע, מיט וועלכע זיי בעגעגענען זיך פיר דאס ערסטע מאָל. דאס איז, אָהן צווייפעל, א סאָרט ראַכע פיר דיא ערניעדריגונגען, וועלכע זיי זיינען אָפט געצוואונגען אויסצושטעהן פון דיא, וועלכע זיי זעהען יעדען טאָג.

אום זיי צו קענען ענטפערן איז דעריבער נויטהיג צו זיין צוגעוועהנט צו זייער געזעלשאפט, און איך בין דערצו גאר ניט געווען געוועהנט; אויסער דעם, דאס אידעאל, וואס איך האב מיר פארגעשטעלט פון מארגעריט'ען, האט איהר שפאסען פיר מיך געמאכט נאך ביטערער. איך האב ביי קיין זאך, וואס איך האב געמערקט פון דיזער פרוי, ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג. איך בין דעריבער אויפגעשטאנען און האב געזאגט מיט אן אומ־געביעטענער שטימע, וועלכע איך האב אין גאנצען ניט געקענט בעהאלטען:

— ווען אייער מיינונג פון מיר איז אזעלכע, מאדאם, בלייבט מיר נאר אייך צו בעטען אום ענטשולדיגונג פיר מיין דומהייט און פון אייך אוועקצוגעהן, און איך פערזיכער אייך, דאס איך וועל אייך שוין מעהר ניט בעלעסטיגען.

איך האב מיך דאן פערנייגט און בין אוועגגעגאנגען.

קוים האב איך פערמאכט דיא טהיר פון דער לאזשע האב איך צום דריטען מאל געהערט אן אויסגעפלאצטען געלעכטער. איך האב דאן געוואונשען, דאס אימעצער זאל מיר אנקומען ענטגעגען אין יענעם אויגענבליק.

איך האב מיך צוריקגעקעהרט צו מיין זיץ.

עס האט זיך געהערט דעם סופלער'ס קלאפ, וועלכער איז א צייכען אויפצוהייבען דעם טהעאטער־פארהאנג.

ערנסט האט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין ארט ביי מיין זייט.

— וויא מאדנע איהר האט אייך בענומען, האט ער גע־זאגט, אלס ער האט גענומען זיין זיץ; זיי האבען געמיינט, אז איהר זייט פעררוקט.

— וואס האט מארגעריט געזאגט, ווען איך בין אוועגגעגאנגען?

— זיא האט געלאכט און ערקלערט, דאס זיא האט

קיינמאָל ניט געזעהען אזא מאָדנעם יונג. אָבער איהר דארפט זיך ניט האלטען פיר א געשלאָגענעם; איהר זאָלט נאָר ניט אָנטהאָן אזעלכע מיידלאַך דיא עהרע אָנ־צונעהמען דאס וואס זיי זאָגען פיר וויכטיג. זיי ווייסען ניט וואס פיינקייט און אנשטענדיגקייט בעדייטען; זיי זיינען וויא הינט, אויף וועלכע מען שפריצט פערפומע, וועלכע געפינען דעם ריח אזוי אונאנגענעהם, דאס זיי געהען און קייקלען זיך אין רינ־שטאָק.

— נאָך אַלעמען, וואס מאַכט עס מיר אוים? האב איך געזאָגט, בעמיהענדיג זיך צו נעהמען א קאַלט־בליטי־גען טאָן; איך וויל זיא דאָך קיינמאָל מעהר ניט זעהן, און אָבוואָהל איך בין געוועזן פערגניגט מיט איהר איידער איך האב זיא געקענט, איז עס ביי מיר גאַנץ אנדערש יעצט, דאס איך בין פאַרגעשטעלט געוואָרען פאַר איהר.

— באַ! איך גיב נאָך ניט אויף דיא האָפנונג אייך א מאָל צו זעהן פו הינטען אין איהר לאָזשע און צו הערען, דאס איהר רואינירט אייך פון איהרטוועגען. אָבער איהר האט רעכט, זיא האט געהאט זעהר א שלעכטע ערציעהונג; דאָך וואָלט זיא זיין אַן אויסגעצייכענטע מעטרעסע.

גליקליכערווייזע האט זיך דער פאָרהאַנג אויפגעהויבען און מיין פריינד איז ענטשוויגען געוואָרען. צו זאָגען וואס מען האט גשפיעלט וואָלט פיר מיך געוועזן אונמעגליך. אַלעס וואס איך געדענק איז, דאס פון צייט צו צייט האב איך אויגעהויבען מיינע אויגען צו דער לאָזשע, וועלכע איך האב פערלאָזען אזוי פּלוצלינג, און דאס געזיכטער פון פרישע בעזוכער זיינען געקומען איינע נאָך דיא אנדערע יעדען אויגענבליק.

איך בין געוועזן ווייט פון ניט צו דענקען מעהר פון מאַרגעריט׳ען. אַן אנדער געפיהל האט מיך בעמעכטיגט.

עס האט מיר געשיינט, דאס איך האב געדארפט פערגע־סען איהר בעליידיגונג און מיין לעבערליכע בענעהמונג; איך האב געזאגט צו מיר אליין, דאס ווען אפילו עס זאל מיר קאסטען אלעס וואס איך פערמעג, מוז איך בעזיצען דיזע מיידעל און מיט רעכט נעהמען דעם פלאץ, וועלכען איך האב אזוי פלוצלינג פערלאזען.

איידער דיא פארשטעלונג האט זיך געענדיגט, האבען מארגעריט און איהר פריינדין פערלאזען זייער לאזשע.

נעגען מיין וואונש האב איך פערלאזען מיין זיץ.

— געהט איהר? האט געפרעגט ערנעסט.

— יע.

— ווארום?

אין יענעם אויגענבליק האט ער בעמערקט, דאס מארגעריט'ס לאזשע איז געוועזען לעער.

— געהט, געהט, האט ער געזאגט, מיט גליק, אדער בעסער געזאגט, מיט מעהר גליק.

איך בין הערויסגעגאנגען.

אויף דיא טרעפ האב איך געהערט דעם שאראך פון קליידער און דאס גערויש פון שטימען. איך האב אבגע־טראטען אן א זייט און האב געזעהען פאר זיי געהן דיא צוויי דאמען און צוויי הערען, וועלכע האבען זיי בעגליי־טעט. זיי האבען מיך ניט געזעהען.

אונטער דער קאלאנאדע (זיילען־גאנג) פון דעם טהע־אטער האט אויף זיי געווארט א קליינער דיענער.

— געה און זאג דעם קוטשער ער זאל ווארטען ביי דער טהיר פון דעם קאפע אנגלע' (ענגלישען קאפע־זאלאן), האט געזאגט מארגעריט, מיר וועלען געהן ביז דארטען.

איינינע מינוטען נאכדעם, אלס איך האב מיך הערומ־געדרעהט אויפ'ן בולוואר, האב איך געזעהען ביי דעם

פענסטער פון איינעם פון דיא פריוואט צימערן פון דעם רעסטאָראַנט וויא מארגעריט איז געזעסען אויפ'ן באַלקאָן און האט צופליקט אויף שטיקלאך איינע פון דיא קאמע־ליען פון איהר בוקעט.

איינער פון דיא הערערן האט זיך העריבערגעבויגען איבער איהר און האט גערעדט צו איהר אין א שטילען טאָן.

איך בין געגאַנגען און האב מיך אוועגגעזעצט אין דעם מעזאָן ד'אָר אין דיא זאלאָנען פון דעם ערסטען עטאזש, און האב דיא גאנצע צייט ניט פערלאָרען דעם בליק פון דעם פענסטער פון קאפע אנגלע'.

אום איינס אוהר מאָרגענס איז מארגעריט העריינגע־גאַנגען אין דיא קאַרעטע מיט איהרע דריי פריינד.

איך האב גענומען א קאבריאָלעט און בין זיי נאָכ־געפאָהרען.

דיא קאַרעטע האט זיך אָבגעשטעלט ביי נומ. 9 רי ד'אנטין.

מארגעריט איז העריין אין איהר הויז אליין.

דאס איז, אָהן צווייפעל, געווען א צופאל, אבער דיזער צופאל האט מיך געמאכט גליקליך.

פון יענעם טאג אָן האב איך מארגעריט'ען אָפט בע־געגענט אין דיא טהעאטערס אָדער אין דיא שאנ-זעליזע. זיא האט אימער געשיינט צו זיין אין גוטהען מוטה און איך האב אימער געהאט דאס זעלביגע געפיהל.

פופצעהן טעג זיינען פון דעסטוועגען אוועג און איך האב זיא אין ערגעץ ניט געזעהען. איך האב צופעליג בעגעגענט גאסטאָנ'ען און האב איהם געפרעגט וואס ער וויים וועגען איהר.

— דיא אָרימע מיידעל איז זעהער קראנק, האט ער געענטפערט.

— וואס איז איהר געשעהען ?

— זיא האט עפּעס אַן עסק מיט דער לונג, און אַזוי וויא זיא האט געפיהרט אַ סאָרט לעבען, וואס לאָזט זיא ניט קורירען, ליעגט זיא אין בעט און ערוואַטעט דעם טוידט.

וויא מאָדנע דעם מענשען'ס געפיהלען זיינען; איך בין כמעט געווען צופריעדען מיט דיזער קראַנקהייט.

איך בין געגאַנגען יעדען טאָג נאָכפרעגען וואס זיא מאכט, אָבער איך האב קיינמאָל ניט איבערגעלאָזען מיין נאָמען אָדער מיין קאַרטע. איך האב אויף אַזאַ אַרט ערפאַהרען, דאס זיא איז געוואָרען בעסער און דאס זיא איז אָבגעפאָהרען אין באַניער.

אַ צייט איז אוועג; דער איינדרוק, וועלכען זיא האט געמאַכט אויף מיך, איז ביסלאַכווייז פערשוואונדען פון מיין געדעכעניס, אָבוואָהל איך האב זיא נאָך אַלץ געדענקט. איך האב הערומגערייזט זעהר פיעל. נייע „פערבינדונגען," אַנדערע געוואוינהייטען און פערשיעדענע בעשעפטיגונגען האבען פערנומען דעם אָרט פון דיזען איינעם געדאַנק; און ווען איך האב געדענקט פון מיין ערסטען צוזאַמענטרעפען זיך מיט איהר, האב איך נאָר דערין געזעהען איינע פון יענע פאַנטאַזיען, וועלכע קומען אָן אַ מענשען, ווען ער איז נאָך זעהר יונג, און וועלכע זעהען אויס אַ ביסעל לעכערליך אייניגע יאָהרען שפּעטער.

עס איז אָבער ניט געווען קיין קונץ וואס איך האב זיא פערגעסען, ווייל איך האָב שוין מאַרגעריט'ען ניט געזעהען פון דער צייט אָן, וואס זיא האט פערלאָזען פּאַריז, און, וויא איך האב אייך שוין געזאָגט, ווען זיא איז מיך פאַרבייגעגאַנגען אין דעם קאָררידאָר פון דעם טהעאַטער דע וואַריעטע האב איך זיא ניט דערקענט.

עס איז וואהר, זיא האט געטראָגען אַ שלייער;

אבער ווען זיא וואלט געהאט געטראגען א שלייער צוויי יאהר צוריק וואלט איך זיא ערקענט ניט זעהענדיג זיא; איך וואלט געטראפפען ווער זיא איז.

מיין הערץ האט ניט אבגעהאלטען פון קלאפפען, ווען איך האב געוואוסט ווער דאס איז געווען; און דיא צוויי יאהר, אין וועלכע איך האב זיא ניט געזעהען, און דיא ווירקונג, וועלכע דיזע שיידונג האט געשיינט צו מא־כען, זיינען פערשוואונדען בלויז ביי דער בעריהרונג פון איהר קלייד.

אכטעם קאפיטעל.

דאך, האט ווייטער געזאגט ארמאנד, נאכדעם וויא ער איז ענטשוויעגען גע־ווארען, אבוואהל איך האב געוואוסט, דאס איך בין נאך געווען פערליעבט, האב איך געפיהלט פעסטער אלס פריהער, און אבוואהל איך האב פערלאנגט צו זעהן זיך וויעדער מיט מארגעריט'ען, האב איך איהר געוואלט ווייזען, דאס איך בין שוין מעהר ניט אזוי שוואך וויא איך בין געוועזן.

וואס פיר א וועגען א מענש נעהמט זיך און וואס פיר אן ענטשולדיגונגען ער מאכט אום צו דערגרייכען דאס וואס ער פערלאנגט!

איך האב מעהר ניט געקענט פערבלייבען אין דעם קאָרידאר און איך בין געגאנגען צוריק צו נעהמען מיין פלאץ ביי'ן ארקעסטער, ווארפענדיג א שנעלען בליק אויף דאס פובליקום, צו זעהן, אין וואס פיר א לאזשע זיא איז געזעסען.

זיא איז געווען אין איינער פון דיא אונטערסטע לאָזשען, אָבער גאנץ אליין. זיא איז געווען פערענדערט, וויא איך האָב אייך ערצעהלט. איך האָב שוין מעהר ניט געזעהען אויף איהרע ליפּען דעם גלייכגילטיגען שמייכעל, ווייל זיא האָט געהאט געליטען און נאָך אלץ ווייטער געליטען.

אָבוואָהל עס איז שוין געווען אַפּריל האָט זיא גע־טראָגען א ווינטער־קלייד און איז געווען אָנגעטהאָן אין סאַמעט.

איך האָב זיא בעטראַכטעט מיט אזא איינגעשפּאַרט־קייט, דאס מיין בליק האט צוגעצויגען איהרען.

זיא האט מיך בעטראכטעט איינינע אויגענבליקען, זיא האט גענומען איהר לאָרנעט אום מיך בעסער צו קענען זעהן, און זיא האט געדענקט, דאס זיא וועט מיך געוויס דערקענען, ניט וויסענדיג בעשטימט, ווער איך בין געווען, ווייל ווען זיא האט אוועגגעלייגט איהר לאָרנעט, האט א שמייכעל — דיזער רייצענדער גרוס פון דיא פרויען — הערומגעוואַנדערט אויף איהרע ליפּען אום צו ענטפערן דיא בעגריסונג, וועלכע זיא האט וויא ערוואַרטעט פון מיר: אָבער איך האב ניט געענטפערט און האב מיך געציינט גלייכגילטיג אום אויסצוזעהן אזוי וויא איך וואָלט האָבען וועגען דער זאך פערגעסען, און זיא האט זיך ערזאינערט.

זיא האט געמיינט, דאס זיא האט געהאט אן איר־טהום און האט אָבגעקעהרט איהר קאָפּ.

מען האט אויפגעהויבען דעם פאָרהאַנג.

איך האב פיעלע מאָל מאַרגעריט'ען געזעהען אין טהעאַטער, און איך האב קיינמאָל ניט געזעהן, דאס זיא זאָל שענקען אויפמערקזאמקייט צו דאס, וואס מען האט געשפּיעלט.

וואָס מיך אָנבעטרעפט, האט מיך דיא פאָרשטעלונג

אינטערעסירט עבען אזוי וועניג און איך האב מיך נאָר בעשעפטיגט מיט איהר, אָבער איך האב מיר גענעבען אלע מיה, אז זיא זאָל עס ניט בעמערקען.

איך האב געזעהען וויא זיא האט זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען מיט א פערזאָן, וועלכע איז געזעסען אין דער לאָזשע, וואס איז גענען־איבער איהרע; איך האב געטראָ־גען מיינע אויגען אויף דיזע לאָזשע און איך האב דערין ערקענט א פרוי, מיט וועלכער איך בין געווען גענוג אינטים.

דיזע איז געווען אן אלטע אויסגעלאסענע פרוי, וועלכע האט געזוכט העריינצוטרעטען אין טהעאטער, איהר איז דאס ניט געלונגען און זיא האט רעכענענדיג אויף איהרע בעקאנטשאפטען מיט דיא עלעגאנטע דאמען פון פאריז, זיך גענומען צו געשעפט און האט גענומען א מאָדע־מאגאזין.

איך האב זיא בעטראכטעט אלס מיטעל מיך צו בע־גענגען מיט מארגעריט׳ען, און איך האב מיך בענוצט מיט דעם אויגענבליק, ווען זיא האט געבליקט אין מיין זייט איהר צו זאָגען גוטען אבענד מיט דיא הענד און מיט דיא אויגען.

דאס וואס איך האב פאָרויסגעזעהן איז געשעהען, זיא האט מיך גערופען צו זיך אין לאָזשע.

פרודאנס דיו־ווערנאָי — דאס איז געווען דער גליק־ליכער נאָמען פון דער מאָדיסטקע — איז געווען איינע פון דיא פערציג־יעהריגע בעליבטע פרויען, מיט וועלכע מען דארף קיין פיעלע צערעמאָניעס אום ביי זיי הערויס־צוקריגען דאס וואס מען וויל וויסען, איבערהויפט ווען דאס, וואס מען וויל וויסען, איז אזא איינפאכע זאך וויא דיא, וועלכע איך האב געהאט ביי איהר צו פרעגען.

איך האב מיך בענוצט מיט איין אויגענבליק, ווען זיא

האט זיך ווידער איבערגעוואָרפען מיט בליקען מיט מארגעריט׳ען און האָב צו איהר געזאָגט:

— אויף ווען קוקט איהר אזוי?

— מארגעריט גאָטיער.

— איהר קענט זיא?

— יע; איך בין איהר מאָדיסטקע און זיא איז מיין נאכבארין.

— איהר וואוינט אלזאָ אויף רי ד׳אנטין?

— נומער 7. דאס פענסטער פון איהר טואלעט-צימער קומט אויס געגען-איבער דעם פענסטער פון מיינעם.

— מען זאָגט, אז זיא איז א רייצענדעס מעדכען.

— איהר קענט זיא נים?

— ניין, אָבער איך וואָלט זיא וועלען קענען.

— ווילט איהר, איך זאָל איהר זאָגען, אז זיא זאָל קומען אין אונזער לאָזשע?

— ניין, איך וויל בעסער איהר זאָלט מיך פאָרשטע-לען פאר איהר

— דאָרטען ביי איהר?

— יע.

— דאס איז שווערער.

— ווארום?

— ווייל זיא ווערט געהיט פון אן אלטען הערצאָג, וועלכער איז זעהר אן אייפערזיכטיגער מענש.

— געהיט — וויא שעהן דאס קלינגט.

— יע, געהיט, האט געענטפערט פרודאנס. דער אָרימער אלטער, עס וועט איהם זיין זעהר שווער צו זיין איהר ליעב-האָבער.

פרודאנס האט מיר דאן ערצעהלט, וויא אזוי מאר-

גערים האט געמאכט בעקאנטשאפט מיט דעם הערצאָג פון באניער.

— איז דאס דיא אורזאך, ווארום זיא איז דאָ אליין? האָב איך ווייטער געפרעגט.

— יע, דאָס איז עס.

— אָבער, ווער וועט זיא אָבפיהרען צוריק?

— ער.

— ער וועט זיא אלזאָ קומען נעהמען?

— אין אַן אויגענבליק.

— און ווער וועט אייך אָבפיהרען?

— קיינער נים.

— איך וויל עס טהאָן.

— אָבער איהר זייט דאָ מיט א פריינד, גלויב איך.

— מיר וועלען עס אלזאָ ביידע טהאָן.

— ווער איז דאָס אייער פריינד?

— דאס איז א שעהנער יונגער מאן, זעהר א פער־שטענדיגער, און עס וועט איהם זעהר פרייען צו מאכען אייער בעקאנטשאפט.

— גוט, אָבגעמאכט, מיר וועלען אוועגגעהן אלע פיער נאָך דיזער פיעסע, ווייל דיא צווייטע פיעסע האב איך געזעהען.

— גאנץ גערן, איך וועל עס געהן זאָגען מיין פריינד.

— געהט.

— אהא! האט צו מיר געזאָגט פרודאנס אין דעם אויגענבליק, וואס איך האב גענומען הערויסגעהן, דאָ איז דער הערצאָג, וועלכער געהט העריין אין מארגעריט'עס לאָזשע.

— איך האָב אויף איהם געקוקט.

א מאן פון זיבעציג יאָהר האָט זיך נאָר־וואָס אוועג־געזעצט הינטער דער יונגער פרוי און האט איהר דער־

לאנגט אַ זעקעל באָנבאָנס, פון וועלכע זיא האט גלייך איינינע גענומען שמייכלענדיג צו דער זעלביגער צייט. דאַן איז זיא געגאַנגען צום פאָרנט פון דער לאָזשע און האט געמאַכט א צייכען צו פּרודאַנס׳ן, וועלכעס האט געקענט בעדייטען:

— ווילט איהר האבען איינינע?

— ניין, האט געזאָגט פּרודאַנס.

מארגעריט האט צוריקגענומען דאס זעקעל און אומקעהרענדיג זיך צוריק האט זיא זיך געזעצט רעדען מיט׳ן הערצאָג.

אַלע דיזע איינצעלהייטען קומען פאָר קינדיש; אָבער אַלעס וואָס בעטרעפט דיזע מיידעל איז נאָך אזוי פריש אין מיין געדעכענים, דאס איך קען מיך היינטיגען טאָג ניט איינהאַלטען צו דענקען דערפון.

איך בין הערונטערגעגאַנגען צו דיא זיצע גאַסטאָנ׳ען בעקאַנט צו מאַכען מיט דעם וואָס איך האב אָבגערעדט פיר איהם און פיר מיך.

ער האט איינגעוויליגט צו געהן מיט אונז.

מיר האבען פערלאָזען אונזערע זיצע אום צו געהן אין מאדאם דיו-ווערנאָי׳ס לאָזשע.

קוים האבען מיר געעפענט דיא טהיר פון דער אָרקעסטרא זיינען מיר געווען געצוואונגען אָבצושטעלען זיך אום צו לאָזען דורכגעהן מארגעריט׳ען און דעם הערצאָג, וועלכע האבען פערלאָזען דאס טהעאַטער.

איך וואָלט אוועגגעבען צעהן יאָהר פון מיין לעבען אום צו זיין אויף דעם אַלטען מאנ׳ס אָרט.

אָנקומענדיג אויפ׳ן בולוואר האט ער זיא געלאָזען הערייננעהן אין א פאַעטאָן, וועלכען ער האט אַליין אָנגעטריעבען, און זיי זיינען פערשוואונדען אזוי שנעל וויא א פּאָאָר פּרעכטיגע פערד האבען זיי געקענט טראָגען.

מיר זיינען הערייגעגאנגען אין פרודאנס'עס לאָזשע.

ווען דיא פיעסע אין געענדיגט געוואָרען, האבען מיר גענומען א געוועהנליכען וואָגען אונז צו פיהרען אין נומ. 7, רי ד'אנטין. אלס מיר זיינען דאָרטען אָנגעקומען האט פרודאנס אונז געבעטען הערייגקומען און צו בעקוקען איהרע צימערן, וועלכע מיר האבען נאָך קיינמאָל ניט געזעהען און מיט וועלכע זיא האט געשיינט צו זיין זעהר שטאָלץ. איהר קענט אייך פאָרשטעלען וויא גערן איך האב אָנגענומען איהר איינלאדונג.

עס האט מיר געשיינט, דאס איך קום אלץ נעהענטער צו מארגעריט'ען און איך האב באלד פערפיהרט א געשפרעך וועגען אלעס וואס איהר בעטרעפט.

— איז דער אלטער מאן ביי אייער נאכבארין? האב איך געפרעגט פרודאנס'ן.

— ניין, זיא דארף זיין אליין.

— דאן מוז איהר זיין שרעקליך לאנגווייליג, האט בעמערקט גאסטאָן.

— מיר ברייגגען צו כמעט אלע אונזערע אָבענדען צוזאמען, אָדער ווען זיא קומט אהיים רופט זיא מיך צו זיך, האט געזאָגט פרודאנס. זיא געהט קיינמאָל ניט שלאָפען פאר צוויי א זייגער אין דער פריה. זיא קען פריהער ניט שלאָפען.

— ווארום?

— ווייל זיא ליידט עפעס אויף איהר ברוסט, און זיא איז כמעט אימער אין א פיעבער.

— האט זיא קיינע ליעב־האָבער? האָב איך געפרעגט.

— איך זעה קיינעם ניט, ווען איך פערלאָז זיא; אָבער איך קען ניט זאָגען, אויב אימעצער קומט צו איהר ניט נאָכדעם וויא איך געה אוועג. איך טרעף אָפט אי אָבענד אין איהרע צימערן א געוויסען גראף נ...., וועלכער

דענקט, אז ער מאכט פאָרטשריט אין זיין ליעבע מיט דעם וואס ער בעזוכט זיא אום עלף אוהר ביי נאכט און שיקט איהר אזוי פיעל ציערונג, וויא זיא וויל; אָבער זיא האט איהם שטארק ניט ליעב, און דאָס איז אונרעכט פון איהר זייט, ווייל ער איז זעהר רייך. עס נוצט ניט וואָס איך זאָג איהר יעדעס מאָל: מיין קינד, דאס איז דער מאַן, וועלכען דוא האָסט נויטהיג... זיא הערט גע־וועהנליך אוים וואָס איך זאָג, אָבער ווען איך הייב אָן צו רעדען וועגען איהם קעהרט זיא זיך אָב פון מיר און ענט־פערט, דאָס ער איז צו דום. איך גיב צו, אז ער איז איז דום, אָבער ער קען איהר גוט מאכען איהר לאגע, וועהרענד דער אלטער הערצאָג קען יעדען טאָג שטארבען. אלטע לייטע זיינען איינגענוצינ; זיין פאמיליע ווארפט איהם אימער פאָר זיין ליעבע צו מארגעריט׳ען, און פיר דיזע צוויי אורזאכען וועט ער איהר גאָרנישט איבער־לאָזען; עס וועט זיין צייט גענוג צו נעהמען דעם גראף ווען דער הערצאָג וועט זיין טוידט, ענטפערט זיא.

עס איז ניט אימער אנגענעהם צו לעבען וויא זיא לעבט. האט געזאָגט פרודאנס. איך וויים איך וואָלט ניט געווען צופריעדען מיט דעם; איך וואָלט באלד אוועגעשיקט דעם אויסגעוועבטען אלטען מאַן. ער רופט מארגעריט׳ען אָן זיין טאָכטער און גיט אויף זיא אכטונג וויא זיא וואָלט געווען א קינד, און ער לאָזט זיא קיין אויגענבליק ניט. איך בין זיכער, אז אין דיזען אויגענבליק שטעהט איינער פון זיינע בעדיענטע אין גאס און היט אָב, ווער עס געהט הערוים און איבערהויפט ווער עס קומט הערייז אין הויז.

— אָרימע מארגעריט, האט בעמערקט גאסטאָן, אלס ער האט זיך אוועגגעזעצט ביי׳ן פיאנע און האט אנגעהוי־בען צו שפיעלען א וואַלץ, איך האב דאס ניט געוואוסט,

אַבּוּזאָהל זיא האט מיר אויסגעזעהן ניט אַזוי מוטהיג דיא לעצטע צייט.

— שא! האט געזאָגט פּרודאַנס, זיך צוהערענדיג.

גאַסטאָן האט זיך אָבגעשטעלט.

— איך דענק זיא רופט מיך.

מיר האָבען זיך צוגעהערט.

אימיצער האט גערופען פּרודאַנס'ן.

— יעצט מיינע הערען, זאָלט איהר אַוועגגעהן. האט מאַדאם דיו־ווערנאָי געזאָגט צו אונז.

— אַזוי נעהמט איהר דאס אויף געסט, האט בעמערקט גאַסטאָן לאַכענדיג. מיר וועלען געהן ווען מיר וועלען וועלען.

— ווארום זאָלען מיר געהן? האב איך געזאָגט.

— איך געה צו מארגעריט'ען.

— מיר וועלען דאָ ווארטען.

— דאס איז אַן אונמעגליכע זאַך.

— דאַן וועלען מיר מיטגעהן מיט אייך.

— דאס איז נאָך ערגער.

— אָבער איך קען מארגעריט'ען, האט געזאָגט גאַסטאָן, און איך קען געהן און איהר אָבשטאַטען א בעזוך.

— אָבער אַרמאַנד קען זיא ניט.

— איך וועל איהם פאָרשטעלען.

— דאס איז אונמעגליך.

מיר האבען ווידער געהערט מארגעריט'ס שטימע, וויא זיא האט גערופען פּרודאַנס'ן.

פּרודאַנס איז צוגעגאַנגען צו דעם פענסטער פון איהר טואַלעט־צימער און האט עס געעפענט. גאַסטאָן און איך זיינען איהר נאכגעגאַנגען.

מיר האבען אונז בעהאַלטען אום מען זאָל אונז ניט זעהן פון דרויסען.

—- איך רוף אייך שוין צעהן מינוט, האט מארגעריט געזאָגט פון איהר פענסטער כמעט מיט א טאָן פון א בעפעהל.

— וואס ווילט איהר פון מיר ?

— איך וויל איהר זאָלט גלייך קומען, ווייל גראף נ... איז נאָך היער און ער לאַנגווײלט מיך צום טוידט.

— אָבער איך קען גראדע יעצט ניט קומען.

— וואס לאָזט עס אייך ניט ?

— איך האב אין מיינע צימערן צוויי יונגע לייט, וועלכע ווילען ניט אװעגעהן.

— זאָגט זיי, אַז איהר דארפט הערויסגעהן.

— איך האב זיי עס געזאָגט.

— אלזאָ לאָזט זיי איבער. ווען זיי וועלען זעהן, אַז איהר געהט אוועג וועלען זיי אויך אוועגעהען.

— נאָכדעם וויא זיי וועלען האבען אלעס איבערגע-קעהרט קאפויר.

— אָבער וואס ווילען זיי ?

— זיי ווילען אייך זעהן.

— ווער זיינען זיי ?

— איהר קענט איינעם פון זיי, גאַסטאָן ר...

— אָ ! יע, איך קען איהם. ווער איז דער אנדערער ?

— ארמאנד דיו-וואל. איהר קענט איהם ניט ?

— ניין, איך קען איהם ניט ; אָבער ברײנגט זיי יעדענ-פאלס. זאל זיין ווער עס איז, נאָר ניט דער גראף. זאמט אייך ניט, איך וואַרט אויף אייך.

מארגעריט, האט צוגעמאכט איהר פענסטער און פרודאנס האט צוגעמאכט איהרס.

מארגעריט, וועלכע האט פיר איין אוינעגבליק זיך ער-אינערט מיינע געזיכטס-ציגען, האט ניט געדענקט מיין

נאַמען. איך וואלט בעסער געוואָלט זיא זאָל זיך ערא־אָן עפעס ניט־גוטעס איידער אזוי צו פערגעסען.

— איך האב געוואוסט, אז זיא וועט זיין זעהר צופריע־דען אונז צו זעהן, האט געזאָגט גאסטאָן.

— צופריעדען איז ניט דאס ריכטיגע וואָרט האט געענטפערט פרודאַנס, אָנטהאָנדיג איהר טוך און איהר הוט. זיא נעהמט אייך אויף, ווייל זיא וויל פטור ווערען פון דעם גראף. בעמיהט אייך צו זיין אַנגענעהמער אַלס ער איז, זאָנסט בין איך זיכער, אז מארגעריט וועט זיך מיט מיר צוקריעגען.

פרודאַנס איז הערונטערגעגאַנגען דיא טרעפ און מיר זיינען איהר נאָכגעגאַנגען.

איך האב געציטערט אין גאַנצען קערפער; עס האט זיך מיר געדוכט,דאס דער בעזוך וועט מאכען א וויכטיגע ווירקונג אויף מיין לעבען.

איך האב געפיהלט נאָך נערוועזער וויא דעם אבענד, ווען איך בין פאָרגעשטעלט געוואָרען פאר מארגעריט׳ען אין דער לאָזשע פון דעם טהעאטער „אָפּערא קאָמיק.״

ווען מיר זיינען געקומען צו דער טהיר פון איהרע צי־מערן, וועלכע איהר האט געזעהען, האט מיין הערץ גענו־מען קלאפּען אזוי שטארק, דאס איך בין ניט געוועזען אין שטאַנד צו דענקען.

אייניגע טענער פון דעם פּיאַנאָ זיינען געפאַלען אויף אונזערע אויערן.

פרודאַנס האט אָנגעקלונגען.

דאס פּיאַנאָ איז שטיל געוואָרען.

א דאַמע, וועלכע האט מעהר אויסגעזעהען א בעגליי־טערין אַלס א קאמער־מעדכען, איז אונז געגאַנגען עפנען. מיר זיינען הערייננעגאַנגען איז זאַלאָן און מיר זיינען

דורכגעגאנגגען צום בודואר, וועלכער איז דאן געוועזן, וויא איהר האט געזעהען.

א יונגער מאן איז געזעסען געלעהנט אָן דעם קאמין.

מארגעריט, וועלכע איז געזעסען ביי'ן פיאנא, האט מיט דיא פינגער געפיהרט איבער דיא שליסלען (קלאווי־שען) און האט אָנגעהויבען איינינע שטיקער, וועלכע זיא האט ניט געענדיגט.

דאס איז געווען א סצענע פון לאנגעווייל; דער הערר איז געווען אין א פערלעגענהייט ווענען זיין קליינע ראָלע און דיא דאמע וועגען דעם בעזוך פון דיזען מעלאנכאָלישען מענשען.

דערהערענדיג פרודאנס'עס שטימע, איז מארגעריט אויפגעשטאנען און איז אונז געגאנגען ענטגעגען, און נאכדעם וויא זיא האט אויף מאדאם דיו־ווערנאַי געגעבען א בליק, וואס האט אויסגעדריקט איהר דאנקבארקייט, האט זיא געזאָגט:

— עס פרייט מיך אייך צו זעהן, מיינע העררען, קומט הערייַן.

ניינטעס קאפיטעל.

צוטען אָבענד מיין טהייערער גאסטאָן, האט גע־זאָגט מארגעריט צו מיין פריינד, עס פרייט מיך זעהר אייך צו זעהן. ווארום זייט איהר ניט געקומען אין מיין לאָזשע אין דעם טהע־אַטער „דע וואריעטע?"

— איך האב אייך ניט געוואָלט שטערען.

— פריינד, האט געזאָגט מארגעריט, און זיא האט זיך אָבגעשטעלט אויף דעם וואָרט, אזוי וויא זיא וואָלט

וועלען מאכען קלאָר דיא יעניגע, וואס זיינען געווען דערביי, דאס ניט אכטענדיג אויף דיא אינטימע ארט, אין וועלכע זיא האט אויפגענומען גאסטאָנ'ען איז ער דאן און אימער געווען ניט מעהר וויא אפריינד; פריינד שטערען קיינמאָל ניט.

— אלזאָ, אלס א פריינד, וועט איהר מיר ערלויבען אייך פאָרצושטעלען מאָנסיער ארמאנד דיו־וואל.

— איך האב שוין פרודאנס'ן געזאָגט זיא זאָל עס טהאָן.

— מאדאם, האב איך געזאָגט מיט א פערנייגונג און האב מיך בעמיהט צו מאכען, דאס מען זאָל מיך כמעט פערשטעהן, איך האב שוין געהאט דיא עהרע פאר אייך פאָרגעשטעלט צו ווערען.

מארגעריט, וויא עס האט געשיינט, האט זיך גענומען עראינערן ווען דאס איז געווען, אָבער דאס איז איהר הע־רויס פון דעם זכרון.

— איך דאנק אייך מאדאם, האב איך ווייטער גע־זאָגט, וואס איהר האט פערגעסען מיין דאמאָלסדיגע פאָר־שטעלונג פאר אייך, ווייל איך האב מיך געמאכט לעבער־ליך און איך האב אייך געמוזט בעלעסטיגען. אונגעפעהר צוויי יאָהר צוריק, ווען איהר זייט געווען אין דעם טהע־אטער „אָפּערא קאָמיק,“ בין איך פאר אייך פאָרגעשטעלט געוואָרען פון ערנעסט ד...

— א! איך געדענק, האט געזאָגט מארגעריט מיט א שמייכעל. ניט איהר זייט געווען לעבערליך, איך האב מיך געוויעזען אונאנגענעהם; נאָך יעצט איז מיין נאטור צו יעקען מענשען, אָבער איך טהו עס יעצט ניט אזוי אָפט וויא איך פלעג עס דאן טהאָן. איך האף, דאס איהר האט מיר פערצייהען, מיין הערר.

און זיא האט מיר גענעבען איהר האנד, וועלכע איך האב א קוס געטהאן.

— ווירקליך, האט זיא ווידער גענומען רעדען, איך האב דיא נאטור צו יעקען מענשען, וועלכע איך זעה דעם ערסטען מאל. עס איז זעהר דום; אבער מיין דאקטאר זאגט מיר, אז דאס קומט פון מיין נערוועזער אויפגערעגטקייט און וויל איך בין אימער אין שלעכטער געזונדהייט; און איהר מעגט מיין דאקטאר גלויבען.

— אבער איהר זעהט אויס גאנץ געזונד.

— איך בין געווען זעהר קראנק.

— איך וויים עס.

— ווער האט עס אייך געזאגט?

אלע האבען עס געוואוסט. איך פלעג אפט קומען נאכפרעגען אויף אייך, און עס האט מיך געפרייט צו הערען, דאס איהר זייט פיעל בעסער געווארען.

— איך האב קיינמאל ניט ערהאלטען אייער קארטע.

— איך האב זיא קיינמאל ניט געלאזען.

— זייט איהר עס אלזא געווען דער הערר, וועלבער איז ווען איך בין געלעגען קראנק אין בעט געקומען יעדען טאג פרעגען וואס איך האב געמאכט און האט קיינמאל ניט געלאזען זיין קארטע?

— יע, דאס בין איך געווען.

— דאן זייט איהר געווען מעהר אלס פריינדליך, איהר זייט געווען זעהר גוט־הערציג. איהר, גראף, וואלט אזוי ניט געהאנדעלט, האט זיא געזאגט זיך ווענדענדיג צו מאנסיער דע נ..., און נאכדעם וויא זיא האט אויף מיך געווארפען איינעם פון יענע בליקען, דורך וועלכע פרויען דריקען אויס זייער מיינונג פון מאנסלייט.

— איך קען אייך נאר צוויי מאנאטען, האט געענטפערט דער גראף.

— און דיזער הערר האט מיך נאָר געקענט פינף מי־נוטען. איהר זאָגט אימער דומע זאכען.

פרויען בעגעהען זיך טיראניש מיט מאנס־לייט, וועלכע זיי ליעבען ניט.

דער גראף איז רויטה געוואָרען און האט געביסע זיינע ליפען.

עס האט מיר לייד געטהאן פיר איהם, ווייל וויא עס האט אויסגעזעהן איז ער געווען פערליעבט וויא איך; און דיא גראָבע אָפען־הערציגע רייד פון מארגעריט'ען האָבען איהם געמוזט מאכען פיהלען זעהר אונגליקליך, איבער־הויפט ווייל זיי זיינען געזאָגט געוואָרען ווען צוויי אונבע־קאנטע הערען זיינען געווען דערביי.

— איהר האט געשפיעלט פיאנא ווען איך בין הערייג־געקומען, האב איך געזאגט, אום צו ענדערן דאס געשפרעך. ווילט איהר מיר טהאָן דעם געפאלען? בעהאנדעלט מיך וויא אן אלטען בעקאנטען און שפיעלט ווייטער.

— א! האט זיא געזאָגט, זיך א וואָרף טהאָנדיג אויף דיא זאָפע און בעטענדיג אונז מיר זאָלען זיך זעצען לעבען איהר, גאסטאָן וויים וואס פיר א סאָרט מוזיק איך שפיעל. דאס איז גוט גענוג ווען איך בין אליין מיט'ן גראף, אָבער איך וויל אייך ניט אָנמאכען אזעלכע יסורים.

— איהר האט אלזאָ גערן צו שפיעלען ווען איך בין דאָ, האט בעמערקט דער גראף מיט א שמייכעל, וועלכען ער האט זיך בעמיהט צו מאכען איראָניש.

— איהר קענט מיך דאפיר ניט בלאמירען, ווייל דאס איז דיא איינציגע ליעבע, וואס איך קען אייך צייגען.

עס האט אויסגעזעהן קלאָר, דאס דיזער אָרימער יונג האט ניט געטאָרט רעדען קיין איינציגעס וואָרט. ער האט געוואָרפען אויף מארגעריט'ען א בליק, וועלכער איז געווען פול מיט געבעט.

— איי, פּרודאַנס, האט זיא ווייטער געזאַגט, האט איהר געטהאָן וואס איך האב אייך געבעטען?

— יע.

— גוט. ערצעהלט מיר באלד אַלעס וועגען דעם. איך האב אייך עפּעס צו זאָגען; אַלזאָ געהט נים אוועג ביז איך וועל מיך מיט אייך דורכרעדען.

— מיר שטערען אייך, האב איך בעמערקט; אזוי וויא מיר, אָדער בעסער געזאָגט איך בין שוין פאר אייך פאַר־געשטעלט געוואָרען צום צווייטען מאָל און איך וויל איהר זאָלט פערגעסען דאס ערסטע מאָל, וועט גאסטאָן און איך נעהמען פון אייך אָבשיעד.

— פיר קיין פאַל ניט! מיין בעמערקונג האט קיין אָנדייטונג ניט געמאכט אויף אייך; פערקעהרט, איך וויל איהר זאָלט דא בלייבען.

דער גראַף האט הערויסגענומען א טהייערע אוהר פון זיין טאַש אום צו זעהען וויא פיעל דער זייגער איז געוועזן.

— עס איז פיר מיך צייט צו געהן צום קלוב האט ער בעמערקט.

מארגעריט האט ניט געענטפערט.

דער גראַף האט דאן פערלאָזען דעם פייער־פּלאַץ און האט צוגעהענדיג צו איהר געזאָגט:

— אדיע, מאדאם.

מארגעריט איז אויפגעשטאַנען.

— איהר געהט שוין, מיין ליעבער גראַף?

— יע, איך האב מורא איך בעלעסטיג אייך.

— ניט מעהר וויא אַלע מאָל. ווען וועל איך אייך ווידער זעהן?

— ווען איהר וועט מיר ערלויבען.

— אַלזאָ אדיע.

דאס איז געווען גרויזאם, איהר מוזט עס צוגעבען.

צום גליק איז דער גראף געווען גוט ערצויגען און זעהר גוט־מיטהיג. ער האט זיך צופריעדען געשטעלט מיט דעם וואס ער האט א קוש געטהאן מארגעריט'עס האנד, וועלכע זיא האט איהם אויסגעשרעקט גאנץ גלייכגילטיג, און נאכדעם וויא ער האט זיך פאר איהר פערנייגט האט ער פערלאזען דאס צימער.

אלס ער איז פארבייגעגאנגען דיא טהיר האט ער גע־ווארפען א בליק אויף פרודאנס'ן.

זיא האט א קוועטש געטהאן מיט דיא פלייצעס מיט א מיענע, וועלכע האט וויא געוואלט זאגען: וואס ווילט איהר זאל איך טהאן? איך האב געטהאן אלעס וואס איך האב געקענט.

— נאנין! האט אויסגעשריען מארגעריט, לייכט צו דעם גראף.

— מיר האבען געהערט וויא דיא אויסווערטיגע טהיר האט זיך געעפענט און צוגעמאכט.

-- ענדליך איז ער אוועג, האט געזאגט מארגעריט הערייגקומענדיג צוריק אין צימער. איך קען דעם יונגען מאן פיר קיין פאל ניט ליידען.

— מיין ליעבעס קינד, האט געזאגט פרודאנס, איהר זייט ווירקליך צו שלעכט צו איהם, ווייל ער איז זעהר פריינדליך און איבערלעגט. אויף אייער קאמין געפינט זיך אן אוהר, וואס ער האט אייך געמאכט א געשענק, פיר וועלכע ער האר געמוזט בעצאהלען וועניגסטענס פינף טוי־זענד פראנק, איך בין זיכער.

און מאדאם דיו־ווערנאי איז צוגעגאנגען צום קאמין און האט זיך געשפיעלט מיט דער ציערונג, פון וועלכער זיא האט גערעדט, ווארפענדיג דערויף בליקען, וויא זיא וואלט דאס געגלוסט צו האבען.

— מיין טהייערע, האט געזאָגט מארגעריט, זיך זע־צענדיג ביי'ן פיאנא, ווען איך זאָל הערויפלעגען אויף איין שאָל וואס ער גיט מיר און אויף דיא אנדערע וואס ער זאָגט צו מיר, דענק איך, דאס ער צאָהלט זעהר וועניג פיר זיינע וויזיטען.

— דער אָרימער יונג איז אין אייך פערליעבט.

— ווען איך וואלט געוועזען געצוואונגען צו צו־הערען מיך צו אלע יענע, וועלכע זיינען אין מיר פערליעבט, וואלט איך קיין צייט ניט האבען צו עסען מיין מיטטאָג.

און זיא האט עטליכע מאָל מיט דיא פינגער א פיהר געגעבען איבער'ן פיאנא; נאכדעם, ווענדענדיג זיך ווידער צו אונז, האט זיא געזאָגט:

— וועט איהר עטוואס געניעסען? איך וואָלט וועלען טרינקען א גלאָז פונש.

— און איך, איך וואָלט געקענט עסען א שטיקעל הוהן, האט געזאָגט פרודאנס, ווען מיר זאָלען נעהמען עסען אבענד־ברויט.

— דאס איז א גוטע אידעע, האט בעמערקט גאס־טאָן, לאָ'מיר געהן און ערגעץ עסען אבענד־ברויט.

— ניין, מיר וועלען דאָ עסען אבענד־ברויט, האט גע־זאָגט מארגעריט, און זיא האט געקלונגען דאס גלעקעל פיר נאניני'ען, וועלכע איז באלד געקומען.

— וואס זאָל עס זיין?

— וואס איהר ווילט, נאָר בריינגט עס גלייך הערייז.

נאנין איז אוועגגעגאנגען.

— דאס איז עס! האט מארגעריט געזאָגט, הערומ־שפרינגענדיג וויא א קינד, מיר וועלען האבען אָבענד־ברוט. וויא לעסטיג דער דומער גראף איז!

וואס מעהר איך האב פון דיזער מיידעל געזעהען אַלץ מעהר האט זיא מיך בעצויבערט. זיא איז געוועזען שעהן

צום ענטציקען. אפילו איהר מאָגערע פיגור איז געווען רייצענד.

איך בין פערזונקען געוואָרען אין טיעפע געדאנקען.

איך קען קוים ערקלערען וואס מיינע געפיהלען זיינען געווען. איך בין געווען איינגענומען פיר איהר ארט לעבען, פול מיט בעוואונדערונג פיר איהר שעהנהייט. דער בעוויז פון איהר אונאיינגעננוציגקייט, וואס זיא האט געגעבען מיט דעם, וואס זיא האט ניט אָנגענומען א רייכען און יונגען גראף, וועלכער איז געווען גרייט זיך צו רואיניען פון איהרט-וועגען, האט אין מיינע אויגען ענטשולדיגט אַלע איהרע פריהערדיגע פעהלערן.

עס איז אָהן צווייפעל געווען עפּעס עהרליכעס אין דיזער מיידעל.

זיא איז נאָך געווים געווען אין דעם אָנפאנג פון זינד. איהר פעסטער טריט, איהר דעליקאטע טאיליע, איהרע ראָזע און ברייטע נאָז-לעכער און איהרע גרויסע אויגען מיט בלויליכע קייקלאָך דערונטער, האבען בעצייכענט איינעם פון דיא יעניגע טעמפעראמענטען, וועלכע האָבען פערשפּרייט הערום זיי א געשמאקען גערוך פון ליידענשאפט, וויא יענע אָריענטאלישע פלעשעלאָך, וועלכע, אָבוואָהל זיי זיינען גוט צוגעמאכט, לאָזען הערוים דעם ריח פון דעם שטאָף, וועלכען זיי ענטהאלטען.

ווירקליך, אויך דאס איז געווען איהר נאטור, אָדער איהר קרענקליכער צושטאנד — פון צייט צו צייט האבען בליצען פון ליידענשאפט בעלויכטען איהרע אויגען און דיא פערווירקליכונג פון דיזער ליידענשאפט וואָלט געווען א הימלישער טרוים פיר דעם מאן, וועלכען זיא וואָלט ווירקליך ליעב געהאט. פיעלע מענער האבען געליעבט מארגעריט'ען, און דיא, וועלכע זיא האט געליעבט, האט מען ניט געקענט איבערצעהלען.

קורץ, אין דיזעם פראָוינצימער האט מען ערקענט דיא מיידעל, וועלכע דער צופאל האט געמאכט פיר אן אויס־געלאַסענע, און אן אויסגעלאַסענע, וועלכע דער צופאל וואָלט געקענט מאכען פיר דיא ריינסטע יונגפרוי, וואס קען ליעבען אם העכסטען. מארגעריט האט נאָך בעזעסען שטאָלץ און אונאבהענגיגקייט: צוויי געפיהלען, וועלכע קענען הערויסברייינגען דיא זעלביגע ווירקונגען וויא אונ־שולד, ווען זיי זאָלען ווערען בעליידיגט. איך בין געבליע־בען שטיל און איך האָב נאָר הערויסגעוויעזען מיינע אינער־ליכע געפיהלען אין מיינע בליקען.

דאן האט זיא צו מיר געזאָגט פלוצלינג: דאס זייט איהר געוועזען, וואס איז געקומען נאָכפרעגען זיך נאָך מיר ווען איך בין געוועזען קראנק?

— יע.

— ווייסט איהר, דאס איהר האט געהאנדעלט זעהר עדעל? וואס קען איך טהאָן אום אייך אָבצודאנקען?

— ערלויבט מיר צו אייך צייטענווייז צו קומען.

— אזוי אָפט וויא איהר ווילט, פון פינף ביז זעקס נאָכמיטטאָג און פון עלף אוהר ביז מיטען נאכט. גאסטאָן, שפיעלט מיר „לי אינוויטאסיאָן א לא וואלס" (דיא איינ־לאַדונג צום וואלץ).

— ווארום?

— ערסטענס אום מיך צופריעדען צו שטעלען, און צווייטענס וויל איך קען מיך ניט אויסלערנען דאס צו שפיעלען אליין.

— וואס איז דאָ שווער?

— דער דריטער טהייל, דאַרטען אין דיעס (אין דיא שארפע טענער).

גאסטאָן האט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צום פיאנאָ און האט אָנגעפאנגען צו שפיעלען וועבער'ס וואונ־

דערליכע מעלאָדיע, וואס די מוזיק דערפון האט זיא גע־לאָזען אויף דעם פּיאַנאָ.

מאַרגעריט, שטעהענדיג מיט איין האַנד אויפ'ן פּיאַ־נאָ, האט געקוקט אויף די מוזיק, וועהרענד ער האט געשפּיעלט, און האט נאָכגעבּרומט יעדע נאָטע אין דער שטיל; און ווען גאַסטאָן איז געקומען צו דעם שטיק, וואס זיא האט דערמאָהנט, האט זיא עס געזונגען און האט געקלאַפּט צום טאַקט מיט די פינגער אויפ'ן פּיאַנאָ:

— רע, מי, רע, דאָ, רע, פאַ, מי, רע — אַט דאס קען איך ניט שפּיעלען. לאָזט מיך דאס הערען נאָך א מאָל.

גאַסטאָן האט דיזע שטעלע געשפּיעלט נאָך א מאָל און מאַרגעריט האט דערנאָך געזאָגט:

— יעצט לאָזט מיך פּרובּירען.

זיא האט זיך אוועקגעזעצט און האט עס געשפּיעלט, אָבּער איהרע פינגער האבען געמאַכט לויטער פעהלערן אין איינער פון די נאָטען, וועלכע מיר האבען עבּען דער־מאָהנט.

— אונגלויבּליך! האט זיא אויסגעשריען גראַדע וויא א קינד; איך קען קיינמאָל ניט שפּיעלען דיזע שטעלע. איהר ווייסט, איך פּרובּיר עס מאַנכמאָל בּיז צוויי א זייגער פּאַר־טאָג. דער דומער גראַף שפּיעלט עס אָהן די נאָ־טען און אויסגעצייכענט; דאס איז פיעללייכט די אור־זאַך, וואס איך בּין אזוי בּייז אויף איהם.

זיא האט ווידער אָנגעפאַנגען, אָבּער אימער האט זיך אויסגעלאָזען די זעלבּיגע זאַך.

— דער טייוועל זאל נעהמען וועבּער'ן, די מוזיק און דאס פּיאַנא! האט זיא אויסגעשריען און א וואָרף געגעבּען די נאָטען צום אנדערן ווינקעל פון צימער; קענט

איהר פערשטעהן, ווארום איך קען ניט שפיעלען קיין אכט שארפע טענער נאך אנאנד.

זיא האט דאן צוזאמענגעלעגט איהרע ארמס און האט נעקוקט אויף אונז און געטופעט מיט דיא פים אויף דיא דילען. איהר געזיכט איז געווארען רויטה און א לייכטער הוסט איז הערוים פון איהרע ליפען.

— אט איז דאס ! האט בעמערקט פרודאנס, וועלכע האט הערא‌בגענומען איהר הוט און האט צורעכט געמאכט איהרע האאר פאר'ן שפיגעל; איהר קומט שוין הערייז אין כעס און איהר וועט ווערען קראנק. לא'מיר עפעס נעהמען עסען, דאס וועט זיין פיעל גלייכער; איך חלש פון הונגער.

מארגעריט האט געגעבען א קלונג צום צווייטען מאל און איז דאן ווידער צוגעגאנגען צום פיאנא, וואו זיא האט אנגעפאנגען צו זינגען מיט א שטילער שטימע עפעס א ניט קיין אנשטענדיגעס ליעדעל וואס זיא האט דיא מוזיק דערצו געשפיעלט גאר לייכט.

גאסטאן האט געוואוסט דאס ליעדעל און ער האט עס איהר אנגעהויבען מיטצוהאלטען, אזוי דאס זיי האבען ביידע געזונגען אן ארט דועט.

— זינגט ניט אזעלכע מיאוסע ליעדער, האב איך גע-זאגט צו מארגעריט'ען אין א פריינדליכען טאן וויא א ביטע.

— א ! וויא אונשולדיג איהר זייט, האט זיא געענט-פערט מיט א שמייכעל און האט מיר צוגלייך געגעבען איהר האנד.

— דאס איז ניט פון מיינט-וועגען נאר פון אייערט-וועגען.

מארגעריט האט געמאכט א מיענע אזוי וויא זיא

וואלט וועלען אנדייטען: עס איז שוין א לאנגע צייט זייט איך האב עפּעס געהאט צו טהאָן מיט אונשולד.

אין דיזען אויגענבליק איז נאנין הערייננעקומען אין צימער.

— איז דאס אבענד־ברויט נעגרייט? האט געפרעגט מארגעריט.

— עס וועט זיין פערטיג אין אן אויגענבליק, מאדאם.

— קומט דערוויילע, האט בעמערקט פּרודאנס, איהר האט נאָך ניט געזעהען דיא צימערן. קומט און איך וועל אייך זיי ווייזען.

איהר האט זיי בעזוכט און איהר ווייסט, אז דער זאאל איז געווען פּרעכטיג.

מארגעריט האט אונז א ביסעל בעגלייטעט, דאן האט זיא נערופען גאסטאָנ'ען און איז מיט איהם הערייננעגאנ־נען אין עס־צימער צו זעהן אויב דאס עסען איז שוין געווען פערטיג

— האלט, האט אויסגעשריען פּרודאנס, אלס זיא האט הערא‏בגענומען פון אן עטאזשערקע א קליינע זאק־סישע פיגור. איך האב ניט געוואוסט, דאס איהר האט דאָ דאס קליין מענשעלע.

— וואס פיר א קליין מענשעלע?

— דאס קליין פּאסטוכעל, וואס האלט א פויגעל־שטיינ.

— נעהמט עס ווען איהר ווילט.

— א! איך האב מורא איך וועל אייך בערויבען.

— איך האב עס געוואָלט אוועקגעבען מיין מיידעל; מיך עקעלט עס; ווען אייך געפעלט עס קענט איהר עס האבען.

פּרודאנס האט נאָר נעקוקט אויף דאס געשענק אָבער ניט אויף דיא ארט, וויא זיא האט עס נעקריגען. זיא

האט דאס קליין מענשעלע אוועגגעשטעלט און האט מיך הערייננענומען אין דאס טואלעט-צימער; דאן האט זיא אנווייזענדיג אויף צוויי קליינע בילדער, וועלכע זיינען גע־האנגען איינס נעבענאיבער דעם אנדערן צו מיר גע־זאגט:

דיזער איז גראף פון ג..., וועלכער איז זעהר פער־ליעבט געווען אין מארגעריט'ען; ער האט עס זיא הערויס־געבראכט. קענט איהר איהם?

— ניין; און ווער איז יענער? האב איך געזאגט אנ־ווייזענדיג אויף דאס צווייטע בילד.

— דאס איז דער קליינער וויצע-גראף דע ל...; ער איז געווען געצוואונגען זיא צו פערלאזען.

— ווארום?

— ווייל ער איז כמעט רואינירט געווארען; ער איז געווען משוגע פיר זיא.

— און זיא האט, אהן צווייפעל, איהם אויך געליעבט?

— זיא איז אזא מאדנע פערזאן, דאס מען ווייס ניט וואס מען זאל דענקען פון איהר. אין דעם טאג וואס ער איז אוועג האט זיא בעזוכט דאס טהעאטער, וויא גע־וועהנליך, און דאך האט זיא פערגאסען טהערערען ווען ער האט זיא פערלאזען.

אין דיזען אויגענבליק איז נאנין אונז געקומען זאגען, אז דאס עסען איז שוין פערטיג.

ווען מיר זיינען הערייננעגאנגען אין דאס עס-צימער איז מארגעריט געזעסען אנגעלעהנט אן וואנד; גאסטאן האט געהאלטען איהרע הענד און האט גערעדט צו איהר אויפ'ן שטילען קול.

— איהר זייט משוגע, האב איך געהערט וויא מאר־געריט האט געזאגט. פון אזא מיידעל וויא איך בין פער־לאנגט מען ניט קיין ליעבע נאך דעם וויא מען איז מיט איהר

בעקאנט פיר צוויי יאָהר. אזעלכע מיידלאך וויא איך בין גיבען אונזער ליעבע גלייך אָדער גאָר קיינמאָל ניט. קומט, מיינע העררען, לאָ'מיר געהן עסען.

און בעפרייענדיג זיך פון גאסטאָנ'ס הענד האט איהם מארגעריט זיך געלאָזען זעצען ביי איהר רעכטער האנד און מיך ביי איהר לינקער. דאן האט זיא געזאָגט צו נא־נינ'ען:

— איידער איהר זעצט אייך אוועק, זאָגט אָן דיא דיענסטען, אז זיי זאָלען קיינעם ניט הערריינלאָזען.

דיזער בעפעהל איז געגעבען געוואָרען איינס א זייגער אין דער פריה. מיר האָבען געלאכט, געטרונקען און געגעסען געשמאַק. אין א פּאָאר מינוט זיינען מיר געווען אזוי פרעהליך, וויא נאר מענליך, און פון צייט צו צייט האָבען זיך געהערט גלייכווערטלאך, וועלכע האָבען הער־רויסגערופען א געלעכטער ביי נאנין, מארגעריט און פּרו־דאנס. דיא גלייכווערטלאך זיינען געווען פון יענעם מין, וואס ווערען גערעכענט ביי א געוויסען קלאס מענשען פאר שפּאסהאפּט און וואס פערשמירען דיא ליפּען פון יענע, וועלכע רעדען זיי הערויס. גאסטאָן האט גע־שיינט צו האָבען פיעל פערגניגען; ער איז געווען יונג און זיין הארץ איז געלעגען אויפ'ן ריכטיגען פּלאץ, נאר זיין קאָפּ איז נאָך געווען איינגעצאמט אין דיא יונענד־געוואוינהייטען. איין מינוט האב איך זיך געפיהלט האלב געניינט צו דערטרינקען מיינע געדיינקען, ניט צו דענקען און ניט צו זאָרגען מעהר וועגען אלעס, וואס איז פּאָרגע־קומען הערום מיר און צו זיין פרעהליך ביים טיש, וויא דיא אלע אנדערע זיינען געווען. נאָר ביסלעכווייז, בים־לעכווייז האב איך זיך אָנגעהויבען צו פיהלען אלץ מעהר איינזאם אין מיטען דעם גאנצען רעש; מיין גלאָז איז גע־בליבען ניט געריירט און איך בין ענדליך כמעט געוואָרען

טרויעריג, צוקוקענדיג זיך צו דעם שעהנעם צוואנציג־יאָה־ריגען וועזען, וועלכעס האט געטרונקען און גערעדט, וויא א שווייצאר און וועלכעס האט געלאכט אלץ העכער, וואס מיאוס'ער דער שפּאס איז געווען.

דאָך דיזע פרעהליכקייט, דיזעס רעדען און דיזעס טרינ־קען, וואס ביי אנדערע וואָלט געשיינט צו זיין דאס רעזולטאט פון אויסגעלאסענהייט און שלעכטע געוואוינ־הייט, האט ביי מארגעריט אויסגעוויזען, אז דאס איז הע־רויסגערופען פון א פיעבערהאפטער לוסט זיך צו פערגע־סען און פון א נערוועזע צורייצטקייט. מיט יעדען גלאָז שאמפּאניער, וואס זיא האט אויסגעטרונקען, זיינען איהרע בעקלאָך בעדעקט געוואָרען מיט א פיעבערהאפטע רויטה־קייט און איהר הוסט, וועלכער איז ביים אָנפאנג עסען געוועזן זעהר שוואך, איז געוואָרען אזוי שטארק, אז זיא האט זיך געמוזט אָבשפּארען אויפ'ן רוקען פון איהר שטול און אָנכאפּען זיך מיט ביידע הענד פאר'ן ברוסט יעדעס מאָל, ווען זיא האט זיך צוהוסט.

איך האָב זיך געפיהלט טרויריג ביים געדאנקען, אז אזא טאג־טעגליכעס, אונמאָראלישעס לעבען וועט שטארק שעדיגען אזא צארטעס וועזען.

ענדליך איז דאס, פאַרוואָס איך האָב אזוי שטארק מורא געהאט און וואָס איך האב פאָראויס געזעהן, מקוים געוואָרען. ווען דאס אבענד־ברויט איז שוין באלד געווען געענדיגט, איז אויף דיא אָרימע מארגעריט אָנגעפאלען אזא שטארק הוסטען, וועלכעס איך האָב אין איהר ניט געזעהן צייט איך בין דאָ געווען אין צימער. דער הוסט, האט געשיינט, צורייסט איהר ברוסט אויף שטיקער. איהר געזיכט איז געוואָרען רויטה, וויא פורפור און האט פערמאכט דיא אויגען פון ווייהטאָג. זיא האט צוגעפּרעסט איהר סערוועטקע צו דיא ליפּען און א פּאָאָר טראָפּען בלוט

האבען זיך אויף איהר בעוויזען. דאן האט זיא זיך אויפגע־הויבען און איז אוועגגעלאפען אין איהר אנקליידונגס־צימער.

— וואס איז דער מעהר מיט מארגעריט? האט גע־פרעגט גאסטאן.

— זיא האט געלאכט צופיעל און שפייט מיט בלוט, האט געענטפערט פרודאנס, נאר דאס איז גאר ניט, עס טרעפט איהר יעדען טאג, לאז איהר צורוה, זיא האט ליעב צו בלייבען אליין.

נור איך האב ניט געקענט איבערטראגען צו בלייבען זיצען און, צו דער גרויסער פערוואונדערונג פון פרודאנס און נאנין, וועלכע האבען מיך געוואלט אבהאלטען, בין איך אוועג זעהן, וואס מאכט מארגעריט.

צעהנטעס קאפיטעל.

דאס צימער, אין וועלכען זיא האט זיך יעצט געפונען, איז געוועזן בעלויכטען פון איין איינציג ליכט, וואס איז גע־שטאנען אויפ'ן טיש. ליעגענדיג אויף א גרויסע זאפע מיט איהר קלייד אב־געשפילעט, האט זיא איין האנד צוגעפרעסט צום הערצען און דיא צווייטע איז איהר הערונטערגעהאנגען ביי דער זייט. אויפ'ן טיש איז געשטאנען א זילבערנע שיסעל, האלב אנ־געפילט מיט וואסער און דאס וואסער, איז געוועזן בעפארבט מיט בלוט.

מארגעריט זעהר בלייך מיט אפענע ליפען האט געזוכט לופט. פון צייט צו צייט האט זיך איהר ברוסט געהויבען און זיא האט הערויסגעלאזט א טיעפען זיפץ. דאס האט געשיינט איהר צו ערלייכטערן און איהר מאכען אויף א פאר מינוט גרינגער.

איך בין צוגעקומען נעהנטער, נאָר זיא האט זיך ניט גערירט; איך האב זיך געזעצט נעבען איהר און אָנגענומען איהר האנד, וועלכע איז געלעגען אויף דער זאָפע.

— אָה! דאס זייט איהר? האט זיא געזאָגט מיט א שמייכעל.

מיין געזיכט האט וואהרשיינליך אויסגעדריקט מיין בעזאָרגונג, ווייל זיא האט באלד צוגעגעבען.

— זייט איהר אויך קראנק?

— ניין. פיהלט איהר נאָך אלץ שמערצען?

— זעהר ווייניג.

זיא האט אויסגעווישט מיט'ן טיכעל דיא טרערען, וואס דער הוסט האט הערויסגערופען פון איהרע אויגען.

— איך בין שוין איצט געוואָהנט דערצו.

— איהר הרג'עט זיך אוועג, מאדאם, האב איך געזאָגט מיט א קול, וואס האט בעוויזען מיין אויפרעגונג. איך וואָלט ווינשען צו זיין אייערער א פריינד אָדער א קרוב, אום אייך ניט דערלאָזען, זיך שאדען, וויא איהר טהוט עס.

— עס איז ווירקליך ניט ווערטה דיא מיה און איהר דארפט זיך ניט אזוי שרעקען, האט זיא געענטפערט מיט אביסעל ביטערניס. זעהט, וויא דיא אנדערע קימערען זיך וועגען מיר. זיי ווייסען, אז קיין זאך קען שוין ניט העלפען צו אזא קראנקהייט, וויא מיינע.

זיא איז אויפגעשטאנען, האט גענומען דאס ליכט און זיך אָנגעקוקט אין שפיגעל.

— וויא בלייך איך בין, האט זיא בעמערקט, פערשפילענדיג אויף דאס ניי דאס קלייד, און האט דורכגעפיהרט מיט איהרע פינגער דורך דיא האָר, וואס האבען זיך צונומען.

— גאָר ניט, לאָמיר געהן צוריק צום אפּע'ן פּרויט — ווילט איהר מיטגעהן?

נאָר איך בין געבליעבען זיצען און האָב זיך ניט גע־ריהרט.

זיא האט פערשטאנען דיא אויפרעגונג, וואס אין מיר איז פאָרגעקומען, ווייל זיא איז צו מיר צוגעגאנגען און געגעבען מיר דיא האנד, זאָגענדיג:

— קום.

איך האב גענומען איהר האנד און, ווען איך האב איהר צוגעטראָגען צו מיינע ליפּען, זיינען עטליכע טרערען הערונטערגעפאלען פון מיינע אויגען אויף איהר, טרערען, וועלכע איך האב שוין לאנג געמאטערט זיך איינצו־האלטען.

— וויא קינדיש איהר זייט! האט זיא געזאָגט, זע צענדיג זיך נעבען מיר. איהר וויינט — וואָס איז דען מעהר?

— איך מוז אייך פאָרקומען זעהר נאריש, נאָר דאס, וואס איך האָב איצט געזעהן, פעראורזאכט מיר טיעפע שמערצען.

— איהר זייט זעהר א גוטער; נאָר וואס קען איך טהאָן? איך קען ניט שלאָפען און איך מוז זיך אמוזירען. און אויסער דעם וואס קען דיא וועלט פערליערען, אויב עס וועט זיין מיט איין מיידעל, וויא איך בין, ווייניגער? דיא דאָקטורים זאָגען מיר, אז דאס בלוט, וואס איך שפּיי אויס, איז ניט פון דיא לונגען און איך מאך זיך, וויא איך גלויב זיי, דאס איז אלעס, וואס איך קען טהאָן פאר זיי.

— הערט מיך אויס, מארגעריט, האב איך אויסגערופען מיט א ווארעמקייט, וועלכע איך האָב ניט געקענט פער־בעהאלטען. איך ווייס ניט דעם איינפלוס, וואס איהר

וועט האבען אויף מיין צוקונפט, נאר דאס ווייס איך זיכער, אז אין דיזען מאמענט איז אין דער גאנצער וועלט ניטא א פערזאן, אפילו ניט מיין שוועסטער, פאר וועלכע איך זאל פיהלען אזוי, וויא איך פיהל פאר אייך. דאס איז געוועזען אזוי פון דעם ערסטען מאל, וואס איך האב אייך געזעהן. איך בעט אייך, אום דעם הימעל'ס ווילען, אז איהר זאלט מעהר אכטונג געבען אויף זיך און ניט פיהרען דאס לעבען, וואס איהר פיהרט.

— ווען איך זאל אויף זיך מעהר אכטונג געבען, וואלט איך געשטארבען. מיך האלט גראדע אויף דאס פיעבערהאפטע לעבען, וואס איך פיהר; אויסער דעם, קענען נאר אכטונג געבען אויף זיך דיא דאמען, וועלכע האבען פאמיליע און פריינד; אונז אבערווארפט מען אוועג אזוי גיך, וויא נאר מיר קענען ניט שאפען קיין פערגניגען אדער קיצלען דיא זעלבסטליעבע פון אונזערע געליעבטע. איינזאמע טעג פאלגען נאך איינזאמערע נעכט. איך ווייס עס, דען ווען איך בין געלעגען צוויי מאנאט צום בעט, איז צו מיר נאך דיא ערסטע דריי וואכען קיינער ניט הערויפגעקומען געוואר ווערען.

— איך בין כמעט אייך גאר א פרעמדער, האב איך געענטפערט, נאר ווען איהר האט געגען דעם גאר ניט וואס אנצואווענדען, וועל איך אייך פפלעגען, וויא א א ברודער; איך וועל אייך ניט פערלאזען, ביז איך וועל אייך אויסהיילען. דאן ווען איהר וועט צוריקקעהרען אייערע כחות, קענט איהר, אויב איהר וועט האבען חשק, אומקעהרען זיך צום לעבען, וואס איהר פיהרט איצט. נאר איך בין זיכער, אז איהר וועט גיכער אויסקלייבען א שטיל לעבען, וועלכעס וועט אייך מאכען גליקליכער און וועלכעס וועט לענגער איינהאלטען אייער שעהנקייט.

— איהר דענקט אזוי איצט, ווייל דער וויין האט

אייך געמאַכט מעלאַנכאָליש, נאָר אייער גענדולד וואָלט אַזוי לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, וויא איהר רעכענט.

— ערלויבט מיר צו דערמאָנען אייך, מארגעריט, אַז איהר זייט געלעגען קראַנק צוויי מאָנאַט און יעדען טאָג בין איך געקומען געוואָר ווערען, וואס איהר מאַכט.

— דאס איז אמת, נאָר פאר וואָס זייט איהר ניט הערויפגעקומען?

— דערפאַר, ווייל איך בין געוועזען ניט גענוג בעקאַנט מיט אייך.

— מאַכען דען מענשען אַזוי פיעל צערעמאָניעס מיט א מיידעל פון מיין שטאַנד?

— א מאַנספערזאָן דארף זיין שטענדיג העפליך צו א דאַמע, אַלענפאַלס אַזוי איז מיין מיינונג.

— און אַזוי ווילט איהר מיך פּפלעגען?

— יע.

— און איהר וועט יעדען טאָג בלייבען מיט מיר?

— און יעדע נאַכט אויך.

— אַזוי לאַנג, וויא איך וועל אייך ניט דערעסען ווערען.

— וואס רופט איהר אָן דערעסען?

— זעלבסט-אויפאָפּפערונג.

— פון וואַנען קומט הערויס דיא זעלבסט-אויפאָפּפערונג?

— פון סימפּאַטהיע, וואס איך פיהל צו אייך.

— דאס, וואס איהר מיינט, איז, איהר זייט פערליעבט אין מיר, זאָגט עס הערויס גלייך און עס וועט זיין איינפאַכער.

— זעהר מעגליך, נור אויב איך דארף אייך עס א מאָל זאָגען, וועל איך אייך אָבער ניט זאָגען היינט ביינאַכט.

— עס וואָלט געווען בעסער, איהר זאָלט דאס מיר קיין מאָל ניט זאָגען.

— פאַרוואָס?

— ווייל פון אזא געשטענדניס קענען נאָר הערויסקומען צוויי זאַכען.

— און וואס זיינען דיא צוויי זאַכען?

— דיא ערסטע זאַך איז, אז אויב איך וועל אייך ניט וועלען אויסהערען, וועט איהר ווערען אויפגעבראַכט; דיא צווייטע זאַך איז, אז אויב איך וועל אייך ענטפערן אויף אייער ליעבע, וועט אייער פרייד זיין מעלאַנכאָלישער פון דער טרויערקייט אליין: א פרוי, וואס שפייט מיט בלוט און ברענגט אויס הונדערט טויזענד פראַנק א יאָהר. דאס איז ניט זעהר שלעכט פיר אן אַלטען מאַן, וויא דער פירסט איז, נאָר דאס וואָלט געווען זעהר שווער פאַר א יונגען מאַן, וויא איהר זייט; און צו בעווייזען אייך, אז איך רעד דיא וואהרהייט, קען איך אייך פערזיכערן, אז יעדער יונ־גער געליעבטער, וואס איך האָב ווען געהאַט, האט מיך זעהר גיך פערלאָזען.

איך האָב איהר ניט געענטפערט; איך האָב זיך צו־געהערט. דיזע אָפענהערציגקייט, וואס איז געווען מעהר עהנליך אויף ווידוי; דיזעס אונגליקליך לעבען, פון וועלכען איך האָב געכאַפּט א בליק דורך דעם גאָלדענעם שלייער, וואס האט עס פערדעקט און פון וועלכען דאס אָרים מיי־דעל האט זיך געזוכט צו בעהאַלטען אין אויסגעלאַסענהייט, אין אויפרעגונג און אין דורכגעוואַכטע נעכט, דאס אַלעס האט אויף מיך געמאַכט אזא איינדרוק, אז איך האָב ניט געקענט הערויסברענגען איין איינציג וואָרט.

— קומט! האט פאָרטגעזעצט מאַרגעריט, מיר רעדען נאַרעשקייטען. גיט מיר אייער האַנד און נאָ'מיר געהן

צוריק צום עסען. זיי וועלען זיך דאָרטען וואונדערן, וואו זיינען מיר הינגעקומען.

— געהט, אויב איהר ווילט, נור איך וועל אייך בעטען, איהר זאָלט מיר ערלויבען צו פערבלייבען דאָ.

— פאַרוואָס ?

— ווייל אייער פרייד מאַכט מיר פערצווייפעלט.

— זעהר גוט, איך וועל זיין טרויעריג.

— הערט מיך אויס, מאַרגעריט; ערלויבט מיר אייך עטוואָס צו זאָגען, וואס מען האט אייך שוין אָהן צווייפעל ניט איין מאָל נעזאָגט און וואס איהר וועט ניט גלויבען, ווייל איהר זייט שוין צופיעל געוואוינט צו הערען דיא ווערטער. נאָר דאס איז פאָרט וואהר און נאָך אמאָל וועל איך שוין מעהר קיין מאָל ניט זאָגען.

— וואס אזוינס וועט איהר מיר זאָגען ? האט זיא געפרעגט מיט א שמייכעל פון א יונגער מוטער, וואס הערט זיך צו צום נאַרישען פלאַפלען פון איהר קינד.

— איך ווינש אייך צו זאָגען, אז צייט איך האָב אייך דערזעהן, איך ווייס ניט וויא און פאר וואָס, זייט איהר געוואָרען א שטיק פון מיין לעבען. איך האָב געפּרובט פערטרייבען אייער בילד פון מיינע געדאַנקען, נאָר אומזיסט, דאס בילד האט זיך שטענדיג צוריקגעקעהרט. און היינט, ווען איך האָב אייך ווידער בעגעגענט, נאָכדעם וויא איך האָב אייך צוויי יאָהר ניט געזעהן, האט איהר נאָך א שטאַרקערן איינפלוס אויף מיין הערץ און קאָפּ; און איצט, ווען איהר האט מיך ווידער אויפגענומען, ווען איך קען אייך און זעה, וויא עקסצענטריש איהר פיהרט אייך, זייט איהר מיר געוואָרען נאָך נאָטהווענדיגער; און איך וועל הערט פון זינען ניט נאַר, ווען איהר וועט מיך ניט ליעב האבען, זאָנדערן אויך ווען איהר וועט מיר ניט ערלויבען אייך ליעב צו האָבען.

— אונגליקליכער יונגער מאַן. מוז איך אייך זאָגען, וואס מאדאם ד... האָט געזאָגט צו איינעם פון איהרע בעוואונדערער: „איהר מוזט זיין זעהר רייך?“ ווייסט איהר, אז איך גיעב אויס זיבען־אכט טויזענד פראנק א מאָנאט, אז פערשווענדען אזא סומע איז געוואָרען נעטהיג פאר מיין עקסיסטענץ, ווייסט איהר דען ניט, מיין אָרימער פריינד, אז איך וואָלט אייך רואינירט אין אַן אונגלויבליך קורצע צייט, אז אייער פאמיליע וואלט אייך געריכטליך פערבאָטען אָנצוריהרען אייער געלד, אום אייך צו בעשטראָפען פאר'ן לעבען מיט אזא בעשעפענים, וויא איך בין? ליעבט מיך, וויא א פריינד, אָבער ניט אנדערס. בעזוכט מיך, און מיר וועלען לאכען און רעדען צוזאמען. דענקט ניט פון מיר בעסער, וויא איך בין, ווייל איך האב גאָרניט אזעלכע גוטע אייגענשאפטען. אייער הערץ איז אויפ'ן ריכטיגען פלאץ; איהר דארפט עמיצען, ווער עס זאָל אייך ליעבען; איהר זייט צו יונג און צו געפיהלפאָל צו לעבען צווישען אונז. שפיעלט ליעבע מיט א פערהייראטהע פרוי. איהר זעהט, איך בין א גוט מיידעל און רעד אָפענהערציג.

— וואס, צום טייוועל, טהוט איהר דאָ? האט אויסגערופען פרודאנס, וועלכע איז אונערווארטעט ערשיענען אין טהיר מיט איהרע האָאר צושויבערט און איהר קלייד צודרייט. איך האב אין דעם דערקענט דיא ארבייט פון מיין פריינד גאסטאָן.

— מיר האָבען אַן ערנסטען געשפרעך, האט געזאָגט מארגעריט, לאָז אונז א ווייַלע צורוה, מיר וועלען באלד הערויס צו אייך.

— זעהר גוט, זעהר גוט, מיינע קינדער. רעדט, רעדט, האט געענטפערט פרודאנס, צוריקציעהענדיג זיך און האט א קלאפ געטהאָן מיט דער טהיר, וויא זיא וואָלט מיט דעם וועלען בעשטעטיגען איהרע ווערטער.

— הייסט עס, אזוי איז בעשלאָסען, האט געזאָגט מארגעריט, ווען מיר זיינען געבליבען אליין, אז איהר וועט מיך מעהר ניט ליעב האָבען.

— דאַן וועל איך פערלאָזען פראנקרייך.

— זייט איהר אזוי שטארק פערליעבט אין מיך ?

איך בין פ׳רקראָכען צו ווייט, אום זיך אומצוקעהרען צוריק. אויסער דעם, האט מיך דאס מיידעל כמעט הע־ראָבגעפיהרט פון זינען. דיזער צוזאמענמיש פון פרעהליב־קייט און טרויער, פון אָפענהערציגקייט און פראָסטיטו־ציאָן, זאָגאר איהר קראנקהייט, וואס האט אזוי שטארק ענטוויקעלט איהר עמפפינדזאמקייט און נערוועזיטעט, דאס אלעס האט מיך געמאכט פיהלען, אז אויב איך וועל פון דיזער מינוט אָן ניט בעהערשען דיזען לייכטזיניגען טעמ־פעראמענט, וועט מארגעריט פאר מיר זיין פערלאָרען אויף אויביג.

—מיינט איהר ווירקליך ערנסט דאס, וואס איהר זאָגט?

— זעהר ערנסט.

— פארוואָס האט איהר מיר דאס פריהער ניט געזאָגט ?

— ווען האב איך אייך געזאָלט זאָגען ?

— באלד נאָכדעם, וויא מען האט אייך מיר פאָרגע־שטעלט אין דער אָפערא.

— איך האב געדנקט, אז איהר וועט מיך ניט גוט עמפפאנגען, אויב איך וועל שוין אויפ׳ן צווייטען טאָג קו־מען צו אייך מיט א בעזוך.

— וואָרום ?

— ווייל איך האָב זיך זעהר נארעש בענומען דעם אבענד פריהער.

— דאס איז אמת. נאָר איהר האָט מיך שוין ליעב געהאָט אין יענער צייט ?

— יע.

— און דאָך האט דאס אייך גיט געשטערט צו געהן א היים און שלאָפען גאנץ רוהיג נאכהער, וויא איהר זייט אוועג פון דער „אָפּערא." מיר ווייסען, וואס דיזע שטאר־קע ליידענשאַפטען זיינען ווערטה.

— איהר האט א טעות. ווייסט איהר, וואס איך האָב אין דער ווירקליכקייט געטהאָן אין יענע נאכט, ווען איך האב אייך געזעהן אין דער אָפּערא?

— ניין.

— איך בין פון דאָרטען אוועג צום „ענגלישען קאפע." דאָרטען בין איך געשטאנען ביי דער טהיר און האב גע־ווארט. דאן בין איך נאָכגעגאנגען נאָך דער קארעטע, אין וועלכער איהר און אייערע דריי פריינד זיינען געזעסען, און ווען איך האָב געזעהן, אז איהר זייט אליין הערייין אין אייער וואוינונג, בין איך געוועזען זעהר גליקליך.

מארגעריט האָט אָנגעפאנגען צו לאכען.

— פון וואָס לאכט איהר?

— פון גאָרניט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, אז ניט וועל איך דענ־קען, אז איהר טרייבט נאָך אלץ שפּאס מיט מיר.

— איהר וועט ניט ווערען אין כעס?

— וואס פאר א רעכט האב איך דערצו?

— זעהר גוט; אויב איהר ווילט ניט אנדערש וויסען, האב איך געהאַט א גענוגענדע אורזאכע הערייינצוקומען אין מיין דירה אליין.

— מעג איך וויסען דיא אורזאכע?

— עמיצער האט געוואַרט אויף מיר.

ווען זיא וואָלט מיך דורכגעשטאָכען ביז צום הערצען, וואָלט איך ניט געפיהלט דעם קלאָפּ אזוי שטארק. איך האב זיך אויפגעהויבען און געגעבען איהר מיין האַנד.

— אדיע, האב איך געזאָגט.

— איך האב געוואוסט, אז דאס וועט אייך פערדריסען, האט זיא געענטפערט. מענער זוכען אימער אויסצוגעפינען דאס, וואס זיי וועט אם מייסטען ערגערן.

— נאָר איך פערזיכער אייך, האב איך געזאָגט קאַלט, וועלענדיג איהר איבערצייגען, אז איך בין שוין אויף אוי־ביג אויסגעהיילט פון מיין ליידענשאַפט. איך פערזיכער אייך, אז איך בין גאָרניט אין כעס. עס איז געוועזן גאַנץ נאַטירליך, אז עמיצער זאָל אויף אייך ווארטען און עס איז אויך זעהר נאַטירליך פאר מיר צו זעגענען זיך מיט אייך דריי א זייגער אין דער פריה.

— ווארט יעמאנד אויף אייך אין דער היים?

— ניין; נאָר איך מוז געהן.

— אויב אַזוי, אַדיע.

— איהר הייסט מיר געהן?

— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן.

— פאר וואָס טהוט איהר מיר אָן אַזא שמערץ?

— מיט וואס האָב איך אייך פעראורזאכט א שמערץ?

— מיט אייערע ווערטער, אז יעמאנד האט אויף אייך געווארט.

— איך האב זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון לאַכען ביי דעם געדאַנק, אז איהר זייט געווען צופריעדען, וואס איך בין אַליין הערייגעגאַנגען צו זיך אין הויז אין דער צייט, ווען איך האָב געהאַט א גוטע אורזאַכע אַזוי צו טהאָן.

— אָפט איז א מענש צופריעדען מיט א קלייניגקייט און עס איז אָן עולה צו צערשטערען זיין גליק, ווען ער קען, ניט וויסענדיג, בלייבען צופריעדען.

— מיט וועמען דענקט איהר, רעדט איהר? איך בין

ניט קיין אונשולדיג פריילין און ניט קיין פירסטין. איך האב זיך ערסט היינט מיט אייך בעקאנט און איך דארף אייך ניט אָבגעבען א רעכענונג פון וואס, איך טהו. שטעלט אייך אפילו פאָר, אז איך וועל א מאָל ווערען אייער גע-ליעבטע, נאָר איהר קענט דאָך זיך ניט איינשמועסען, אז איך האב קיין מאָל ניט געהאט אנדערע געליעבטע. ווען איהר זייט שוין אייפערזיכטיג, וואס וועט שוין דאמאָלס זיין, אויב א דאמאָלס קען קומען? איך האב נאָך קיין מאָל ניט בעגעגענד א מאן, וויא איהר זייט.

— ווייל איהר האט קיין מאָל ניט בעגעגענט א מאן, וועלבער זאָל אייך אזוי ליעבען, וויא איך ליעב אייך.

— הערט, זייט אָפענהערציג, ליעבט איהר מיך טאקע אזוי שטארק?

— אזוי שטארק, וויא עס איז נאָר מעגליך, דענק איך.

— ווען האט זיך דיא ליעבע אָנגעפאנגען?

— אין א געוויסען טאָג, ווען איך האב אייך געזעהן, וויא איהר זייט הערויסגעשטיעגען פון אייער קארעטע פאר סוסס׳ס מאגאזין מיט דריי יאָהר צוריק.

— דאס איז זעהר שעהן! וואס קען איך טהאָן, אום אייך צו צייגען מיין דאנקבארקייט פאר אזא איבערגע-בענהייט?

— ליעבט מיך אביסעל, האב איך געענטפערט מיט א קלאפעדיג הערץ.

ניט קוקענדיג אויף איהר האלב-סארקאסטישען שמיי-כעל, וואס האט געשוועבט אויף איהרע ליפען דיא גאנצע צייט פון אונזער געשפרעך, האב איך הערויסגעזעהן, אז מארגעריט האט אָנגעהויבען מיר מיטצופיהלען און אז דיא שטונדע, אויף וועלכע איך האב אזוי לאנג געווארט, האט זיך דערנעהרט.

— וואס זאָל איך טהאָן מיט דעם פירסט?

— וועלכער פירסט?

— מיין אייפערזיכטיגער, אלטער פריינד.

— ער וועט גאָר ניט וויסען.

— נאָר אויב ער וועט זיך יע דערוויסען?

— דאַן וועט ער אייך פערגעבען.

— אוי! ניין, ער וועט מיך אוועגוואַרפען; און דאַן, וואס וועט פון מיר ווערען?

— אָבער שטעלט איהר זיך ניט אין דיזער געפאהר פאר אן אנדער מאן?

— פון וואַנען ווייסט איהר דאס?

— ווייל איהר האט געהייסען אייער דיענסט קיינעם ניט הערייננצולאָזען היינטיגע נאכט.

— דאס איז אמת; נאָר יענער הערר איז א פריינד, אויף וועלכען איך קען זיך פערלאָזען.

— נאָר פאר וועלכען איך אַרט זעהר ווייניג, ווייל איהר האט איהם אזוי פריה אוועגגעשיקט.

— איהר דאַרפט מיר מיט דעם ניט אויפוואַרפען, ווייל איך האב דאס געטהאָן, אום איך און אייער פריינד אויפצונעהמען.

איך האב זיך ביסלעכווייז צוגערוקט צו מארגעריט און, הערומנעהמענדיג איהר ביי דער טאַליע, האב איך צערטליך צוגעפרעסט איהר לייכטע פיגור צו זיך.

— ווען איהר זאָלט נאָר וויסען, וויא איך האב אייך ליעב! האב איך געמורמעלט.

— איז דאס אמת?

— איך שווער אייך.

— זעהר גוט. אויב איהר וועט מיר פערשפרעכען צו פאָלגען אלץ, וואס איך וועל אייך הייסען אָהן קשיות, אָהן בעמערקונגען, וועל איך אפשר ענטפערן אויף אייער ליעבע.

— איך זאג אייך צו אלץ וואס איהר ווילט.

— נאר איך ווארן אייך, אז איך מוז זיין פריי צו טהאן אלץ, וויא איך וויל און ניט אבגעבען אייך קיינע רעכנונ־גען. איך האב שוין לאנג געזוכט א יונגען מאן, וועלכער זאל זיין וויילך, זאל מיך ליעבען און טרויען און וועלכען מען זאל קענען ליעב האבען אהן דעם, אז ער זאל פאדערן אונזער ליעבע, אלס זיין רעכט. איך האב קיין מאל אזא מאן ניט געקענט געפינען. אויב איך וועל בעשליעסען ווידער א מאל צו נעהמען א געליעבטען, וועט ער דאר־פען האבען דיא דריי זעלטענע מעלות: ער מוז האבען א פולעס צוטרויען צו מיר, ער מוז מיך פאלגען און מוז קע־נען האלטען א סוד.

— זעהר גוט! איך וועל זיין אלץ, וואס איהר ווילט.

— מיר וועלען זעהן.

— און ווען וועלען מיר זעהן?

— אין גיכען.

— פאר וואס ניט שוין?

— ווייל... האט געזאגט מארגעריט, אויפהויבענדיג זיך פון דער זאפע און הערויסנעהמענדיג פון א בוקעט רויטהע קאמעליען איינע, אום הערייצושטעקען איהר מיר אין קלאפע, — ווייל ניט אלע מאל איז מעגליך אויסצו־פיהרען דעם קאנטראקט אין דעם זעלבען טאג, וואס מען שרייבט איהם אונטער.

מיר איז ניט געווען שווער צו פערשטעהן, וואס זיא מיינט.

— און ווען קען איך אייך ווידער זעהן? האב איך איהר געפרעגט, אומארמענדיג איהר.

— ווען דיזע קאמעליע וועט בייטען איהר קאליר.

— און ווען וועט דאס זיין?

— מאָרגען צווישען עלף און צוועלף ביי נאַכט. זייט איהר צופריעדען?

— קענט איהר מיך נאך פרעגען!

— קיין וואָרט זאָלט איהר דערפון זאָגען ניט צו אייער פריינד, ניט צו פּרודאַנס און ניט צו קיין מענשען.

— איהר קענט זיך אויף מיך פערלאָזען.

— איצט נעהמט מיך הערום און מיר וועלען צוריק־קעהרען אין זאל.

איך האב אזוי געטהאָן; זיא האט געבראכט אין אָרדנונג איהרע האָר און מיר האבען פערלאָזט דאס צימער, זיא, זינגענדיג און איך — האלב פערריקט פון פרייד.

— אייך דארף זעהר וואונדערן, וואס איך האב אייך אזוי גיך געענטפערט אויף אייער ליעבע. ווילט איהר וויסען פאר וואָס?

— דאס איז, ווייל, האט זיא פאָרטגעזעצט, נעהמענדיג מיין האנד און הערויפלעגענדיג איהר אויף איהר הערץ, וואס האט געקלאפּט זעהר שטארק, דאס איז, ווייל איך האָב צו לעבען פיעל וועניגער, ווי אנדערע מענשען. און איך האָב זיך צוגעזאָגט צו לעבען אזוי גיך, וויא נאָר מעגליך.

— רעדט ניט אזוי, איך בעט אייך.

— קלעמט אייך ניט, האט זיא געזאָגט, לאכענדיג. וויא קורץ דיא צייט פון מיין לעבען איז, וועט זיא אלץ איבערלעבען אייער ליעבע צו מיר.

זיא איז הערייַן אין זאל, זינגענדיג.

— וואו איז נאַנין? האט זיא געפרעגט, זעהענדיג, אז גאַסטאָן און פּרודאַנס זיינען אליין.

— זיא שלאָפט אין אייער צימער און וואַרט ביז איהר

וועט זיין פערטיג צו געהן שלאָפען, האט פרודאַנס גע־ענטפערט.

— אָרימעס מיידעל! איך הרג'ע איהר. הערט, מיינע העררען, עס איז שוין צייט, איהר זאָלט געהן א היים.

צעהן מינוט שפּעטער בין איך און גאסטאָן אוועגגע־גאַנגען. מארגעריט האט מיר שטארק געדריקט דיא האַנד ביים געזעגענען זיך. פרודאַנס איז פערבליבען מיט מארגעריט.

— נו! האט גאסטאָן געזאָגט, ווען מיר זיינען הערויס אין גאַס. וואס האָסטו גערעדט מיט מארגעריט?

— זיא איז א מלאך און איך ווער וואהנזיניג פון ליעבע צו איהר.

— איך האָב אויך אזוי געטראכט. האָסטו איהר דאס געזאָגט?

— יא.

— גלויבט זיא דיר?

— ניין.

— אויב אזוי האט זיא ניט געהאַנדעלט, וויא פרו־דאַנס.

— האט דיר דען פרודאַנס עפּעס צוגעזאָגט?

— נאָך בעסער, וויא צוגעזאָגט. דוא וועסט מיר קוים גלויבען, נאָר דיא פעטע פרודאַנס איז א גאַנץ פיינע פרוי.

עלפטעס קאַפּיטעל.

קומענדיג צו דער שטעלע פון זיין ערצעהלונג, האט זיך ארמאנד אָבגעשטעלט.

— ווילט איהר זיין אזוי גוט און פערמאכען דאס פענסטער? האט ער מיר געזאָגט; איך הייב אָן צו פיהלען קעלט. איך וועל זיך דערווייל הערייגלעגען אין בעט.

איך האָב פערמאכט דאס פענסטער. ארמאנד, וועלכער איז נאָך געווען זעהר שוואך, האט אויסגעטהאָן זיין שלאָפראָק און איז הערייין אין בעט. ער איז א פּאָר מינוט געלעגען שטיל, אָנגעשפּארט אויפ'ן קישען, וויא ער וואָלט געווען אויסגעמאטערט פון א לאנגען שפּאציר אָדער אויפגערעגט פון פּיינליכע עראינערונגען.

— דוא האָסט פיעלייכט גערעדט צו פיעל, האָב איך בעמערקט. איז ניט בעסער, איך זאָל דיך איצט לאָזען צורוה, כדי דוא זאָלסט קענען איינשלאָפען? דוא וועסט מיר דאס איבריגע פון דער געשיכטע דערצעהלען אן אנדערס מאָל.

— מאכט דיך מיין ערצעהלונג מיעד?

— אין גענענטהייל.

— אויב אזוי וועל איך דערצעהלען ווייטער. איך וועל שוין ניט קענען איינשלאָפען, ווען דוא וועסט מיך יאָנאר לאָזען אליין.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין מיין וואוינונג, האט ער פון דאס ניי אָנגעפאנגען, בין איך ניט געגאנגען שלאָפען, איך האָב אָנגעהויבען צו בעטראכטען אלץ, וואס איז פּאָרגעקומען. מיין בעגעגעניס מיט מארגעריט, מיין

בעקאנטשאפט מיט איהר און איחר פערשפּרעכען, דאס אלץ איז געשעהן אזוי גיך און אזוי אונערוואַרטעט, אז מיר האט פון צייט צו צייט געדוכט, אז איך חלום. נאָר דאס איז דאָך ניט דאס ערסטע מאָל, אז א מיידעל וויא מאַרגעריט, זאָל פערשפּרעכען צו בעגעגענען א מאַן אויפ׳ן צווייטען טאָג, נאכהער וויא ער האט זיך איהר ערקלעהרט אין ליעבע.

נאָר אומזאָנסט זיינען דיא געדאַנקען געקומען מיר אין קאָפּ. דער ערסטער איינדרוק, וואס מיין געליעבטע האט אויף מיר געמאַכט, איז געוועזן אזוי שטאַרק, אז ער האט זיך ניט געלאָזט אָבּרייבען. איך האב אלץ געוואָלט זעהן אין איהר א מיידעל, ניט געראָטען אין אלע אנדערע און מיט דער אייגענליעבע, וועלכע כמעט אלע מענער בעזיצען, בין איך געוועזן פאַרטיג צו גלויבען, אז זיא האט פאר מיר דיא זעלבע ליעבע, וואס איך האב געפיהלט צו איהר. דאָך האב איך געוואוסט א פּאָר פאקטען, וועלכע האבען ניט בעשטעטיגט מיין גלויבען. איך האב אָפט געהערט, אז מארגעריט׳ס ליעבע איז געוועזן א סחורה, וועלכע מען האט געקענט קויפען טהייערער אָדער ביליגער נאָכ׳ן סעזאָן נאָך.

נאָר אין דער זעלבער צייט האב איך געוואוסט, אז זיא האט ניט געוואָלט אָננעהמען דיא ליעבע פון דעם גראף, וואס איך האב בעגעגענט ביי איהר אין הויז. איהר וועט זאָגען, אז ער איז איהר ניט געוועזן געפעלען און, זיינענדיג בעזאָרגט פון דעם פירסט, וועט זיא בעסער אויסקלייבען א געליעבטען, וועלכער זאָל איהר בעסער געפעלען. פאר וואָס אָבער האט זיא ניט געוואָלט אָננעהמען גאסטאָן, וועלכער איז געוועזן רייצענד, אינטעליגענט און רייך און האט אויסגעקליעבען מיך, וועמען זיא האט געפונען אזוי נאריש ביי דער ערסטער בעגעגענים?

אפשר איז דאס געווען דערפאַר, וואס איך בין געווען דער איינציגער, וועלכער איז איהר דאמאַלס ביים עסען נאָכגעגאנגען און בין געווען אזוי ערשגט ביים אַנבליק פון איהרע ליידען, אז מיינע טרערען האבען זיך געגאָסען אויף איהר האַנד, ווען איך האב איהר געקוסט. דאס און מיינע טעגליכע וויזיטען אין דער צייט פון איהר צוויי מאָנאַטיגער קראנקהייט האבען איהר געוויזען, אז איך בין ניט אזוי וויא אלע אַנדערע און זיא האט גע׳פועלט ביי זיך נאך א ישוב הדעת מיר צו ערלויבען דאס, וואס זיא האט שוין ערלויבט אזוי פיעל אנדערע און וואס האט דארום ביי איהר ניט געהאַט קיין גרויסען ווערטה.

דיזע אַלע פאָראויסזעצונגען, וויא איהר זעהט, זיינען געווען זעהר מעגליך, נאָר וויא דיא זאך איז געווען, איינס איז געווען זיכער, זיא האט מיר צוגעזאָגט, מיך אויפצונעהמען. וואס נעהנטער דיא צייט איז געקומען צו אונזער בענעגעניס, האב איך אַלץ וועניגער געגלויבט אין דעם.

דיא גאנצע נאַכט האָב איך ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג. איך האב זיך גאָרניט דערקענט: איך בין געווען האַלב משוגע. איך האָב ניט געדענקט, אז איך בין שעהן נענוג, עלעגאַנט גענוג, רייך גענוג צו זיין געליעבט פון אזא פרויענצימער. איך האב געפיהלט, אז איך ווער אויפגעבלאָזען פון גדלות, וואס איך ווער איהר געליעבטער. שפּעטער האב איך מורא געהאַט, אז ביי איהר איז נאָר א קאפּריז, וואס וועט אַנהאַלטען בלויז עטליכע טעג און איך האָב געדענקט, אז עס וועט זיין פיעל בעסער פאַר מיר, אז איך זאָל נאָר אוועגפאָהרען און שיקען איהר א בריעף און ערקלעהרען דיא אורזאַכע. דאַן בין איך וויעדער פול געוואָרען מיט האָפנונג. מיינע פאַנטאַזיעס וועגען דער צוקונפט זיינען געווען אונגלויבליך. איך האב זיך איינגעשמועסט, אז איך וועל דאס מיידעל אויסהיילען

פהיזיש און מאראליש; אז איך וועל מיט איהר פערברענגען מיין גאנצען לעבען און אז איהר ליעבע וועט מיך מאכען גליקליכער, וויא דיא ליעבע פון דיא אונשולדיגסטע מיידעל.

איינגעשלאפען בין איך, ווען עס האט אנגעהויבען צו טאגען. ווען איך האב ערוואכט, איז שוין געווען צוויי א זייגער נאך האלבען טאג. דאס וועטער איז געווען זעהר שעהן, און דאס לעבען האט מיר געשיינט צו זיין זעהר אנגענאהם און רייצענד.

איך האב ניט געקענט איינזיצען אין דער היים, מיינע צימערן זיינען געווען צו קליין, אום זיי זאלען קענען ענטהאלטען מיין גליק. דיא גאנצע נאטור איז ניט געווען גענוג גרויס, איך זאל קענען אויסגיעסען מיינע געפיהלען. איך האב פערלאזען מיין הויז און, פערבייגעהענדיג מארגעריט'ס וואוינונג, האב איך געזעהן איהר קארעטע ווארט אויף איהר פאר דער טהיר. איך בין אוועג ווייטער. איך האב יעדען, וואס איך האב בעגעגענט, געליעבט, ניט וויסענדיג, ווער ער איז.

וויא גוטהערציג ליעבע מאכט דעם מענשען!

איך האב זיך הערומגעדרעהט ביי א שטונדע צייט, ענדליך האט מיר אויסגעוויעזען, אז איך האב געזעהן פון דערווייטענס מארגעריט'ס קארעטע; בעשטימט האב איך ניט געוואוסט, נאר איך האב קיין טעות ניט געהאט. ווען דיא קארעטע איז צוגעקומען צו א ווינקעל פון דיא עליסעי פעלדער, איז זיא געבליעבען שטעהן, און א הויבער יונגער מאן, וואס איז געשטאנען און גערעדט מיט עטליכע חברים האט זיי פערלאזט און ער איז צוגעגאנגען צו מארגעריט.

דער יונגער מאן האט מיט איהר גערעדט א פאאר מינוט, דערנאך איז ער צוריק צוגעטראטען צו זיינע חברים און דיא קארעטע איז אוועג ווייטער. צוקומענדיג נעהענ־

טער, האב איך אין דעם יונגען מאן, וואס האט גערעדט מארגעריט, דערקענט דעם גראף דע ג...., וועמעס פאר טרעט איך האב געזעהן און וועגען וועלכען פרודאנס האט מיר געזאגט, אז ער האט מארגעריט פערשאפט איהר יעצטיגע שטעלונג.

פאהריגע נאכט האט מארגעריט געגעבען א בעפעהל איהם ניט פארצולאזען און איך האב געדענקט, אז זיא האט זיך בכיון אבגעשטעלט, אום צו ערקלעהרען איהם, פארוואס זיא האט דאס געטהאן. אויך האב איך גע־האפט, אז פאר איין גאנג האט זיא איהם שוין געגעבען א תירוץ פאר היינטיגע נאכט אויך.

איך ווייס ניט, וויא אזוי איך האב פערבראכט דעם טאג. איך בין נעגאנגען, איך האב גערויכערט און גע־רעדט: נאך צעהן אוהר ביי נאכט האב איך שוין ניט גע־וואוסט, מיט וועמען איך האב גערעדט און וואס איך האב גערעדט. אלץ, וואס איך האב געדענקט, איז, אז איך האב זיך צוריקגעקעהרט אין מיין וואוינונג אנהייב אבענד און האב פערבראכט עטליכע שטונדען אויף איבערטהאן זיך און אויף קוקען אויף מיין וואנד זייגער און טאשען־זייגער, וועלכע האבען צו מיין אונגליק, דערצעהלט מיר דיא זעלבע געשיכטע.

ווען עס האט געשלאגען האלב עלף, האב איך צו זיך געזאגט, אז עס איז שוין צייט צו געהן.

צוקומענדיג צו מארגעריט'ס וואוינונג, האב איך א קוק געטהאן אויף דיא פענסטער: עס איז געווען דארטען ליכטיג.

איך האב געקלונגען דאס גלעקעל.

איך האב דעם שווייצער געפרעגט, צו איז מאדמו־אזעל גאטיע צו־הויז.

ער האט מיר געענטפערט, אז זיא קומט קיין מאָל ניט פריהער פון עלף אָדער א פערטיל נאָך עלף.

איך האב א קוק געטהאָן אויף מיין זייגער. איך האב געדענקט, אז מיין גאנג פון מיר אהער האט געדויערט לאנג, נאָר עס האט זיך הערויסגעוויעזען, אז מיין שפאַציר האט ניט געדויערט לענגער, וויא פינף מינוט.

דאָן האב איך גענומען שפאצירען אויף און אָב איבער דער גאַס, וועלכע איז יעצט געווען זעהר שטיל.

אין א האַלבע שטונדע הערום איז מארגעריט אָנגעקומען אין איהר קארעטע און האט זיך הערומגעקוקט, וויא זיא וואָלט וועלען יעמאנד זעהן.

ווען זיא האט געוואָלט אָנקלינגען, בין איך צוגעטראָטען נאָהענט צו איהר און געזאָגט:

— גוטען אבענד!

— אה, דאס זייט איהר? האט זיא געזאָגט אין א טאָן, וואָס האט ניט געצייגט, אז זיא איז זעהר צופריעדען פון זעהן מיך.

— האט איהר דען מיר ניט געגעבען דיא ערלויבניס אָבצושטאטען אייך היינט ביי נאכט א וויזיט?

— איהר האט רעכט, איך האב גאָר פערגעסען.

דיזע ווערטער האָבען צושלאָגען אלע מיינע געדאַנקען, וואס איך האב אין דער פריה געהאט, און מיינע האָפנונגען ווענגען דער צוקונפט. נאָר איך האב זיך אנגעהויבען צוגעוואוינען צו איהרע זאָנדערבארקייטען און בין ניט אוועג געגאנגען, וויא איך וואָלט דאס געטהאָן פריהער.

מיר זיינען הערייין אין הויז, נאנין האט שוין דיא טהיר געהאַלטען אָפען.

— איז שוין פרודאנס געקומען צוריק? האט מארגעריט געפרעגט.

— ניין, מאדאם.

— געה און זאָג איהר דיענסט, זיא זאָל צו מיר הע־ריין אזוי גיך, וויא זיא וועט צוריקקומען. נאָר איידער דוא געהסט, פערלעש דעם לאָמפּ אין זאַל און אויב יעמאנד וועט מיך פרעגען, זאָלסטו זאָגען, אז איך וועל היינטיגען אבענד ניט זיין אין דער היים.

זיא איז געוועזען מיט עפּעס פערנומען, און פּיעלייכט איז זיא געוועזען אונצופריעדען פון מיין אונצייטליכען וויזיט. איך האב ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען און וואס פאר א פּנים צו מאכען. מארגעריט איז הערריין אין איהר שלאָפ־צימער און איך בין פערבליעבען, וואו איך האב זיך געפונען.

— קומט, האט זיא געזאָגט.

זיא האט אויסגעטהאָן איהר הוט און סאמעטענעם מאנטעל און א וואָרף געטהאָן זיי אויף׳ן בעט און אליין האט זיא זיך הערייגעוואָרפען אין א גרויסען פאָטעל נע־בען דעם פייער, וועלכעס פלעגט ביי איהר ברענען ביז אָנ־פאנג זומער און האט געזאָגט צו מיר, שפּיעלענדיג זיך מיט׳ן קייטעל פון זייגער:

— נו! וואס פאר נייעס האט איהר פאר מיר?

— קיינע נייעס, אויסער דעם, וואס איך האב ניט גוט געטהאָן, וואס איך בין היינט ביי נאכט צו אייך געקומען.

— פארוואָס?

— ווייל איהר שיינט צו זיין בייז און אָהן א צווייפעל בין איך אייך יעצט איבערדריסיג.

— איהר זייט מיר ניט איבערדריסיג, נאָך איך בין קראנק. איך האב געהאט שמערצען דעם גאנצען טאָג, דיא גאנצע נאכט בין איך ניט געשלאָפען און איך האב א שרעקליכען קאָפּ ווייהטאָג.

— זאָל איך פערלאָזען דאס צימער, אום איהר זאָלט קענען הערייין אין בעט?

— אה! איהר קענט פערבלייבען. אויב איך וועל וועלען געהן אין בעט, וועל איך קענען געהן אין אייער גע-גענוואַרט.

גראדע דאַן האט יעמאנד אָנגעקלונגען.

— ווער קומט שוין ווייטער? האט זיא געפרעגט מיט א מינע פון אונגעדולד.

א פּאָר מינוט שפּעטער האט דאס גלעקיל ווידער געקלונגען.

— איז ניטאָ ווער עס זאָל עפענען דיא טהיער? איך וועל דאס מוזען טהאָן אליין.

זיא האט זיך אויפגעהויבען פון פאָטעל און געזאָגט צו מיר:

— וואַרט אויף מיר דאָ.

זיא איז אַוועג צו דער אויסענדיגע טהיר און איך האב געהערט, וויא זיא האט איהר געעפענט. איך האב זיך צוגעהערט.

דער הער, פאַר וועמען זיא האט געעפענט דיא טהיר, איז הערייַן אין עסס-צימער. פון דיא ערסטע ווערטער האב איך דערקענט אין זיין קול דעם יונגען גראף דע נ...

וויא פיהלט איהר זיך היינט ביי נאַכט? האט ער גע-פרעגט.

.. איך בין קראַנק, האט זיא געענטפערט קורץ.

— בין איך אייך אין וועג?

— פיעלייכט.

— וויא פיין איהר נעהמט מיך אויף! וואס האב איך אייך אזוינס געטהאָן, מיין טהייערע מארגעריט?

— מיין טהייערער פריינד, איהר האט מיר גאָרניט געטהאָן. איך בין קראַנק און וויל געהן שלאָפען; און דאריבער וועט איהר מיר טהאָן א גרויסע טובה, אויב איהר וועט מיך פערלאָזען. מיר האט שוין דערעסען ביז צום

טוידט, וואס איך קען איין נאכט ניט קומען א חיים, אז איהר זאָלט מיט פינף מינוט שפעטער ניט ערשיינען. וואס ווילט איהר? איך זאָל ווערען אייער געליעבטע: איך האב אייך שוין הונדערט מאָל געזאָגט, אז איך וויל ניט, אז איהר ברענגט מיך אויף שרעקליך און אז איהר זאָלט אָבזוכען ערגעץ אַן אנדערע. היינט ביי נאכט זאָג איך אייך דאס לעצטע מאָל, אז איך וויל מיט אייך ניט האָבען צו טהאָן. פערשטעהט איהר עס? אה! אָט איז נאנין, זיא וועט אייך צולייכטען. א גוטע נאכט!

מארגעריט האט א שטארקען קלאפ געטהאָן מיט דער טהיר און איז הערייך אין צימער. א פאָאר מינוט שפעטער איז אויך נאנין הערייגעקומען.

— איין מאָל פאר אַלע מאָל, האט זיך מארגעריט געווענדט צו איהר, זאָג אימער דעם נארישען ייִנג, אז איך בין ניטאָ צו־הויז אָדער איך וויל איהם ניט אויפ־נעהמען. איך בין שוין ענדליך מיעד פון דיא בעזו־כער, וואס קומען שטענדיג צוליעב איינע און דיא זעלבע זאך, צאָהלען מיר און גלויבען, אז זיי זיינען מיר מעהר ניט פערפפליכטעט. ווען פרויענצימער וואָלטען נאָר פערשטאנען, וואס דאס מיינט, וואָלטען זיי בעסער געוואָרען דיענסטען, איידער הערייכטרעטען אין אונזער פראָפעסיאָן. נאָר ניין, דער יצר הרע צו שעהנע קליידער, קארעטען און דיאמאנטען פיהרט אונז הערויס פון וועג. מיר גלויבען, וואס מען זאָגט אונז, ווייל אפילו אין פראָ־סטיטוציאָן איז פאראן גלויבען. נאָר ביסלעכווייז, ביסלעכ־ווייז ניצען מיר אויס אונזער הערץ, אונזער קערפער און אונזער שעהנהייט; מען האט פאר אונז מורא, וויא מיר וואָלטען געווען ווילדע חיות, מען פעראכטעט אונז, וויא מיר וואָלטען געווען פאריעס; מיר זיינען אַלע נאָר הע־רומגערינגעלט פון פערזאָנען, וועלכע נעהמען ביי אונז

אימער מעהר אלס זיי גיעבען אונז, און אין א שעהנעם פריה-מארגען קריעכען מיר אוועג צו שטארבען, וויא הינד, אין א ווינקעל, נאכדעם וויא מיר האבען געראינירט אנדערע און זיך אליין.

— מאדאם, איך בעט אייך, בערוהיגט אייך, האט געזאגט נאנין. איהר זייט היינט ביי נאכט נערוועז.

— דאס קלייד איז צו ענג אויף מיר, האט געזאגט מארגעריט, אבשפילענדיג עס. גיעב מיר מיין נאכט-קלייד. נו! וואו איז פרודאנס?

— זיא איז נאך ניט צוריקגעקומען, נאר זיא וועט העריין צו אייך אזוי גיך, וויא זיא וועט קומען א היים.

— אפילו פרודאנס, האט מארגעריט געזאגט, איבער-בייטענדיג איהרע קליידער, וויים צו קומען צו מיר, ווען זיא דארף מיך, נאר מיר א טובה טהוט זיא נאר דאן, ווען עס בעצאהלט זיך. זיא וויים, אז איך ווארט אויף איהר און בין זעהר אונרוהיג און דאך בין איך זיכער, אז זיא לויפט ערגעץ הערום און זיא האט מיך אפילו אין זינען נים. גיעב מיר א ביסעל פאנש.

— איהר וועט זיך ווידער מאכען קראנק, האט גע-זאגט נאנין.

— דעסטא בעסער. טראג מיר העריין פרוכט אדער פאי אדער א היהנערשען פליגעל. אבער גלייך! איך בין הונגעריג.

איך קען אייך ניט איבערגעבען, וואס פאר אן איינ-דרוק דיא סצענע האט אויף מיך געמאכט, נאר איהר וועט דאס אליין פערשטעהן.

— איהר וועט בלייבען און עסען מיט מיר אבענד-ברויט. נעהמט אויף א ווילע א בוך, און געהט אויף א מינוט אין מיין אנקליידונגס-צימער.

זיא האט גענומען א לייכטער, געעפענט דיא טהיר לעבען פוס פון בעט און איז פערשוואונדען געוואָרען.

מיינע געדאנקען האבען הערומגעשוועבט איבער דעם ארט לעבען, וואס דאס מיידעל האט געפיהרט, און צו מיין ליעבע צו איהר האט זיך נאך צוגעמישט א געפיהל פון רחמנות. איך בין געגאנגען איבער'ן צימער, ביז פרו־דאנס איז הערייננעקומען.

— וואס? איהר זייט דאָ! וואו איז מארגעריט.

— אין איהר אנקליידונגס־צימער.

— איך וועל ווארטען אויף איהר. ווייסט איהר, אז זיא האט אייך שטארק ליעב?

— איך האב גאָר ניט געוואוסט.

— האט זיא אייך גאָר ניט געזאָגט דערפון?

— ניין.

— וואס זשע טהוט איהר דאָ?

— איך בין צו איהר נעקומען מיט א וויזיט.

— נאָך האלבער נאכט?

— פאר וואס ניט?

— איהר שפאסט.

— זיא האט מיך זאָגאר שלעכט אויפגענומען.

— יעצט וועט זיא אייך אויפנעהמען בעסער.

— פאר וואָס דענקט איהר אזוי?

— איך ברענג איהר גוטע נייעס.

— דאס איז גאנץ גוט. וואס האט זיא אייך געזאָגט פון מיר און ווען?

— נעכטען ביי נאכט אָדער, ריכטיגער, היינט פריה, נאכהער וויא איהר און אייער פריינד זייט אוועג. מחשבות'ן, וואס מאכט אייער פריינד? איז זיין נאָמען ניט גאסטאָן ר...?

— יא, האב איך געענטפערט און ניט געקענט איינ־

האלטען זיך פון א שמייכעל, דערמאנענדיג זיך, וואס גאסטאָן האט מיר דערצעהלט, אז זיא וויים ניט זיין נאָמען.

— ער איז א פיינער יונגער מאַן. וואס טהוט ער?

— ער האט זיינע פינף און צוואנציג טויזענד פראַנק א יאָהר.

אה! ווירקליך. יעצט קעהר איך מיך אום צו אייך; מאַרגעריט האט מיך געפרעגט וועגען אייך. זיא האט מיך געפרעגט, ווער איהר זייט, וואס איהר האט געטהאָן, וועלכע פרוי איהר האט געליעבט, דיא געוואוינליכע זאַכען, וואס א פרוי פרעגט וועגען א יונגען מאַן אין אייערע יאָהרען. איך האב איהר געזאָגט אלץ, וואס איך האב געוואוסט און האב זאָגאר געזאָגט, אז איהר זייט א פיינער יונגער מאַן.

— דאַנקע. איצט זאָגט מיר, וואס האט זיא פון אייך געוואָלט נעכטען ביי נאַכט?

— א קלייניגקייט. זיא האט נאָר געוואָלט פטור ווערען פון דעם יונגען גראַף. היינט אָבער האָב איך ערנעץ געדאַרפט געהן פאַר איהר און האב איהר איצט געבראַכט אַן ענטפער.

אין דעם מאָמענט איז מאַרגעריט העריינגעקומען פון איהר אנקליידונגס-צימער אין א קליין שעהן הייבעל מיט געלע באנטען. זיא האט אויסגעזעהן זעהר חנ'עוודיג. אויף איהרע נאַקעטע פיס זיינען געווען א פּאָאַר אַטלאַסענע מעסטען און זיא האט געפּוצט איהרע נעגעל.

— נו! האט זיא געזאָגט, דערזעהענדיג פּרודאַנס. האט איהר דעם פירסט געזעהן?

— יא.

— וואס האט ער אייך געזאָגט?

— ער האט מיר געגעבען דאס, וואס איהר האט געבעטען.
— וויא פיעל?
— זעקס טויזענד פראַנק.
— האט איהר דאס געלד?
— יא.
— איז ער ניט געוועזן אונצופריעדען?
— ניין.
— אָרימער מאַן!
דיזע צוויי ווערטער זיינען געוועזן הערויסגערעדט אין א טאָן, וואס איז אונמעגליך איבערצוגעבען. מארגעריט האט גענומען דאס געלד, וואס פּרודאַנס האט איהר דערלאַנגט.
— עס איז שוין געוועזן צייט, האט זיא בעמערקט. מיין טהייערע פּרודאַנס, נויטהיגט איהר זיך אין געלד?
— איהר ווייסט, מיין קינד, אז איצט איז צוויי טעג צום פופצעהנטען. אויב איהר קענט מיר לייהען דריי, פיער הונדערט פראַנק, וועט איהר מיר טהאָן א טובה.
— שיקט אין דער פריה, עס איז צו שפּעט איצט צו בייטען.
— וועט איהר ניט פערגעסען?
— זייט זיכער. וועט איהר מיטשפּייזען מיט אונז?
— ניין, טשארלזווארט אויף מיך אין דער היים.
— איהר זייט נאָך אַלץ פערליעבט אין איהם?
— צום שטארבען, מיין טהייערע. צום ווידערזעהן ביז מאָרגען, אַרמאַנד.
פּרודאַנס איז אוועג געגאַנגען. מאַרגעריט האט געעפענט א שאפקע און האט א היין הערייינגעוואָרפען דאס געלד.
— איהר וועט מיר ערלויבען זיך אנידערצולעגען?

האט זיא געפרעגט מיט א שמייכעל, געהענדיג צום בעט.

— איך וועל אייך ניט נאָר ערלויבען, זאָנדערן איך בעט אייך עס צו טהאָן.

זיא האט אויפגעהויבען דיא שפיצען־דעקע און האט האט זיך אנידערגעלייגט.

— יעצט, האט זיא געזאָגט, קומט און זעצט זיך לעבען מיר און לאָמיר רעדען.

פרודאַנס האט געהאט רעכט. נאך פרודאַנס'ס אנטפער האט זיא געקריגען א בעסערען מוטה.

— איהר וועט מיך פערצייהען, וואס איך בין געווען אזוי נערוועז היינט ביי נאכט, האט זיא געזאָגט, אָננעה־מענדיג מיך ביי דער האנד.

— איך בין בערייט אייך צו פערצייהען פיעל מעהר.

— און איהר האט מיך ליעב?

— איך ליעב אייך וויא א וואהנזיניגער.

— טראָץ מיין שלעכטער לוינע?

— טראָץ אלעם.

— וועט איהר מיר שווערען?

— יא, האב איך געענטפערט מיט א שטילען טאָן.

נאנין האט הערייגעבראכט קאלטע הוהן, א פלאַש קלארעט און ערדבעערע.

— איך האב ניט געמאכט קיין פּאָנש, האט געזאָגט נאנין. קלארעט איז פיעל געזינטער פאר אייך. האב איך ניט רעכט, מיין הערר?

— געוויס, האב איך געענטפערט, שטארק געריהרט פון מארגעריט'ס לעצטע ווערטער און קוקענדיג אויף איהר מיט אויגען פול מיט ליידענשאפט.

— גענוג! האט זיא געזאָגט. שטעל אנידער דאס עסען אויפ'ן קליינעם טישעל און רוק עס צו צום בעט; מיר וועלען אונז אליין בעדיענען. דיא לעצטע דריי נעכט

ביזטו גאָר ניט געשלאָפען, נאנין. געה, רוה זיך אויס, מיר וועלען מעהר גאָר ניט בעדאַרפען.

— זאָל איך פערמאַכען דיא טהיר?

— יא, און זאָג אָן, אז מען זאָל מאָרגען אין דער פריה קיינעם ניט צו לאָזען ביז צוועלף א זייגער.

צוועלפטעם קאַפּיטעל.

פינף אוהר אין דער פריה, ווען דער פריה־מאָרגען האט העריינגעקוקט דורך דיא פאָרהאַנגען, האט מאַרגעריט גע־זאָגט צו מיר:

—פערצייהעט מיך, וואס איך טרייב אייך אַוועג, נאָר דאס איז ניט מיין שולד; דער פירסט קומט יעדען פריה־מאָרגען און מען וועט איהם זאָגען, אז איך שלאָף, וועט ער פיעלייכט וואַרטען, ביז איך וועל אויפשטעהן.

איך האב הערומגענומען מיט ביידע הענד איהר קאָפּ מיט דיא צושויבערטע האָאר און, געבענדיג איהר דעם לעצטען קוס, האב איך איהר געפרעגט:

— ווען זאָל איך ווידער קומען?

— הערט, האט זיא געזאָגט, נעהמט דאס קליין בענול־טען שליעסעל, וואס ליגט אויפ'ן קאַמין, עפענט דיזע טהיר און לעגט אַנידער צוריק דאס שליעסעל און געהט אוועג איהר וועט היינט בעקומען א בריעף און דאַרטען וועל איך אייך שרייבען. איהר וועט מיך מוזען פאָלגען.

— שטעלט אייך פאָר, דאס איך וויל אייך שוין עפּעס בעטען.

— וואס אן ערך?

— ערלויבט מיר איבערצולאָזען ביי זיך דאס שליעסעל.
— איך האב דאס שליעסעל קיין מאָל קיינעם געגעבען.
— אָבער גיט עס מיר, ווייל איך שווער אייך, אז קיינער האט אייך אזוי ניט ליעב געהאט, וויא איך.
— נעהמט עס; נאָר איך זאָג אייך אָפען, אז ווען איך וועל וועלען, וועט ער אייך גאָר ניט נוצען.
— וויא אזוי?
— דיא טהיר פעררוקט זיך אויך פון אינעווייניג.
— וויא גרויזאם איהר זייט!
— איך וועל הייסען דיא פעררוקערס הערונטערנעהמען.
— אזוי, ליעבט איהר מיך אביסעל?
— איך ווייס ניט, וויא אזוי דאס קומט, נאָר איך דענק, עס איז אזוי; איצט געהט אייך, איך בין זעהר שלעפעריג.

מיר האבען זיך נאָך א מאָל חערומגענומען און איך בין אוועג.

דיא גאסען זיינען געווען לעדיג; דיא גרויסע שטאָדט איז נאָך געשלאָפען און מיר האט אויסגעדוכט, אז דיא גאנצע שטאָדט איז מיינע. איך האב זיך געמאטערט צו דערמאָנען דיא נעמען פון דיא מענער, וועמען איך האב א מאָל מקנא געווען, נאָר איך האב ניט געפונען איינעם, פון וועמען איך בין ניט געווען גליקליכער.

זיין געליעבט פון א ריין מיידעל, זיין דער ערסטער צו ענטדעקען איהר דאס זעלטזאמע געהיימניס פון ליעבע איז געווים א גרויס גליק; נאָר דאס איז דיא איינפאכסטע זאַך אין דער וועלט; געווינען א הערץ, וואס האט ניט געהאט אויסצושטעהן קיין נסיון, איז וויא צו בעצווינגען א שטאָדט, וואס זיצט זיכער און ערוואַרטעט ניט קיין אַנ־

פאל פון שונא. ערציעהונג, דאס געפיהל פון פפליכט, פאמיליענ-ליעבע זיינען געווים גוטע שומרים, נאָר זיי זיי־נען ניט גענוג וואָך צו פערהיטען א זעכצענ-יאהריגע מיי־דעל, ווען דיא נאַטור גיעט דורך דיא שטימע פון דעם געליעבטען מאן דיא ערסטע לעקציאָנען פון ליידענשאפט, וועלכע איז אלץ מעהר שטארקער, וואס ריינער זיא איז.

וואס מעהר א יונג מיידעל גלויבט אין וואס איז רעכט, אלץ מעהר גיעט זיא זיך איבער, אויב ניט צו איהר גע־ליעבטען, לכל הפחות צו ליעבע, ווייל ניט האָבענדיג קיין מיסטרויען, האט זיא ניט קיין קרעפטען. צו מאכען זיך בעליעבט ביי אזא מיידעל איז א טריאומף, וואס יעדער פינף און צוואנציג יאָהריגער מאן קען קריגען. דאס איז אזוי זיכער, אז איהר וועט בעמערקען, וויא שטארק דיא וואך איז הערום יונגע מיידלאך און מיט וואָסערע טהורעמס מען רינגעלט זיי הערום. קלויסטערס האָבען ניט גענוג הויכע ווענד, מוטערס — גענוג שטארקע שלעסער, רעליגיאָן — גענוג לאנגע תפילות איינצוהאלטען דיא שעהנע פויגעלאך אין שטייגלאך, אין וועלכע מענשען פאלט אפילו ניט איין הערייינצוואוארפען עטליכע בלומען. און דאריבער רייסען זיי זיך אזוי צו דיזער וועלט, וועלכע איז פון זיי בעהאלטען: דער יצר הרע קריגט מעהר גבורה און זיי זיינען פערטיג צו צוהערען זיך צום ערסטען קול, וועלכער דערצעהלט זיי דורך דיא גראטעס פון זייער געפענגניס זיינען סעקרעטען, און צו בענשען דיא האנד, וועלכע הויבט אויף דיא ערסטע דעם ברעג פון דעם געהיימניספאָלען שלייער.

נאָר צו זיין ווירקליך געליעבט ביי א דירנע איז א פיעל גרעסערער נצחון. ביי דיזע פרויען האט דער קערפער אויפגעפרעסען דיא זעעלע. דיא תאוה האט אויסגעגעסען דאס הערץ, דיא אויסגעלאסענהייט האט שטומפף געמאכט יעדעס געפיהל, זיי זיינען צופיעל בעקאנט מיט דיא הבטחות,

וואס מענער גיעבען זיי, זיי ווייסען דיא מיטלען, וואס דיא לעצטע ברויכען. זייער ליעבע איז א פּראָפעסיאָנעלע און קוואלט ניט פון הערצען. זיי ווערען מעהר געהיט פון זייערע רעכנונגען אלס אן אונשולדיג מיידעל פון דער מוטער אָדער פון קלויסטער. זיי האָבען אויסגעפונען א וואָרט „קאפּריז“, מיט וועלכען זיי בעצייכנען דיא אונפערקויפטע ליעבע, וואס טרייסט זיי פון צייט צו צייט, וויא יענע פּראָצענטניקעס, וואס שינדען הערונטער דיא הויט פון זייערע קונדען, טרייסטען זיך דערמיט, וואס לייען א מאָל א קליינעם גמילות חסד צו אן אָרימען בעקאַנטען אָהן פּראָצענט און אָהן א וועקסעל.

ווען א דירנע פערליעבט זיך, איז דיא ליעבע ווירקליך א רייניגענדע. ווען זיא איז ווירקליך פערליעבט, ווייס זיא ניט, וויא איבערצייגען אין איהר אמת'ע ליעבע, ווייל אלע צייכענס פון ליעבע נעהמט מען אין איהר אָן פיר געמאַכטע. זיי האָבען אזוי פיעל געלייקענט מיט זייערע געפיהלען, אז מען וויל זיי שוין ניט גלויבען. און דאריבער טרעפט אָפט, אז זיי ווערען פערצעהרט פון זייער ליידענשאַפט, אויך דאס איז דיא אורזאכע פון דעם זעלבסט אויפאָפּפערונג און רייע, וואס מען בעגעגענט ביי פיעלע פון זיי.

נאָר נאָמיר זיך אומקעהרען צום ערסטען טאָג פון אונזער צוזאמענקונפט. ווען איך בין צוריקגעקומען אין מיין צימער, בין איך געווען ווילד פאר פרייד. איך האב זיך דערמאָנט, אז אלע הינדערניסע, וואס מיין פאַנטאַזיע האט געשטעלט צווישען מיר און מארגעריט, זיינען פערשוואונדען געוואָרען; אז איך בין איהר געליעבטער און פערנעהם כמעט אלע איהרע געדאַנקען; אז איך טראָג אין מיין טאַשע דאס שליעסעל פון איהר צימער און האב דאס רעכט עס צו געברויכען. איך בין געוואָרען צופריעדען מיט מייז לעבען, שטאָלץ מיט זיך אליין.

אין א געוויסען טאָג קלאַפּט זיך אן א יונגער מאַן אין נאַס מיט א פּרויענצימער, ער קעהרט זיך אום, טהוט אויף איהר א קוק און געהט ווייטער. ער קען ניט דיא פרוי. זיא האט פערגניגונגען, ליידענשאַפטען, זאָרגען, וועלכע זיינען איהם פרעמד. ער עקסיסטירט פאַר איהר ניט און פיעלייכט, ווען ער וואָלט צו איהר גערעדט, וואָלט זיא פון איהם געלאַכט, וויא מאַרגעריט האט געלאַכט פון מיר. וואָכען, מאָנאַטען, יאָהרען לויפען פערביי, און נאָכדעם, וויא יעדער פון זיי איז געגאַנגען מיט זיין וועג, ברענגט זיי דער שיקזאל ווידער געזיכט צו געזיכט. דיא פרויענצימער ווערט דעם מאַנספּערזאָנ׳ס געליעבטע און ליעבט איהם. וויא? ווארום? זייערע צוויי וועלטען ווערען פערשמאָלצען אין איינע. זיי זיינען, דוכט, אָקאָרסט געוואָרען אינטים און זיי שיינט, אז דאס האלט שוין אָן פון אויביג אָן. יעדע זאַך, וואס איז געשעהן פריהער, ווערט אָבגעווישט פון דעם זכרון פון דיא געליעבטע. מיר מוזען צוגעבען, אז דאס איז זעלטזאַם.

וואס אנבעלאַנגט מיך, האב איך גאָרניט געדענקט, וויא איך האב געלעבט ביז נעכטען. מיין גאַנצעס וועזען איז געוועזען פערזונקען אין פרייד ביי דיא עראינערונגען פון דיא ווערטער, וואס מיר האָבען גערעדט דיא ערסטע נאַכט. איינס פון דיא צוויי, אָדער מאַרגעריט איז געוועזען אזוי געשייט אין אבנאַרען אָדער זיא האט בעקומען צו מיר איינע פון יענע פּלוצליכע ליידענשאַפטען, וועלכע ווערען געבאָרען ביי דעם ערסטען קוס און שטאַרבען צייטענווייז גראַדע אזוי געשווינד, וויא זיי זיינען געבאָרען געוואָרען.

וואס מעהר איך האב געדענקט, בין איך אַלץ מעהר געקומען צום שלוס, אז מאַרגעריט האט ניט געהאַט קיין שום אורזאַכע מיר הערויסצואווייזען א ליידענשאַפט, וואס זיא האט ניט געפיהלט.

מיט דיזע געדאנקען בין איך איינגעשלאָפען. מיין דינער האָט מיך אויפגעוועקט און דערלאַנגט א בריעף פון מארגעריט. דער בריעף האט ענטהאלטען פאָלגענדע ווערטער:

דאס איז מיין בעפעהל: קומט היינט ביי נאכט צום „וואָדעוויל" צווישען דריטען און פיערטען אקט — מ. ג.

איך האב דאס צעטיל בעהאַלטען אין מיין טיש, אום צו האָבען עס פאַר א צייכען, אז איך חלום ניט, וויא מיר האט אָפט אויסגעוויזען.

זיא האט מיר ניט געזאָגט, אז איך זאָל צו איהר קומען מיט א וויזיט ביי טאָג און איך האב דאס ניט געוואגט צו טהאָן, נאָר איך האב אזוי שטארק געוואָלט בעגעגענען איהר פאַר אבענד, אז איך בין אוועקגעגאנגען צו דיא עליסעי-פעלדער, וואו איך האב זיא געזעהן מיט א טאָג פריהער דורכפאָהרען אין איהר קארעטע.

זיעבען אוהר בין איך שוין געוועזן אין „וואָדעוויל." קיינמאָל בין איך אין א טהעאטער ניט געוועזן אזוי פריה. דיא לאָזשעס האָבען זיך ביסלעכווייז אנגעפילט, אויסער איינע לעבען דער ביהנע איז געבליבען לעדיג.

דער דריטער אקט האט זיך אָנגעפאנגען. דיא טהיר פון דער לאָזשע, פון וועלכע איך האב אָן אויג ניט הערא‌בגעלאָזט, האט זיך געעפענט און מארגעריט האט זיך בעוויזען.

זיא איז באלד צוגעגאנגען צום פראָנט, האט א וואָרף געטהאָן מיט דיא אויגען און, דערזעהענדיג מיך, האט זיא מיך בעדאנקט מיט א בליק. זיא איז יענעם אבענד געוועזן וואונדערליך שעהן.

בין איך געוועזן דיא אורזאכע, וואס זיא האט אויס-געזעהן אזוי גוט? האט זיא מיך געליעבט גענוג, אום צו גלויבען, אז וואס שעהנער זיא וועט אויסזעהן, אַלץ גליק-

ליכער וועל איך זיין? דאס ווייס איך ניט, נאָר אויב דאס איז געוועזן איהר וואונש, האט זיא איהם פאָלסאָם ער־פילט, דען ווען דאס פובליקום האט איהר דערזעהן, האט זיך אָנגעהויבען א שושקעריי פון איינעם צום צווייטען און דער אקטיאָר, וואס האט זיך אין דער צייט געפונען אויף דער ביהנע, האט א קוק געטהאָן אויף דער פרוי, וואס האט אָנגעמאכט אזא גערודער צווישען דיא צושויער בלויז מיט איהר ערשיינונג. און איך האב געהאט דאס שליסעל פון איהר צימער און אין א פּאָאר שטונדען הער־רום וועט זיא ווידער זיין מיינע.

מען בעשולדיגט דיא יעניגע, וואס רואינירען זיך פאר אקטריסען און פּראָסטיטוטקעס. וואס מיך וואונ־דערט איז, פאר וואס מען בעגעהט ניט פאר זיי צוואנציג מאָל מעהר נארעשקייטען. מען דארף פיהרען אזא לע־בען, וויא איך האָב געפיהרט, אום צו וויסען, וויא דיא חניפה'דיגע קאָמפּלימענטען, וואס דיזע ווייבער צאָהלען צו זייערע ליעבהאָבערס, וואָרצלען איין אין הערצען דיא ליידענשאפט, וועלכע דיא לעצטע פיהלען צו זיי.

פרודאנס האט גענומען איהר פלאץ אין לאָזשע און א הערר, וועלבען איך האב גלייך דערקענט אלס דעם גראף נ... האט זיך געזעצט הינטער זיי.

ווען איך האב איהם דערזעהן, האָב איך געפיהלט, וויא מיין בלוט פרירט אין דיא אָדערען.

איך צווייפעל, אויב מארגעריט האט בעגריפען, וואס פאר אן איינדרוק דעם גראף'ס געגענוואַרט האט אויף מיך געמאכט, ווייל זיא האט צו מיר ווידער א לאך גע־טהאָן און זיצענדיג צו איהם מיט'ן רוקען, האט זיא גע־שיינט צו הערען אויפמערקזאם דיא ערסטע שטיק. ווען דיא שטיק האט זיך געענדיגט, האט זיא זיך געווענדט צום גראף און האט איהם געזאָגט עטליכע ווערטער און

ער איז הערויס. דאַן האט מאַרגעריט מיר געגעבען א צייכען, איך זאָל הערייגקומען צו איהר אין לאָזשע.

— גוטען אבענד, האט זיא מיר געזאָגט און גערייכט מיר דיא האַנד.

— גוטען אבענד, האב איך געענטפערט.

— וועט איהר זיך זעצען?

— איך פירכטע צו פערנעהמען וועמעס פּלאַץ. וועט דער גראַף ג... ניט קומען מעהר צוריק?

— יא, ער איז געגאַנגען ברענגען מיר באָנבאָנס, דערווייל קענען מיר זיך אונטערהאַלטען עטליכע מינוט. פּרודאַנס ווייס מיינע סודות.

— יא, קינדער, האט פּרודאנס געזאָגט, מאַכט זיך בעקוועם. איך וועל קיינעם ניט דערצעהלען.

— וואס איז אייך היינט אבענד געשעהן? האט מאַרגעריט געפרעגט, אָבפיהרענדיג מיך אין א ווינקעל פון לאָזשע, אום א קוס צו טהאָן מיר אויפ׳ן שטערן.

— איך פיהל זיך עפּעס ניט געזונד.

— אויב אזוי געהט שלאָפען, האט זיא געזאָגט מיט אַן איראָנישע מיענע, וואס איז זעהר געגאַנגען צו איהר דעליקאַטע און אינטעליגענטע געזיכט.

— וואוהין זאָל איך געהן שלאָפען?

— צו אייך א היים.

— איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז איך קען דאָרטען ניט שלאָפען.

— אויב אזוי, קוקט ווייטער ניט אזוי אָנגעבלאָזען, ווייל איהר האט געזעהן א העררן אין מיין לאָזשע.

— ניט דאס איז דיא אורזאכע, וואס איך זעה אזוי אויס.

— אבער דאס איז יא דיא אורזאכע. קיין פינגער אין מויל דאַרף מען מיר ניט לעגען, איך ווייס שוין אזעל-

בע זאַכען, נאָר מיר וועלען מעהר ניט רעדען וועגען דעם. ווען דיא פאָרשטעלונג וועט זיך ענדיגען, קומט צו פּרודאַנס און פערבלייבט דאָרטען, ביז איך וועל אייך רופען. איהר הערט?

— יא.

האָב איך געקענט דען טהאָן אַנדערס, וויא זיא האט מיר געהייסען?

— האט איהר מיך נאָך ליעב?

— קענט איהר נאָך פרעגען?

— האט איהר פון מיר געדענקט?

— דעם גאַנצען טאָג.

— ווייסט איהר, אז איך בין אין איינע שרעק צו פערליעבען זיך אין אייך? פרעגט ביי פּרודאַנס.

— יא, האט פּרודאַנס געענטפערט, זיא מאַכט מיך שוין מיעד פון רעדען פיעל וועגען דעם.

— איצט געהט צוריק אויף אייער פּלאַץ. דער גראַף קען גלייך הערייננקומען און ער דאַרף אייך דאָ ניט טרעפען.

— פאַר וואָס?

— וויל זיין געגענוואַרט וועט אייך קיין פערגניגען פערשאַפען.

— געוויס ניט. נאָר ווען איהר וואָלט מיר געזאָגט, אז איהר ווילט געהן אין „וואָדעוויל" היינט אבענד, וואָלט איך אייך געקענט נעהמען א לאָזשע גראָדע אַזאַ גוטע וויא דיא.

— צום שלים-מזל האט ער דיא לאָזשע גענומען אָהן מיין וויסען און האט מיך געבעטען איך זאָל מיטגעהן. איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז איך האב איהם ניט געקענט ענטזאַגען. אלץ, וואס איך האב געקענט, איז געוועזען צו שרייבען אייך, וואו איך וועל זיין אום איהר זאָלט מיך

קענען זעהן און איך זעלבסט זאָל האָבען דאס פערגניגען צו זעהן אייך פריהר; נאָר אויב דאס איז מיין בעלאָהנונג, וועל איך ווייטער וויסען, וואס צו טהאָן.

— איך בין שולדיג; איך בעט אייך אום פערצייהונג.

— אזוי איז בעסער. געהט צוריק אויף אייער פּלאַץ און דיא הויפּט זאך איז, זייט ניט אייפערזיכטיג.

זיא האט מיך ווייטער א קוס געטהאָן און איך בין הערויס פון לאָזשע.

אין דורכגאנג האב איך אנגעטראָפען דעם גראף, וועלכער האט זיך שוין אומגעקעהרט צוריק אין לאָזשע.

אָבוואָהל דעם גראף'ס אנוועזענהייט אין מארגעריט'ס לאָזשע איז געוועזן דיא איינפאכסטע זאך אין דער וועלט, ער איז געוועזן איהר ליעבהאָבער און קיין בעזאָנדערעס איז ניט געוועזן אין דעם, וואס ער האט איהר גענומען א לאָזשע און האט איהר בעגלייט אין טהעאטער. נאָר דאָך בין איך דעם גאנצען אבענד געוועזן אונגליקליך און האב זיך געפיהלט זעהר שלעכט, ווען איך האב געזעהן, וויא מארגעריט און דער גראף און פּרודאנס זיינען הערייננעשטיעגען אין קארעטע, וואס האט אויף זיי געווארט פאר'ן טהעאטער.

אין א פערטעל שטונדע הערום בין איך שוין געוועזן ביי פּרודאנס, זיא איז געוועזן אָקאָרסט געקומען.

דרייצעהנטעם קאפּיטעל.

איהר זייט כמעט נעקומען אזוי גיך, וויא מיר, האט פּרודאנס געזאָגט צו מיר.

— יא, האב איך געענטפערט.

וואו איז מארגעריט?

— אין איהר צימער.

— אליין?

— ניין, מיט דעם הערר ג...

איך האב גענומען געהן האסטיג אויף און אָב.

— וואס איז אייך געוואָרען?

— איהר דענקט, עס איז פאר מיר א פערגניגען צו וואַרטען דאָ, ביז הערר ג... וועט הערויסגעהן פון מאַר־גערים'ס צימער?

— איהר רעדט נאַרעשקייט! איהר ווייסט, אז זיא קען ניט הערויסוואַרפען דעם גראף פון הויז. ער איז א לאַנגע צייט געווען איהר פריינד, האט איהר געגעבען א סך געלד און גיעט איהר איצט אויך. מארגעריט גיעט אויס מעהר וויא הונדערט טויזענד א יאָהר און האָט א סך חובות. דער מארקיז גיעט איהר, וואס זיא בעט ביי איהם, נאָר זיא קען ניט אַלע מאָל בעטען, וואס זיא וויל. זיא דאַרף זיך ניט קריעגען מיט'ן גראף, וועלכער גיעט איהר יעהרליך ביז צעהן טויזענד פראנק. מארגעריט איז פערליעבט אין אייך, יונגער מאַן, נאָר איהר דאַרפט ניט נעהמען אייערע אינטימע בעציעהונגען צו איהר זעהר שטאַרק צום הערצען פון איהרעט און אייערט וועגען. מיט אייערע זיבען, אכט טויזענד פראנק וועט זיא ניט קענען לעבען אויף דעם פוס, וויא זיא איז געוואוינט. אזא סומע וועט זאָגאר ניט קלעקען צו בעצאָהלען פאר איהרע קאַרעטען. נעהמט מאַרגעריט, וויא זיא איז, פאַר־

א גוט-הערציגע, אינטעליגענטע און שעהנע מיידעל. זייט איהר געליעבטער א מאַנאט אָדער צוויי; ברענגט איהר בוקעטען, באָנבאָנס, נעהמט פאר איהר לאָזשעס אין טהעאטער, נאָר דענקט ניט צו טהאָן מעהר און מאַכט זיך ניט לעכערליך צו זיין אייפערזיכטיג. איהר ווייסט, וואס מארגעריט איז און אז זיא איז ניט אן אונשולדיג מיידעל. און ווען איהר געפעלט איהר און זיא אייך, דארפט איהר וועגען קיין זאך מעהר זאָרגען. מיר געפעלט, וואס איהר זייט אזוי געפיהלפאָל! איהר בעזיצט דיא סאמע בעצויבערנדע פרוי אין פאריז; זיא עמפפאנגט אייך אין פראַכטפאָלע צימערן; זיא איז בעדעקט מיט דיאמאנטען און אויב איהר ווילט, וועט זיא אייך ניט קאָסטען איין סו. און נאָך אלעם דעם זייט איהר אונצופריעדען! צום טייפעל, איהר פאָדערט שוין צו פיעל!

— אָהן צווייפעל איהר האט רעכט, נאָר דער געדאנק, אז דיזער מאן איז איהר געליעבטער ברעכט מיין הערץ געגען מיין ווילען.

— איז ער דען נאָך איהר געליעבטער? זיא קען ניט אויסקומען אָהן זיין הילף, און דאָס איז אלעס. דיא לעצטע צוויי טעג האט זיא פאר איהם פערמאכט איהרע טהירען נאָר זיא האט זיך ניט געקענט העלפען און געמוזט אָננעהמען זיין פאָרשלאג צו געהן אין טהעאטער און צו ערלויבען איהם, ער זאָל איהר בעגלייטען. ער וועט ביי איהר לאַנג ניט זיצען, אז איהר זייט דאָ. מיר שיינט, אז דאָס איז גאנץ נאַטירליך, איבריגענס, איהר האָט דאָך גאָר ניט נעגען דעם פירסט.

— דאָס איז אמת; נאָר ער איז אן אלטער מאן און איך בין זיכער, אז ער איז ניט איהר געליעבטער. אויסער דעם, מען קען א מאָל פערטראָגען איין געבענבוהלער און

ניט קיין צוויי. דאָס שמעקט מיט א האנדעל, פון וועל־
כען מען וויל ציעהען פּראָפיטען.

— גוטער, יונגער מאַן, איהר זייט אביסעל צו שפּעט נעבּאָרען געוואָרען. איך האָב שוין געזעהן פיעל נאָבלע, רייכע לייט, וועלכע פיהרען זיך אזוי, וויא איך ראַטה אייך, און פיהלען דערביי ניט קיין שאַנדע אָדער געוויסענסביסע. וויא אזוי, דענקט איהר, וואָלטען געוויסע דאמען אין פּאַ־ריז געקענט לעבען אויף אזא ברייטען פוס, וויא זיי לעבען, ווען זיי זאָלען ניט האָבען דריי, פיער ליעבהאָבער? עס איז גאָר ניטאָ אזא פערמעגענס, וואָס זאָל אליין קענען דעקען אלע הוצאות פון אזא מיידעל, וויא מארגעריט. א יעהרליכע איינקופט פון פינף הונדערט טויזענד א יאָהר איז אין פּאַריז אונגעהייער גרויס, און פאַר איהר, מיין גו־טער פריינד, וואָלט אזא צוקונפט ניט געווען גענינענד. דער מאַן, וואָס האט אזוי פיעל געלד, דאַרף אויך האַל־טען פערד, בעדיענטע, קאַרעטען, הינד און פריינד; אָפט איז אזא מאַן פערהייראַטעט, האט א פאַמיליע, האלט פערד פאַר רייסעס, שפּיעלט אין קאָרטען, רייזט און האט צוטהאָן נאָך אזעלכע זאַכען. ער קען זיך ניט אָבזאָגען פון איינע פון דיא זאַכען, אום ער זאָל ניט העריינפאַלען צו לייטען אין דיא מיילער. איצטער, ווען איהר וועט מאַכען א רעכנונג, וועט איהר אויסגעפינען, אז ער קען ניט אויס־געבען אויף א פרוי מעהר, וויא פערציג אָדער פופציג טוי־זענד פראַנק א יאָהר און זאָגאַר דיזע סומע איז צו גרויס. אלזאָ מוזען דעקען איהרע הוצאות אנדערע. מארגעריט דאַרף דאס ניט האָבען, איהר האט געטראָפען א נס און זיא האט בעגעגענט אן אלטען מיליאָנער, ביי וועמען דאס ווייב און טאָכטער זיינען געשטאָרבען און זיינע קרובים זיי־נען אזוי רייך, וויא ער אליין, און ער גיעט איהר אלעס, וואס זיא בעט און פערלאַנגט פון איהר קיין זאַך. נאָר

זיא קען ניט בעטען ביי איהם מעהר, וויא זעכציג אָדער זיבעציג טויזענד פראנק א יאָהר און איך בין זיכער, אז ווען זיא וועט בעטען מעהר, וועט ער, ניט קוקענדיג אויף זיין רייכטהום און דעם געפיהל, וואס ער האָט צו איהר, אָב זאָגען איהר.

אלע יונגע לייט, וואס האָבען איין איינקופט פון צוואַנ־ציג, דרייסיג טויזענד פראנק דאס הייסט קוים אויסצוקו־מען אין א געזעלשאפט, וואו זיי פערקעהרען, ווייסען גאַנץ גוט, ווען זיי זיינען ליעבהאָבער פון א מיידעל, וויא מאַר־גערים, אז זיא קען מיט דעם געלד, וואס זיי גיעבען איהר, זאָגאר ניט איינצאָהלען רענט פאַר איהר וואוינונג. זיי פערמאכען דיא אויגען און מאַכען זיך, וויא זיי זעהען קיין זאך ניט. אויב זיי זיינען גענוג אייטעל אויסצוהאלטען אזא מיידעל אויף אייגענע קאָסטען, רואינירען זיי זיך, וויא נאראָנים און אנ ליימען צול עב דיא בעלי חובות פון פאַ־ריז און ווערען געטוידט אין אלזשיר.

— אויסער דעם, האט פרודאנס פאָרגעזעצט, לאָמיר צוגעבען, אז מארגעריט ליעבט אייך גענוג שטארק, אז זיא זאָל צוליעב אייך אבגעבען דעם גראף און דעם פירסט, אין פאַל, ווען דער לעצטער וועט געוואר ווערען פון איהר בונד מיט אייך און זיא זאָל דארפען אויסקלייבען צווישען אייך און איהם. דער אָפפער, וואס זיא וועט מאכען צו־ליעב אייך, וועט זיין אונגעהייער. וואס פאַר א אָפפער קענט איהר מאכען פאר איהר, וואס זאָל זיין אזוי וויכטיג, ווען זיא וועט אייך דערעסען און איהר וועט ניט וועלען מיט איהר מעהר האָבען צו טהאָן? וואס וועט איהר טהאָן, אום צו בעצאהלען איהר פאַר דעם, וואס זיא האט צוליעב אייך פערלאָרען? גאָרניט! איהר וועט איהר ערויספיהרען פון קרייז, וואו זיא האט געקענט פערזאָרגען זיך א צוקונפט. זיא וועט אייך אוועגגעבען איהרע בעסטע יאָהרען פון איהר

לעבען און ועט פערגעסען ווערען. ענטוועדער איהר וועט זיך האלטען, וויא געוואוינליך מאנסלייט האלטען זיך אין אזעלכע פעלע, איהר וועט איהר אויפאָפפערן מיט איהר פאַריגען אַרט לעבען, איהר וועט איהר זאָגען, אז איהר טהוט ניט מעהר, וואס איהרע פריהריגע ליעבהאָבערס האָבען געטהאָן און וועט איהר איבערלאָזען אין אָרימקייט; אָדער איהר וועט זיין א פיינער מאַן, איהר וועט דענקען, אייער פפליכט איז צו בלייבען לעבען מיט איהר און דער־מיט מאכען אייער עקסיסטענץ אונערטרעגליך; אזא בונד, אויב עס איז פערצייהליך פאר א יונגען מאַן, ווערט אָבער איבערגעריסען, ווען דער יונגער מאַן ווערט עלטער. זיא וועט אייך ליגען, וויא א שטיין אויפ'ן וועג, זיא וועט אייך שטערן צו פיהרען א פאמיליענ־לעבען אָדער וועט אייך ניט לאָזען זיך צוהערען צו דיא שטימע פון אייער אמביציאָן, דיא נעכסטע און לעצטע מענערשע ליעבע. גלויבט מיר, מיין פריינד, און נעהמט דיא זאכען, וויא זיי זיינען און פרויען נאָך זייער ווערטה און גיעט ניט א מיידעל, וויא מארגעריט, דאס רעכט, צו זאָגען, אז איהר זייט איהר עפּעס שולדיג.

דיזע ארגומענטען זיינען געוועזען אזוי קלוג און לאָגיש, אז איך האב זיך געוואונדערט, וויא קומען זיי צו פּרודאנס. איך האב אויף דעם ניט געפונען, וואס צו ענטפערן. איך האב איהר געדריקט דיא האנד און געדאנקט פאר איהר ראטה.

— ווארפט אוועג האט זיא געזאָגט, דיא נארעשע גע־דאנקען, דאס לעבען איז זיס, נאר דאס הענגט פיעל אָב, דורך וועלכעס גלאָז מען קוקט. פרעגט אייער פריינד גאַסטאָן. דאס איז דער מאַן, וואס פערשטעהט ליעבע, וויא איך. איהר מאָגט זיין זיכער אין איין זאַך, אז ניט ווייט געפינט זיך א שעהנע מיידעל, וואס זוכט וואס גי־

בער פטור צו ווערען פון איהר בעזוכער און גארט, וואס גיכער אייך צו זעהן; זיא וועט מיט אייך פערבלייבען ביז אין דער פריה און זיא האט אייך זעהר ליעב. איצט קומט מיט מיר צו צום פענסטער און לאָמיר זעהן, וויא דער גראף פאָהרט אוועג, אום צו מאכען פלאץ פאר אייך.

פרודאנס איז געשטאנען נעבען פענסטער און געקוקט אויף דיא פערבייגעהער און איך בין געשטאנען פערטראכט. אלץ, וואס זיא האט מיר געזאָגט, איז יעצט דורכגעגאנגען מיין מארך און איך האב געמוזט צוגעבען, אז זיא איז גערעכט, נאָר דיא וואהרע ליעבע, וואס איך האב געפיהלט צו מארגעריט, האט זיך ניט געקענט בעניגענען מיט דיזע ארגומענטען. פון צייט צו צייט האב איך געזיפצט, און פרודאנס האט זיך יעדעס מאָל אומגעקוקט און געצויגען מיט דיא אקסלען, וויא א דאָקטאָר, וואס האט אויפגעגעבען דיא האָפנונגען וועגען זיין פאציענט.

ענדליך איז דער גראף אוועגגעפאָהרען.

אין דעם זעלבען מאָמענט האט מארגעריט אונז גערופען.

— קומט גיכער, מען גרייט צום טיש, מיר וועלען האָבען אונזער אבענד-ברויט.

ווען איך בין העריין אין צימער, איז זיא מיר אנטגעגען געלאָפען, האט הערומגעוואָרפען הערום מיר איהרע ארמס און האט מיך שטייף הערומגענומען.

— בלאָזט איהר זיך נאָך אלץ, האט זיא געפרעגט.

— ניין, ער איז שוין בעסער געוואָרען, האט געענטפערט פרודאנס. איך האב איהם געלייענט א לאנגע לעקציאָן און ער האט צו געזאָגט צו זיין א גוטער יונג.

— אזוי איז גוט.

געגען מיין אייגענעם ווילען האָב איך מיט דיא אויגען

א ווארף געטהאן אויפ'ן בעט: דאס בעט איז געווען אונ־בעריהרט.

מיר האבען זיך געזעצט צום אבענד־ברויט. רייץ, גוטסקייט, אפענהערציגקיט — דאס אלעס איז מארגעריט בעזעסען און פון צייט צו צייט האב איך צו זיך געזאגט, אז איך האב קיין רעכט צו פאדערן פון איהר עפעס אנ־דערס; אז פיעלע פערזאנען וואלטען זיך גערעכנט גליקליך אויף מיין פלאץ. איך האב געוואלט ברענגען פרודאנ'ס טהעאריע אין פראקטיק און זיין אזוי פרעהליך, וויא דיא צווי דאמען; נאר ביי זיי איז דאס געווען נאטירליך און ביי מיר איז דאס הערויסגעקומען געצוואונגען. איך בין געווען אזוי נערוועז, אז איך האב פון צייט צו צייט גע־לאכט און זיי זיינען געווען גענארט דערמיט, נאר מיר הא־בען זיך כמעט געגאסען טרערען.

דאס אבענד־ברויט האט זיך געענדיגט, און איך בין געבליבען אליין מיט מארגעריט. זיא האט זיך אנידער־געזעצט פאר'ן קאמען און האט טרויריג געקוקט אויפ'ן פייער.

פון וואס זיא האט געדענקט, האב איך ניט געוואוסט. איך האב געקוקט אויף איהר מיט פולע אויגען ליעבע, און איך האב זיך כמעט געשראקען פון געדאנק, וואס איך בין פארטיג אויסצושטעהן פון ליעבע צו איהר.

— ווייסט איהר, פון וואס איך האב געטראכט?

— ניין.

— פון א פלאן, וואס איך האב אויסגעארבייט.

— און וואס איז דער פלאן?

— איך קען אייך נאך ניט זאגען. נאר איך קען אייך דערצעהלען, וואס וועט זיין דאס רעזולטאט. אין א מא־נאט הערום וועל איך זיין פריי; דאן וועל איך מעהר קיי־

נעם ניט שולדיג זיין און מיר וועלען הערויספאָהרען אויפ'ן לאנד און פערברענגען צוזאמען דעם זומער.

— קענט איהר מיר ניט זאָגען, וויא אזוי איהר דענקט דאס צו מאכען?

— ניין, דיא איינציגע זאך, וואס איהר דארפט טהאָן, איז מיך ליעב צו האָבען, וויא איך אייך און אלעס וועט זיין גוט.

— זייט איהר אליין געקומען צום פלאן?

— יא

— און איהר ווילט איהם אין גאנצען אליין דורכ-פיהרען?

— איך אליין. איך וועל האבען דיא גאנצע מיה דער-פון, האט מארגעריט געזאָגט מיט אזא שמייכעל, וואס איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען, נאָר דעם פראָפיט וועלען מיר טהיילען ביידע.

איך בין ניט ווילענדיג רויטה געוואָרען ביים וואָרט „פראָפיט," ווייל עס האט מיר דערמאָנט אן געוויסע פרוי-ען, וואס פערשווענדען דאס געלד פון אנדערע מענער מיט זייערע געליעבטע.

איך האב געענטפערט שטרענג און צור גלייכער צייט האָב איך זיך אויפגעהויבען.

— איהר וועט מיר ערלויבען, טהייערע מארגעריט, זיך אָבצוזאָגען צו טהיילען דיא פראָפיטען פון יעדער אונ-טערנעהמונג, וועלכע איך אליין האב ניט פלאנירט און ניט דורכגעפיהרט.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין, אז איך בין שטארק חושד, אז דער גראף ג. איז אייער שותף אין דיזער אונטערנעהמונג און איך וויל דאריבער ניט נעהמען דיא פעראנטוואָרטליכקייט אין דיא פראָפיטען.

— איהר זייט זעהר קינדעריש. איך האָב געדענקט, איהר האט מיך זעהר ליעב, נאָר איך האָב זיך גענאַרט. זעהר גוט פאר מיר.

מיט דיא ווערטער האט זיא זיך אויפגעהויבען, האָט געעפענט דיא פיאַנע און אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען „דיא איינלאַדונג צום וואַלס."

איך ווייס ניט, צו דאס איז געווען פון געוואוינהייט אָדער זיא האט מיר געוואָלט דערמאָנען דעם ערסטען טאָג פון אונזער בעקאַנטשאַפט, איך ווייס נאָר, אז וויא איך האָב דערהערט דיא מעלאָדיע, האָבען זיך מיינע גע־דאַנקען אומגעקעהרט צו יענער צייט. איך בין צוגעגאַנ־גען צו איהר און האָב איהר הערומגענומען ביים קאָפּ.

— איהר פערצייהעט מיך? האָב איך געפרעגט.

— איהר זעהט, אז איך טהו עס, האט זיא געענט־פערט. נאָר זייט אזוי גוט און בעמערקט, אז דאס איז ערסט דער צווייטער טאָג און אז איך האָב אייך שוין עט־וואָס צו פערגעבען. איהר האלט ניט אייער פערשפּרעכען מיר בלינד צו געהאָרכען.

— איך קען זיך ניט העלפען, מאַרגעריט, איך האָב אייך צו שטארק ליעב. איך בין אייפערזיכטיג צו אייער מינדסטען געדאַנק. דאס, וואס איהר האט מיר ערסט געזאָגט, האט מיך שיער ניט ווילד געמאכט פאר פרייד; נאָר איך האָב דערפיהלט א וועהטאָג אין הערצען ביים געדאַנקען, אז איהר ווילט אין געהיים פון מיר דורכפיהרען אייער פּראָיעקט.

— לאָמיר עס ביידע בעטראַכטען, האט זיא געזאָגט, אָננעהמענדיג מיינע ביידע הענד און קוקענדיג אויף מיך מיט א צויבערנד שמייכעל; איהר האָט מיך ליעב, ניט אזוי? און איהר וואָלט געווען גליקליך צו פערברענגען מיט מיר אַליין דריי אָדער פיער מאָנאט אויפ'ן לאנד? איך

וואָלט אויך געווען גליקליך צו זיין מיט אייך אַליין און ניט נאָר איך וואָלט געווען דערפון גליקליך, זאָנדערן מיין געזונד פאָדערט עס. איך קען ניט פערלאָזען פאריז פאר אזא לאנגע צייט, ניט ברעננענדיג אין אָרדנונג מיינע געשעפטען און דיא געשעפטען פון אזא פערזאָן, וויא איך בין, זיינען אימער אין א שרעקליכען פלאָנטער. איצט האב איך אויסגעפונען דיא מיטלען, וויא אזוי איינצואָרדענען יעדע זאך. מיינע געשעפטען אזוי גוט, וויא מיין ליעבע צו אייך. יא, צו אייך! איהר דארפט ניט לאכען. איך בין גענוג נארעש צו ליעבען אייך. און איהר מאכט נאָך שטיק און ברויכט הויכע פראזען. איהר זייט קינדיש און נאָך מעהר וויא קינדיש. דענקט נאָר, אז איך האָב אייך ליעב און פאר קיין אנדער זאך זאָל אייך ניט אַרען? געפעלט אייך?

— מיר געפעלט אלץ, וואס איהר ווינשט.

— אויב אזוי, וועלען מיר נאָך איידער א מאָנאט צייט ווערט העריבער, שוין זיין ערגעץ אין א דאָרף, מיר וועלען שפאציערען ערגעץ פערביי א וואסער און טרינקען מילך. וויא זעלטזאם איז, וואס איך רעד אזוי! איך, מארגעריט גאָטיע, נאָר דאס איז דערפאר, ווייל דאס פאריזער לעבען, וואס שיינט מיר אזוי גליקליך צו מאכען, איז מיר איבערדריסיג אויב עס פערצעהרט מיך ניט. אויסער דעם, פיהל איך א גרויסע לוסט צו א רוהיג לעבען, וואס זאָל מיר דערמאָנען מיין קינדהייט. יעדער, וואס שפּעטער איז פון איהם ניט געוואָרען, האָט געהאט א קינדהייט, נאָר ווערט ניט אונרוהיג, איך וועל אייך ניט דערצעהלען, אז איך בין א קינד פון א קאָלאָנעל, וועלכער איז אויסער דיענסט, און אז איך בין ערצויגען געוואָרען אין סענט-דעני.

איך בין אן אָרים דאָרפס-מיידעל און מיט זעקס יאָהר צו־ריק האָב איך ניט געקענט שרייבען מיין אייגען נאָמען. איצט זייט איהר רוהיגער, ניט וואהר? פאַרוואָס בין איך דיא יענע, וואָס לעגט אייך פאַר צו טהיילען מיט מיר דאס גליק, וואס איהר ווינשט אזוי? אָהן צווייפעל דער־פאַר, ווייל איך דערקען אייער ליעבע צו מיר. אייער ליע־בע צו מיר איז ניט קיין איינגענליעבע, אין דער צייט ווען אנדערע האָבען מיך נאָר געליעבט פאַר זיך אליין. איך בין זעהר אָפט געווען אויפ'ן לאַנד, נאָר קיינמאָל ניט אזוי וויא איך האָב געוואָלט זיין. איך פערלאָז זיך אויף אייך, אז איך וועל געניסען פערגניגען, וואָס איז ניט אזוי שווער צו געפינען. זייט נאָר ניט שלעכט און טהוט, וואָס איך בעט אייך. זאָגט צו זיך אליין. „זיא וועט לאַנג ניט לע־בען און איין טאָג קען מיר לייד טהאָן, וואָס איך האָב ניט ערפילט איהר איינציגע בקשה, וואָס זיא האָט מיר גע־בעטען. און אזא בקשה, וואָס איז געווען אזוי גרינג נאָכצוגעבען!"

וואָס האָב איך געקענט ענטפערען אויף אזעלכע ווער־טער, האָבענדיג נאָך מעהר דיא געדאַנקען פון דער ער־סטער ליעבע-נאַכט און דיא ערוואַרטונג פון א צווייטע?

א שטונדע שפּעטער איז מאַרגעריט געווען אין מיינע אָרימס און ווען זיא וואָלט מיר געהייסען בעגעהן א פערברעכען, וואָלט איך איהר אויך געפאָלגט.

זעקס א זייגער אין דער פריה האב איך איהר פערלאָ־זען און פאַר'ן אוועגגעהן האב איך איהר געזאָגט:

— ביז היינט אבענד.

זיא האט מיך הערומגענומען, נאָר זיא האט ניט גע־ענטפערט.

אין פערלויף פון דעם טאָג האב איך פון איהר בעקר־מען א בריעף מיט פאָלגענדען אינהאלט.

„מיין טהייערעס קינד, איך בין ניט אין גאנצען געזונד און דער דאָקטאָר האט מיר געהייסען אביסעל אָברוהען זיך. היינט ביי נאכט געה איך שלאָפען פריה און וועל דיך ניט ערווארטען, און אום צו בעלוינען דיך וועל איך דיך מאָרגען ערווארטען א זייגער צוועלף ביי טאָג.“

מיינע ערסטע געדאנקען זיינען געוועזן: זיא נארט דיך. א קאַלטער שוויים האט בעגאָסען מיין שטערן, דען איך האב שוין דיא פרוי ליעב געהאט צו טיעף, אום צו בלייבען רוהיג ביי אזא פערדאכט. באלד איז מיר איינגעפאַלען א געדאנק, איך זאָל קומען צו איהר ,האָבענדיג דאס שליסעל פון איהר צימער ביי זיך, וויא שטענדיג, און אויס־געפינען דיא וואהרהייט. איך האב זיך פאָרגענומען, אז אויב איך וועל געפינען א מאן אין איהר צ מער, זאָל ער זיך ניט נארען.

דערווייל בין איך אוועג צו דיא עליסעי־פעלדער און האָב דאָרט געווארט פיער שטונדען, נאָר זיא איז אהין ניט געקומען. אין אבענד האב איך געמאכט א וויזיט אין אַלע טהעאטערס, וועלכע זיא פלעגט בעזוכען, נאָר איך האב איהר ערגעץ ניט בעגעגענט.

עלף א זייגער ביי נאכט בין איך אוועג צו איהר. אין מארגעריט׳ס פענסטער האט זיך ניט געזעהן קיין ליכט, נאָר דאָך האב איך אָנגעקלונגען. דער פאָרטיע האט מיך געפרעגט, וואוהין איך געה.

— צו מאדמואזעל גאָטיע, האב איך געענטפערט.

— זיא איז נאָך ניט צוריקגעקומען.

— איך וועל הערויפגעהן און ווארטען אויף איהר.

— קיינער איז צו־הויזע דאָ.

עס איז געווען קלאָר הערויסצוזעהן, אז דיזער מאַן האט געזאָגט, וואָס מען האט איהם געהייסען; געווים, האב איך געקענט הערייננעהן אָהן זיין ערלויבניס, ווייל איך האב געהאט דאס שליסעל מיט זיך, נאָר איך האב מורא געהאט צו מאכען זיך לעכערליך און בין אוועג.

דאָך בין איך א היים ניט געגאנגען, איך האָב בשום אופן ניט געקענט אָבטרעטען פון דער גאַס און אָברייסען די אויגען פון מארגעריט'ס צימערן. מיר האט אלץ גע־שיינט, אז איך האָב עפּעס צו ענטדעקען אָדער, וויינינגס־טענס, אויסצוגעפינען, אז מיין חשד איז געווען ניט אום־זיסט.

הערום האַלבע נאַכט איז א בעקאַנטע קארעטע צור־געפאָהרען צו מארגעריט'ס וואוינונג און האט זיך דאָרט אָבגעשטעלט.

דער גראַף דע ג. . . איז הערויסגעשטיגען פון דער קאַרעטע, האט געהייסען דעם קוטשער אָבפאָהרען און איז הערייון אין הויז.

א סעקונדע האָב איך נאָך געהאָפט, אז מען וועט איהם אויך זאָגען, אז מארגעריט איז ניטאָ צו־הויז און איך וועל איהם באלד זעהן הערויסגעהן, נאָר ביז פיער אוהר האָב איך אלץ געווארט.

דיא לעצטע דריי וואָכען האָב איך איבערגעליטען א סך, נאָר אין פערגלייך מיט יענע יסורים, וואס איך האב אויסגעליטען יענעם אבענד, איז דאס גאָר ניט.

פערצעהנטעס קאַפּיטעל.

ווען איך בין געקומען צו זיך א היים, האָב איך אָנגעהויבען צו וויינען, וויא א קינד. דיא גייסטיגע יסורים, וואָס מען שטעהט אויס אין אזא פאַל, דארפען זיין בעקאַנט יעדען איינעם.

אין היץ האָב איך בעשלאָסען גלייך אבצוטרעסלען זיך פון מיין בונד מיט איהר; א מאַנספערזאָן גלויבט אימער, אז ער האט א גענוג שטאַרקען ווילען צו האַלטען זיך ביי זין בעשלוס. און דאריבער האָב איך מיט אונגע־דולד געווארט, עס זאָל שוין אָנהויבען צו טאָגען און איך וועל גלייך אוועקפאָהרען צו מיין פאָטער און שוועסטער, אויף וועמעס ליעבע איך האָב זיך געקענט פערלאָזען, אז זיא וועט מיך ניט אָבנארען.

דאָך האָב איך ניט געוואָלט אָבפאָהרען, אז מארגעריט זאָל ניט וויסען, פאר וואָס איך האָב דאָס אזוי געטהאָן. דער מאַן נאָר, וואָס איז ווירקליך גלייכגילטיג צו זיין גע־ליעבטע, לאָזט איהר איבער אָהנע צו שרייבען איהר דאריבער.

איך האָב געטראַכט, וואָס צו שרייבען איהר.

אחרי ככלות הכל איז זיא ניט מעהר, וויא א דירנע און איך האָב איהר צופיעל אידעאַליזירט; זיא איז זיך מיט מיר בעגאַנגען, וויא מיט א ייִנגעל. מיין זעלבסט־ליעבע איז געוועזען פערוואונדעט און איך האָב געהאט בדעה צו פערלאָזען איהר אזוי, אז זיא זאָל ניט פערשטעהן, וואָס איך לייד צוליעב איהר. דעם בריעף האָב איך איהר גע־שריעבען אזוי שעהן, וויא איך האָב געקענט אין דער צייט, ווען טרעהרען פון כעס און אויפרעגונג האָבען אָנגעפילט מיינע אויגען.

„טהייערע מארגעריט. איך גלויב, אז דיין קראנקהייט איז ניט זעהר א געפעהרליכע. געסטערן אבענד הערום עלף אוהר בין איך צו דיר געגאנגען געוואר ווערען, וואס דוא מאכסט, נאר מען האט מיר געענטפערט, אז דוא ביזט נאך ניטא צו-הויז. גראף דע ג... איז געווען מעהר גליקליך פון מיר, וויל ער איז געקומען עטליכע מינוט שפעטער פון מיר און ביז פיער אוהר איז ער נאך אלץ געווען אין דיין צימער.

פערצייהע מיך פאר דיא עטליכע אונאנגענעהמע שטונדען, וואס איך האב דיר פעראורזאכט און זיי זיכער, אז איך וועל קיין מאל פערגעסען דיא גליקליכע מאמענטען, וואס דוא האסט מיר פערשאפט.

איך וואלט היינט צו דיר העריין, נאר איך פאהר גלייך אב צו מיין פאטער.

אדיע, טהייערע מארגעריט; איך בין ניט רייך גע-נוג, איך זאל דיך ליעבען, וויא איך וויל און ניט ארים גענוג צו ליעבען דיך, וויא דוא ווילסט.

איך שיק דיר אב דיין שליסעל, וועלכעס איך האב קיין מאל בענוצט און וועלכעס קען דיר צונוץ קומען, אויב דוא ביזט אפט אזוי קראנק, וויא דוא ביזט געווען געסטערן."

איך האב דעם בריעף ניט געקענט ענדיגען, ניט צו זיין פרעך און סארקאסטיש, וואס בעוויזט, אז איך האב איהר נאך אלץ ליעב געהאט.

איך האב דעם בריעף איבערגעלעזען א מאל צעהן, און דער געדאנק, אז ער וועט איהר פערשאפען וויהטאג, האט מיך געגלעט, און הערום אכט אוהר, ווען דער דיענער איז העריינגעקומען אין מיין צימער, האב איך איהם דעם בריעף דערלאנגט און געהייסען אבטראגען איהם גלייך.

— זאל איך ווארטען אויף אן ענטפער, האט דזשא

זעף, מיין דיענער'ס נאָמען איז געוועזן דזשאָזעף, אַלע דיענער טראָגען דעם נאָמען, געפרעגט.

— אויב יעמאַנד וועט דיך פרעגן, צו דוא דאַרפסט וואַרטען אויף אַן ענטפער זאָג, אז דוא ווייסט ניט, נאָר וואַרט.

איך האָב געהאָפט, אז זיא וועט מיר ענטפערן. וואָס פאַר אַ אָרימע, שוואַכע בעשעפעניסען מיר מענער זיינען!

איך האָב געוואַרט אויף דזשאָזעפ'ס אומקעהרען זיך מיט גרויס אונגעדולד און געקלערט, וואָס פאַר אַן ענטפער זיא וועט מיר אָבשיקען און בין געוועזן גרייט אָנצונעהמען יעדע ענטשולדיגונג.

דזשאָזעף איז געקומען צוריק.

— נו? האָב איך געפרעגט.

— דיא מאַדאַם שלאָפט נאָך, נאָר אַזוי גיך, וויא זיא וועט אויפשטעהן, וועט מען איהר איבערגעבען אייער בריעף און אויב זיא וועט דאַרפען געבען אַן ענטפער, וועט זיא אייך שיקען.

צוואַנציג מאָל האָב איך געוואָלט שיקען אָבנעהמען דעם בריעף צוריק, נאָר איך האָב זיך יעדעס מאָל אָב־געהאַלטען. מיך האָט אָבגעהאַלטען דער געדאַנק, טאָמער האָבען זיי איהר שוין דעם בריעף אָבגעגעבען און עס וועט אויסזעהן, אז איך בערייהע, פאַר וואָס איך האָב איהם געשיקט.

וואָס קירצער דיא צייט איז געוואָרען, ווען איך האָב שוין געקענט ערוואַרטען איהר ענטפער, אָב איך אַלץ מעהר חרטה געהאַט אויף מיין בריעף.

צעהן, עלף, צוועלף אַ זייגער.

איך האָב שוין זיך צוגעקליבען געהן צו איהר, פונקט וויא צווישען אונז האָט גאָר ניט פּאַסירט. איך האָב ניט

געוואוסט, וויא פריי צו מאכען זיך פון דעם אייזערנעם דייף, וואס האט מיך איינגעפרעסט.

איך בין הערוים מיט'ן געדאנק צו געהן פריהשטאקען, אנב האב איך אבערגלויביש געטראכט, אז וויא איך וועל נאר הערויסגעהן פון הויז, וועט מיר אן ענטפער אנ־קומען.

אנשטאט צו פריהשטאקען אין דעם קאפע פוא, וויא מיין געוואוינהייט איז געוועזן, האב איך בעסער אויסגע־קליבען צו געהן ווייטער צום פאלע ראיאל.

ווען איך האב נאר דערזעהען א פרוי, האט מיר גע־דוכט, אז דאס איז נאנין, און זיא טראגט מיר אן ענטפער, נאר נאנין האט זיך ניט בעוויזען.

אין פאלע ראיאל האב איך אין א רעסטאראן געהייסען מיר דערלאנגען פריהשטאק, נאר איך האב קיין זאך גענעסען. ניט ווילענדיג, האב איך געהאלטען אין איין קוקען אויפ'ן זייגער. ענדליך בין איך אוועג צוריק אהיים און גע־האפט צו געפינען שוין אן ענטפער, נאר אומזיסט, קיין ענטפער איז דערווייל געקומען.

ווען מארגעריט וואלט וועלען ענטפערן, וואלט שוין לאנג בעדארפט זיין אן ענטפער.

דאן האט מיר אנגעהויבען באנק צו טהאן, וואס איך האב אין בריעף געברויכט אזעלכע אויסדריקע. איך האב געדארפט שווייגען און ניט קומען, ווען זיא האט מיר גע־הייסען. זיא וואלט געווארען אונרוהיג און געשיקט פרעגען, וואס איז דיא אורזאכע. דאמאלס האב איך איהר אלץ בעדארפט זאגען, און זיא וואלט זיך געוויס פערענטפערט. און דאס איז אלץ, וואס איך האב געוואלט. איצט האב איך געפיהלט, אז איך וואלט איהר אלץ געגלויבט, אום צו זעהן איהר נאך איין מאל.

איך האב זיך געטרייסט, אז זיא וועט דאך צו מיר

קומען, נאָר דיא צייט איז געגאנגען, און זיא איז פאָרט ניט געקומען.

ווירקליך, מארגעריט איז ניט, וויא אלע אנדערע פרויען, וויל זעהר ווענינע וואָלטען ניט געענטפערט אויף אזא מין בריעף. פינף א זייגער אבענד בין איך אוועג צו דיא עלי־סיי־פעלדער. אויב איך וועל איהר בעגעגענען, האב איך געטראכט, וועל איך פערביי געהן, וויא איך קען איהר ניט, און זיא וועט זיך איבערציינגען, אז זיא אינטערעסירט מיך מעהר ניט.

אויפ'ן ווינקעל פון רוע־ראָיאל האב איך איהר געזעהען דורכפאָהרען אין איהר קארעטע. דיא בעגעגענים איז געוועזען אזא פלעצליכע, אז איך בין בלייך געוואָרען. איך ווייס ניט, צו זיא האט עס בעמערקט, נאָר איך האב מעהר, וויא איהר קארעטע, קיין זאך געזעהן; מעהר האב איך ניט שפאצירט. איך האב גענומען קוקען אויף דיא אפישען פון דעם טהעאטער, אום אויסצוגעפינען, וואו איך קען איהר בעגעגענען. אין פאלע־ראָיאל גיעט מען דיזען אבענד א נייע שטיק, דאָרטען וועט זיא געוויס זיין.

איך בין אין טהעאטער אוועג זיעבען אוהר. אלע לאָזשעס האבען זיך אָנגעפילט, נאָר זיא איז ניט געוועזען. דאן האב איך פערלאָזט דעם פאלע־ראָיאל און בין אוועג אין דיא אנדערע טהעאטערע, וועלכע זיא פלעגט בעזוכען. נאָר איך האב איהר ערגעץ ניט בעגעגענט.

ענטוועדער מיין בריעף האט איהר פעראורזאכט אזוי פיעל קלעמענים, אז דאס טהעאטער איז איהר אין זינען ניט געלעגען, אָדער זיא האט מורא געהאט מיך צו בע־גענענען.

אזוי האט מיך מיין זעלבסט־ליעבע געטרייסט, ביז איך האב אָנגעגענט אויפ'ן בולוואר גאסטאָן, וועלכער האט מיך געפרעגט, וואו איך בין געוועזען.

— אין פּאלע־ראָיאל.

— און איך בין געווען אין דער „אָפּערא", איך האב זאָגאר געדענקט דיך דאָרטען צו טרעפען.

— פאר וואָס האָסטו אזוי געדענקט?

— ווייל מארגעריט איז דאָרטען געווען.

— אה! איז זיא געווען דאָרטען?

— יא.

— אליין?

— מיט איהרע א פריינדין.

— ווייטער קיינער מעהר?

— דער גראף דע ג... איז אויף א רגע הערייך אין איהר לאָזשע, נאָר זיא איז אוועג מיט'ן פירסט. איך האב ערוואַרטעט צו זעהן דיך יעדע רגע.

— פאר וואָס דענקסטו, אז איך דארף זיין, וואו מאר־גערית קומט?

— ווייל דוא ביזט איהר געליעבטער.

— ווער האט דיר דאָס געזאָגט?

— פּרודאָנס, וועלכע איך האב געסטערן אנגעגעגנט. איך גראטוליר דיך, זיא איז זעהר א שעהנע. זעה נאָר, לאָז איהר ניט הערויס פון דיא הענד. זיא וועט דיר פער־שאפען כבוד.

ווען איך וואָלט איהם אנגעגעגנט געסטערן און ער וואָלט מיר דיא ווערטער געזאָגט, וואָלט איך אזא נארישען בריעף, וועלכען איך האב איהר היינט געשיקט צו איהר ניט געשריבען.

איך האב זיך א ווייל געשלאָגען מיט דער דעה, צו זאָל איך געהן צו פּרודאָנס און בעטען איהר, אז זיא זאָל מארגעריט לאָזען וויסען, אז איך וויל מיט איהר רעדען, נאָר איך האב מורא געהאט, אז פאר צו להכעיס, וועט זיא מיך ניט אויפנעהמען, און איך בין אוועג אהיים.

איך האב ווייטער געפרענט דעם דיענער, צו איז געוועזען א בריעף פאר מיר, און איך האב בעקומען אן ענ־פערט, אז ניין.

איך בין געגאנגען שלאפען און געוואלט זיך איינרע־דען, אז מארגען וועט זיא מיר שרייבען. יענע נאכט האב איך שטארק בערייהעט, וואס איך האב געטהאן. איך בין געלעגען אליין אין מיין צימער און דיא אייפערזוכט האט מיר ניט געלאזט שלאפען. ווען איך וואלט ניט געוועזען אזוי היציג, וואלט איך איצט געוועזען ביי מארגעריט אין צימער און געהערט איהרע זיסע ווערטער, וועלכע האבען מיר נאך געקלונגען אין דיא אויערן.

דאס ערגסטע איז געוועזען, וואס איך האב געפיהלט, אז איך בין אין גאנצען אונגערעכט. האט מיך דען מארגעריט ניט ליעב געהאט? יעדע זאך האט בעוויזען, אז, אין געגענטהייל, זיא האט מיך ליעב. איהר פלאן צו פערברענגען מיט מיר אליין דעם זומער, און וואס, אויב ניט ליעבע, האט איהר בעוועגט צו ווערען מיין געליעבטע, ווען זיא וויים, אז איך האב ניט קיין געלד איהר אויסצו־האלטען, אפילו צו בעצאהלען פאר איהרע קאפריזען. זיא האט פון מיר גאר ניט ערווארטעט, אויסער ליעבע און האט געזוכט אבצורוהען זיך פון דיא בעצאהלטע ליעבעס, אין וועלכע זיא האט געלעבט. אבוואהל מיר האבען זיך גע־קענט בלויז עטליכע טעג, האב איך איהר שוין אבגענארט אין איהרע ערווארטונגען. מיין בענעהמען זיך איז געוועזען מעהר וויא נאריש, עס איז געוועזען ניט עדעל. איך האב איהר אפילו ניט בעצאהלט און גענומען אויף זיך דיא ראלע פון א צענזאר. וואס פאר א רעכט האב איך געהאט צו שפיעלען דעם אטהעללא אדער איהר צו שפיאנעווען און נאך צו דענקען, אז איך קען איהר בעשטראפען מיט דעם, וואס איך וועל איהר מעהר ניט זעהן. זיא האלט

מיך, וואהרשיינליך, פאר א נאר און איז צופריעדען, וואָס זיא איז פון מיר פטור געוואָרען. און אויב זיא ענטפערט מיר ניט, איז ניט דארום, וואָס זיא איז אויף מיך אין כעס, נאָר ווייל זיא פעראכטעט מיך.

איך בין געווען פארטיג יעדע מינוט צו געהן צו מאר־געריט און זאָגען איהר, וואָס איך האָב געדענקט.

ווען עס איז געוואָרען טאָג בין איך נאָך ניט איינגע־שלאָפען. איך האב געברענט פון היץ און האָב געטראכט נאָר פון מארגעריט.

איהר וועט לייכט פערשטעהן, אז מיר איז געווען נויטהיג צו מאכען א שריט, איינס פון דיא צוויי, ענטוועד־דער אוועגוואַרפען אין גאנצען מארגעריט אָדער אָבזאָגען זיך פון מיינע פאָראורטהיילע און געהן צו איהר, אויב זיא וועט מיך נאָך אויפנעהמען.

נאָר אזא ענטשלאָסענעם שריט מאכט מען ניט אזוי גרינג, מען וויל אלץ אָבלעגען אויף שפעטער; און דארי־בער, ניט קענענדיג לענגער איינזיצען אין דער היים און ניט וואגענדיג געהן גלייך צו מארגעריט, האב איך געזוכט אנדערע מיטלען צו בעגעגענען איהר; און אויב מיר וועט געלינגען וועט מיין זעלבסט־ליעבע קענען זאָגען, אז דאָס איז א צופאל.

ניין אוהר בין איך געשווינד אוועג צו פרודאנס, וועלכע האט מיך געפרעגט, וואָס בעדייט מיין פריהיגער וויזיט.

איך האב ניט געוואגט צו זאָגען איהר אָפען דיא אורזאכע פון מיין וויזיט, און האב איהר גענטפערט, אז איך בין אזוי פריה הערויס, ווייל איך דארף בעשטעלען דיא פאָסט פאר מיין רייזע צו מיין פאָטער.

— איהר זייט א גליקליכער, וואָס איהר קענט אוועג־פאָהרען פון פאריז, ווען מיר האבען אזא שעהנעם וועטער.

איך האב אויף איהר א קוק געטהאָן און געפרעגט זיך, צו זיא מאכט חוזק פון מיר.

נאָר זיא האט געקוקט זעהר ערנסט.

— וועט איהר זיך געהן זעגענען מיט מארגעריט? האט זיא געפרעגט אין איהר ערנסטען טאָן.

— ניין!

— איהר זייט כמעט גערעכט.

— דענקט איהר אזוי?

— געוויס. אז איהר האט זיך צוקריעגט, וואָס איז דיא נוצען צו געהן זיך ווייטער זעהן?

— ווייסט איהר דען, אז מיר האָבען זיך געקריעגט?

— זיא האט מיר געוויזען אייער בריעף.

— און וואָס האט זיא געזאָגט?

— זיא האט געזאָגט, אז דאָס איז ניט געווען אנשטענדיג. מען קען אזעלכע זאכען דענקען, אָבער ניט שרייבען.

— אָט דאס איז איהר שטארק געארט?

— זיא האט געלאכט און האט בעמערקט: צוויי מאָל האט ער מיט מיר געגעסען אבענד־ברויט און האט מיר אפילו ניט געוואָלט טהאָן דיא עהרע צו מאכען מיר א וויזיט.

דאס איז געווען דער עפפעקט פון מיין בריעף און אייפערזוכט. איך האב געפיהלט זעהר ערנידריגט אי פאר מיין זעלבסט־ליעבע אי פאר מיין ליעבע.

— וואָס האט זיא געטהאָן לעצטען אבענד?

— זיא איז געגאנגען אין דער „אָפּערא.“

— דאס ווייס איך. און דערנאָך וואָס?

— זיא האָט געגעסען אבענד־ברויט צו־הויז.

— אליין?

— מיט'ן גראף דע ג..., אזוי שיינט מיר.

אזוי, האט מיין קריעג מיט איהר ניט געמאכט איהר בעסער.

— איך בין זעהר צופריעדען צו הערען, אז איך וועל איהר ניט פערשאפען קיין לייד, האב איך געזאגט און גע־מאטערט זיך א שמייכעל צו טהאָן.

— איהר זייט כמעט גערעכט; איהר האט געהאנ־דעלט, וויא איהר האט געדארפט, איהר זייט קליגער פון איהר, וויל דאס מיידעל האט אייך געליעבט; זיא האט נאר געהאלטען אין איין רעדען וועגען אייך און האט גע־קענט אבטהאָן, ווער וויים, וואָס פאר א נארישקייט צו ליעב אייך.

— אויב זיא האט מיך ליעב, פאר וואָס האט זיא מיר ניט געענטפערט?

— ווייל זיא פערשטעהט איצט, אז זיא האט אייך ניט געטאָרט ליעבען. איבערהויפט ווייבער קענען אמאָל לאָזען אָבנארען זייער ליעבע, אָבער קיין מאָל ניט זייער זעלבסט־ליעבע צו ווארנדען; און א מאנספערזאָן פערוואונ־דעט שטענדיג דיא זעלבסט־ליעבע פון א פרוי, ווען צוויי טעג נאך זייער בעקאנטשאפט לאָזט ער איהר איבער, עס מאכט ניט אויס, וואָס דיא אורזאכע דערפון איז. איך קען מארגעריט, זיא וועט בעסער שטארבען און אייך ניט ענטפערן.

— וואָס ראטה איהר מיר צו טהאָן.

— גאָר ניט. זיא וועט אייך פערגעסען, איהר וועט איהר פערגעסען און איהר וועט איינער דעם אנדערן קיין פאָרווירפע ניט דארפען מאכען.

— און אויב איך וועל איהר שרייבען, און בעטען פער־צייהונג?

— טהוט עס ניט; זיא וועט אייך פערצייחען.

איך האב שיער געוואָלט אומארמען פרודאנס.

אין א פערטעל שטונדע הערום בין איך שוין געזעסען אין מיין צימער און האב געשריבען צו מארגעריט:

„איינער, וואס בערייעט א בריעף, וועלכען ער האט איך געשריבען געסטערן און וואס וועט מארגען אבפאהרען פון דאנען, אויב איהר וועט איהם ניט פערצייהען, ווינשט צו וויסען, ווען ער קען ברענגען זיין רייע צו אייך און אייך געפינען אליין, ווייל דערביי זיינען עדות איבריג.“

איך האב דעם בריעף געגעבען דזשאזעפ'ן און ער האט גלייך איהם אבגעטראגען און איבערגעגעבען מאר־געריט אליין אין דיא הענד. זיא האט איהם געזאגט, אז זיא וועט ענטפערן, נאר ביז עלף א זייגער אין דער נאכט האב איך דעם ענטפער ניט בעקומען.

איך האב בעשלאסען לענגער ניט צו ליידען און מאר־גען פריה הערויספאהרען פון פאריז.

וויסענדיג, אז מיר וועט זיין אונמעגליך איינצושלאפען, האב איך דערווייל גענומען איינפאקעווען מיינע זאכען.

פופצעהנטעס קאפיטעל.

דזשאזעף און איך האבען געפאקט ביי א שטונדע צייט, ווען פלוצים האט יעמאנד גענומען האסטיג קלינגען דאס גלעקיל.

— זאל איך געהן עפענען דיא טהיר? האט דזשאזעף געפרעגט.

— יא, האב איך געענטפערט און געוואונדערט זיך, ווער קען דאס אזוי שפעט קומען, ניט וואגענדיג צו דענ־קען, אז דאס איז מארגעריט.

— צוויי דאמען ווילען אייך זעהן, האט דזשאזעף גע־זאגט, הערייינקומענדיג צוריק אין צימער.

— מיר זיינען געקומען זעהן אייך, ארמאנד, האט גע־זאגט א קול, אין וועלכען איך האב דערקענט פרודאנס.

איך בין הערויס פון מיין שלאָף־צימער.

פּרודאַנס האט בעטראַכט איינינע זאַכען אין מיין צימער און מאַרגעריט איז געוועז פערזונקען אין איהרע געדאַנקען.

איך בין צו איהר צוגעלאָפען, האב זיך געשטעלט פאַר איהר אויף דיא קניע, האב אָנגענומען ביידע איהרע הענד און מיט אַ ציטערענדיג קול פון אויפרעגונג געבעטען, זיא זאָל מיך פערצייהען.

זיא האט מיך אַ קוש געטהאָן אין שטערן און געזאָגט:

— דאס איז שוין דאס דריטע מאָל, וויא איך פערצייהע דיך.

— איך האב שוין מאָרגען פריה גערעכענט אַבצופאָהרען.

— וויא אַזוי קען מיין וויזיט אומבייטען דיין פּלאַן? איך בין געקומען צו דיר, ניט צו שטערען דיין פאָהרען, נאָר וויל איך האב דעם גאַנצען טאָג קיין צייט געהאט צו ענטפערן דיר, און איך האב ניט געוואָלט, דוא זאָלסט דענקען, אַז איך בין אין כעס אויף דיר. פּרודאַנס האט מיר ניט געראַטהען געהן צו דיר, איך זאָל דיר ניט שטערען.

— דוא זאָלסט מיר ניט שטערען? דוא? וויא אַזוי!

— איהר קענט דאָ ביי זיך האָבען אַ פרויענצימער און איהר וועט ניט זיין אָנגענעהם צו זעהן אַנדערע צוויי קומען, האט פּרודאַנס געענטפערט.

מאַרגעריט האט מיך אָנגעקוקט דורכדרינגליך.

— איהר ווייסט ניט, פּרודאַנס, וואָס איהר רעדט.

— אייערע צימערען זעהען אויס זעהר שעהן, קען איך זיי אָנקוקען?

פּרודאַנס איז הערייז אין מיין שלאָף־צימער, ניט אַזוי

אנצוקוקען, וויא איבערצוציינגען זיך אין דעם, וואס זיא האט ערסט געזאגט און אום צו לאזען אונז אליין.

— פאר וואס האסטו געבראכט פרודאנס מיט זיך?

— ווייל זיא איז געווען מיט מיר אין טהעאטער און איך האב געדארפט האבען יעמאנד זאל מיך בעגלייטען א היים, ווען איך וועל הערויס פון דאנען.

— האב איך דיך ניט געקענט געהן בעגלייטען?

— יא, נאר איך האב דיר ניט געוואלט שטערען, ווען דוא זאלסט מיך אבפיהרען א היים, וואלסטו געוואלט הערייין צו מיר, און איך קען דיך ניט עמפפאנגען.

— פאר וואס?

— ווייל מען היט מיך און איך קען דערפון ליידען.

— הער, מארגעריט, זאג מיר אפען, האסטו מיך ליעב?

— זעהר שטארק.

— אויב אזוי, פאר וואס ביזטו געווען אונטריי צו מיר?

— ווען איך וואלט געוועזען א גרעפין אדער ווען איך זאל האבען מיינע איינקינפטע צוויי הונדערט טויזענד פראנק א יאהר און איך זאל דאן זיין דיין געליעבטע און האבען אן אנדער ליעבהאבער, וואלסטו געהאט א רעכט צו שטעלען מיר אזעלכע פראגען; נאר איך בין מארגעריט גאטיע; איך בין שולדיג פערציג טויזענד פראנק און פער־מאג ניט איין סו, מיינע אויסגאבען זיינען געווען הונדערט טויזענד א יאהר. דיין פראגע, וויא דוא זעהסט, איז א גאנץ איבריגע, און איך פערשפאר אויף איהר צו ענטפערן.

— דאס איז ריכטיג, האב איך געזאגט און הערא־געלאזט מיין קאפ אויף מארגעריט'ס קניע, נאר מיין ליעבע צו דיר מאכט מיך וואהנזיניג.

— אויב אזוי ליעב מיך אביסעל וועניגער אָדער פער־שטעה מיך אביסעל בעסער. דיין בריעף האט מיר פער־שאפט פיעל וויהטאג. ווען איך זאָל זיין פריי, וואָלט איך דעם גראף ניט עמפפאנגען פאָרגעסטערן און אין פאַל ווען איך זאָל דאס טהאָן, וואָלט איך געקומען צו דיר בעטען אום פערצייהונג, אזוי וויא דוא טהוסט עס איצט און אין דער צוקונפט וואָלט איך אויסער דיר קיין אנדערן געהאט. א ווייַלע האב איך געגלויבט, אז איך קען האָבען אזא גליק פאר א מאָנאטען זעקס; נאָר דוא האָסט זיך געשטעלט נעגען דעם און צוגעשטאנען, איך זאָל דיר זאָגען, וויא אזוי איך קען עס אויספיהרען. גאָט מיינער! עס איז ניט געווען אזוי שווער אויסצוגעפינען דיא מיטלען, און איך וואָלט פאר דיר געאָפפערט מעהר, וויא דוא קענסט זיך פאָר־שטעלען. איך האב דיר געקענט זאָגען, אז איך דאַרף האָבען נויטהיג צוואנציג טויזענד פראנק און דוא וואָלסט מיר פון אונטער דער ערד אויסגעפונען דאס געלד און שפעטער וואָלסטו מיר מיט דעם אויפגעוואָרפען. איך האב דיר ניט געוואָלט זיין פערפפליכטעט מיט קיין זאַך, נאָר דוא האָסט דעם דעליקאטען געפיהל ניט פערשטאַנען. מיר זיינען אָפט געצוואונגען צו קויפען מיט אונזער לייב א בעפריעדיגונג פון אונזערע געפיהלען, און מיר ליי־דען זעהר פיעל, ווען, אחרי ככלות הכל, דיא בעפריעדי־גונג אנטלויפט פון אונז.

איך האב זיך צוגעהערט צו דיזע ווערטער און געקוקט אויף מארגעריט מיט בעוואונדערונג.

— עס איז אמת, האט זיא פאָרטגעזעצט, אונזערע פאָרדערונגען זיינען זעהר פאנטאסטיש און מיר ליעבען זיך איין, אליין ניט צו וויסען פאר וואָס. פיעלע רואינירען זיך צוליעב אונז און קענען אונזער האנד ניט בעקומען, און אנדערע געווינען אונזער הערץ צוליעב א וועלכען בוקעט. איך שווער

דיר, אז איך האב זיך דיר אָבגעגעבען פיעל גיכער, וויא צו וועמען אנדערס ביז איצט; און פאר וואס? ווייל, ווען דוא האָסט מיך געזעהן שפייען מיט בלוט, האָסטו גענומען מיין האנד; ווייל דוא ביזט געוועזען דיא איינציגע וועזען, וואס האט מיט מיר רחמנות געהאט. איך וועל דיר דערצעהלען עפעס א נאַרישע זאך; איך האב פריהער געהאט א הינטעל, וואָס פלעגט אויף מיך קוקען מיט רחמנות, ווען איך פלעג הוסטען, און דאס הינטעל איז געוועזען דיא איינציגע בעשעפענים, וועלכע איך האב ליעב געהאט, און ווען עס איז גע'פגר'ט, האב איך אויף זיין טוידט א סך מעהר געוויינט, וויא אויף מיין מוטער'ס טוידט. דיך האב איך פלוצים אזוי ליעב געקריגען, וויא דאס הינטעל. ווען מענער זאָלען וויסען, וואָס זיי קענען אמאָל געווינען ביי א פּאָר טרערען, וואָלטען זיי ווייניגער זיך רואינירט און געוועזען מעהר בעליעבט.

זיא האט זיך א רגע אָבגעשטעלט און ווייטער פּאָרטגעזעצט:

— דיין בריעף האט מיר געצייגט דיין אמת'ן כאראקטער און האט פערוואונדעט מיין ליעבע אזוי, וויא קיין אנדער זאך האָט עס ניט געקענט טהאָן. אמת, דיין בריעף האָט מיר געצייגט, אז דוא ביזט אייפערזיכטיג, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך סארקאסטיש און גראָב. איך בין, איידער דיין בריעף איז מיר אָנגעקומען, געוועזען זעהר צושרויפט און מיך האט גענאָגט אזא געפיהל, וועלכער איז מיר, ביז מיין בעקאַנטשאַפט מיט דיר, געוועזען אונבעקאַנט.

— דוא ביזט דער איינציגער, האט זיא פּאָרטגעזעצט, פאר וועמען איך האב געקענט רעדען פראנק און פריי, פאר וועמען איך האב געקענט עפענען מיין הערץ. געוואוינליך, מוזען אזעלכע מיידלאך, וויא איך בין, האַלטען

דאָס הערץ פערשלאָסען, אויב מיר ווילען ניט פערלירען דעם איינפלוס אויף דיא מענער, וואָס רינגלען אונז הערום און אויב מיר ווילען ניט, מען זאָל פון אונז חוזק מאַכען. מיר האבען קיין פריינד ניט, און אויב מיר האבען זיי יא, זיינען זיי אזעלכע, וויא פּרודאנס, געוועזענע דירנען, אָבער ביי וועלכע איז נאָך פערבליבען א געשמאק צו פערשווענ־דען געלד, ועלכע זיי קענען שוין מעהר ניט בעקומען, ווייל זיי זיינען שוין מעהר ניט יונג. זיי ווערען פריינד אויף פּענסיע. זיי זיינען אָפט גרויט צו דיענען, אָבער זיי האָבען זיך שטענדיג אין זינען. זיי וועלען ניט ראטהען א זאך, וואָס וועט זיי ניט איינברענגען. זיי אַארט ניט פיעל ליעבהאבער מיר האָבען, אבי נאָר זיי זאָלען קריגען א קלייד, א בראסלעט, זיי זאָלען קענען פאָהרען אין אונזער קארעטע און זיצען מיט אונז אין לאָזשע. זיי ברויכען אונזערע בוקעטען פון נעכטען און לייען אונזערע קאשמירנע שאלען. אויב זיי טהוען פאר אונז עפּעס א זאך, הייסען זיי בעצאָהלען דאָפּעלט אָדער מעהר. דוא אליין האָסט געזעהן, ווען פּרודאנס האט מיר פון דעם פירסט געבראכט זעקס טויזענד פראנק, האט זיא געליען פון זיי פינף הונדערט, וועלכע זיא וועט מיר קיין מאָל ניט אָבגעבען. מיר אָדער, ריכטיגער, איך קען דאריבער האָבען נאָר איין גליק, נעמליך צו געפינען א מאן מיט א ברייטען בליק, וואָס זאָל ניט פאָדערן א רעכנונג פון מיין פערגאנגענהייט און וואָס זאָל זיין בעסער דער ליעבהאָבער פון מיין גייסט אלס פון מיין פערזאָן. דער פירסט איז אזא מאן, נאָר ער איז אלט, אָבער אלטקייט קען ניט בע־שיצען און ניט טרייסטען. איך האָב געדענקט, אז איך וועל קענען פיהרען אזא לעבען, וויא ער האט געוואָלט, נאָר איך בין שיער געשטאָרבען פון אונמוטה און ווען איינער דארף שטאַרבען איז אלץ איינס צו ער זאָל זיך

הערײַנוואַרפען אין פייער צו דערשטיקט ווערען פון רויך. דאַן האָב איך דיך אָנגעגעגענט, דוא ביזט יונג, גליקליך און מיט א הערץ, און איך האָב געדענקט, אַז ענדליך האָב איך געפונען דעם מאַן, נאָך וועלכען איך האָב אַזוי געגאַרט. וואָס איך האָב אין דיר געליעבט, איז ניט געווען דאָס, וואָס דוא ביזט געווען, נאָר דאָס, וואָס דוא האָסט געזאָלט זיין. נאָר דוא האָסט חרטה געהאַט און דוא שפּיעלסט א געוואוינליכען ליעבהאָבער. טהו, וויא אַלע טהוען; צאָל מיר און מיר וועלען מעהר וועגען דעם ניט רעדען.

מאַרגעריט האַט זיך פערמאַטערט פון לאַנגען רעדען און האַט זיך א וואָרף געטהאָן א הינטער דעם רוקען פון דער זאָפע. זיא האַט זיך פערהוסט און האַט דאַס טיכעל צוגעלעגט צום מויל און באַלד צו דיא אויגען.

— פערצייהע מיך, פערצייהע מיך, האָב איך געמור־מעלט; איך האָב שוין דאָס אַליין אַלץ איבערגעטראַכט. פערגעס אַלץ און האָב נאָר אין זינען, אַז מיר בעלאַנגען איינער צום צווייטען, אַז מיר זיינען יונג און אַז מיר ליעבען איינער דעם צווייטען. טהו מיט מיר, וואָס דוא ווילסט, נאָר, אום גאָטעס ווילען, צורייס דעם בריעף, וואָס איך האָב דיר געשריבען און לאָז מיר ניט אָבפאָהרען, ווייל איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען.

מאַרגעריט האָט הערויסגענומען דעם בריעף פון בוזים, און האַט איהם מיר איבערגעגעבען מיט א צאַרטען שמייכעל:

— אָט איז ער, איך האָב דיר איהם אָבגעבראַכט.

איך האָב דעם בריעף צוריסען און בעדעקט מאַרגאַ־ריט'ס הענד מיט קוסען.

אין דער מינוט איז פּרודאַנס וויעדער הערײַנגע־קומען.

— דוא ווייסט, פרודאנס, וואס ער בעט?

— ער בעט, דוא זאלסט איהם פערצייהען.

— ריכטיג אזוי.

— און דוא פערצייהעסט איהם?

— איך קען אנדערס ניט טהאן. נאר ער פערלאנגט עפעס מעהר.

— וואס נאך?

— ער וויל מיט אונז מיטגעהן און עסען מיט אונז אבענד־ברויט.

— און דוא וויליגסט איין?

— וואס זאגסטו?

— איך זאג, אז איהר זייט ביידע קינדער און אייך ביידען געהט אב שכל. נאר איך זאג אויך, אז איך בין הונגעריג און וואס גיכער דוא וועסט איינוויליגען, אלץ גיכער וועלען מיר האבען צו עסען.

— לאמיר געהן, האט מארגעריט געזאגט, אין מיין קארעטע וועט געננוג זיין פלאץ פאר דרייען. נעהם צוריק דאס שליסעל, האט זיא זיך געווענדט צו מיר, דוא וועסט דארפען עפענען דיא טהיר, נאנין וועט שוין שלאפען, נאר זעה פערליר עס ניט.

איך האב איהר בעדעקט מיט קוסען.

אין דער מינוט איז העריין דזשאזעף.

— דיא זאכען זיינען איינגעפאקט, האט ער געזאגט צופריעדען.

— אלע?

— יא, מיין העדר.

— זעהר גוט. איצט געה און פאק זיי אויס. איך פאהר שוין ניט.

זעכצעהנטעס קאַפּיטעל.

דיא גאַנצע געשיכטע פון מיין ליעבע האָב איך דיר, האט אַרמאַגד פאָרטגעזעצט, גע־קענט איבערגעבען אין עטליכע ווערטער, נאָר איך האָב דיר געוואָלט ווייזען, וויא אַזוי ביסלעכווייז איך האָב זיך הערונטער־געלאָזט צו טהאָן אַלץ, וואָס מאַרגעריט האט געפאָדערט.

זעהענדיג, אַז איך קען ניט ענדערן מאַרגעריט'ס אַרט לעבען, האָב איך געענדערט מיין אייגענעם. געוואוינליך קאַלט, וויא איך בין געוועזן, איז מיין לעבען פלוצים גע־וואָרען אונרוהיג און קאָכעדיג. אָבוואָהל מאַרגעריט'ס ליעבע צו מיר איז געוועזן ריין, דאָך מיין ניט, אַז זיא האט מיר גאָר ניט געקאָסט. קיין זאַך קאָסט ניט אַזוי טהייער, וויא נאָכצוגעבען דיא קאַפּריזען פון אַזאַ פרוי: בלומען, לאָזשעס אין פערשיעדענע טהעאַטערס, מיטאָגס און רייזעס אויפ'ן פּראָווינץ און אַזעלכע זאַכען קען מען קיין מאָל ניט אָבזאָגען.

איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך בין ניט רייך. מיין מוטער האט מיר און דער שוועסטער איבערגעלאָזט זעקס טויזענד פראַנק איינקינפטע אַ יאָהר און אויף מיין חלק קומט אויס דריי טויזענד. דער פאַטער האט מיר פערשפּראָכען צו געבען נאָך פינף טויזענד אַ יאָהר, ווען איך וועל ווערען עלטער, פערזיכערענדיג מיר, אַז מיט דעם געלד קען מען גוט לעבען אַפילו אין פּאַריז. איך בין דארום געקומען אַהער און שטודירט אויף אַדוואָקאַט, נאָר גלייך נאָכ'ן ענדיגען האָב איך, וויא פיעלע יונגע לייט, הערייג־געלעגט דעם דיפּלאָם אין קעשענע און הערייגעלאָזט זיך אין פּאַריזער גרינג לעבען. מיינע הוצאות זיינען געוועזן מיטעלמעסיג און דאָך האָב איך אין אַכט מאָנאַט דאָס

געלד פערלעבט און בין אויף דיא זומערדיגע מאָנאַטען געפאָהרען צום פאָטער און אויף אזא אופ'ן בין איך געווען א גוטער זוהן און בין אין חובות ניט הערייז.

דאס זיינען געוועזן מיינע אומשטענדען, ווען איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט מארגעריט.

דוא קענסט לייכט פערשטעהן, אז מיינע הוצאות האָבען זיך פערגרעסערט, און מיינע יעהרליכע איינקינפטיגע האָבען מיר קוים געקלעקט אויף דריי מאָנאַטען. מיר איז דאריבער געבליבען אויסצוקלייבען ענטוועדער צו פערלאָזען מארגעריט אָדער צו מאַכען חובות. איך וואָלט אלץ אין דער וועלט געטהאָן, נאָר אבי ניט צו פערלאָזען מארגעריט, און איך האָב געמוזט זוכען מיטלען, וויא אזוי צו בעקומען געלד. אויסער דעם, האט מיך דיזע ליידענשאַפט אזוי הערומגענומען, אז דיא מינוטען, וואָס איך האָב ניט פערבראַכט מיט מארגעריט, האָבען מיר געשיינט פאַר יאָהרען און איך האָב געדארפט זעהן צו בעפרייען זיך פון דיא לעדיגע צייט.

איך האָב בעקומען צו לייען פינף אָדער זעקס טויזענד פראַנק און האָב אָנגעהויבען צו שפּיעלען אין קאָרטען. דיא נאַכט, וואָס איך האָב ניט פערבראַכט מיט איהר, האָב איך אין דער היים ניט געקענט זיין, ווייל איך האָב ניט געקענט שלאָפען. אייפערזוכט האט מיר ניט געלאָזט צומאַכען מיט אן אויג און האט אזוי אָנגעצונדען מיינע געדאַנקען און געפיהלען, אז איך האָב געמיינט, איך ווער פערריקט; דיא קאָרטען אָבער האָבען מיר דיא געפיהלען געשטילט און האָבען מיר ביז דעם מאָמענט, ווען איך האָב געדארפט געהן צו איהר, געמאַכט אָן אלעם פערגעסען. וויא נאָר דער מאָמענט פלעגט קומען, פלעג איך אָהן ישוב הדעת, סיי איך האָב געוואונען, סיי פערלאָרען, גלייך זיך אויפהויבען און אוועקגעהן.

פאַר פיעל איז שפּיעלען אין קאָרטען אַ ליידענשאַפט, פאַר מיר איז דאס געווען אַ היילונג. ווען איך וואלט געוואָרען אויסגעהיילט פון מארגעריט, וואָלט איך אויך אויסגעהיילט געוואָרען פון קאָרטען.

ביים שפּיעלען האב איך זיך געהאלטען קיהל און מיר איז גוט געגאנגען; איך בין אין חובות ניט העריין, אָבוואָהל מיינע אויסגאבען זיינען איצט געווען דריי מאָל אַזוי פיעל, וויא פריהער.

וויא איך האב שוין דיר דערצעהלט, פלעגט זיא מיך עמפּפאנגען פון האלבע נאכט ביז זעקס פריה; אַ מאָל פלעגט זיא מיט מיר געהן אין אַ לאָזשע און אַ מאָל קומען צו מיר און געהן עסען צוזאמען. אונטערדעסען איז מיט איהר געשעהן אַ מאָראַלע און פּהיזישע ענדערונג. איך האב זיך אונטערגענומען אויסצוהיילען איהר און זיא האט מיר געפאָלגט. מיר איז בּיסלעכווייז געלונגען אבצוגעוואוינען איהר כמעט פון אַלע איהרע פריהעריגע רגילות. מיין דאָקטאָר, וועלכען איך האב געבעטען, ער זאָל איהר אונטערזוכען, האט געזאָגט, אז נאָר אַ רוהיג לעבען קען איהר אָבהיטען איהר געזונד. איך האב אויסגעפיהרט, זיא זאָל אָבהיטען אַ געזונדע סיסטעם פון דיעט און ניט צו וואַכען דיא נעכט. זיא האט אָנגעהויבען צו פערברענגען דיא אבענדען אין דער היים, און אויב דאָס וועטער איז געווען פיין, פלעגט זיא זיך איינדעקען אין איהר שאַל און מיר פלעגען ביידע הערויספאָהרען אין דיא עליסעי־פעלדער. קומענדיג אַהיים און נעהמענדיג אַ לייכטען צובייסען, פלעגט זיא אַ ווײלע שפּיעלען אָדער לעזען, וואס זיא האט ניט געטהאָן ביז איצט, און דערנאָך געהן שלאָפען. דער הוסט האט איהר כמעט אין גאנצען פערלאָזט.

אין זעקס וואָכען הערום האט זיא דעם גראף אין גאנצען אָבגעגעבען, מיינע אנגעלעגענהייטען צו איהר האָ־

בען נעמוזט בלייבען פערבעהאלטען צוליעב דעם פירסט אליין; און זאגאר איהם פלעגט זיא אפט אוועגשיקען אונטער אן אויסרייד, אז זיא שלאפט, און דער דאקטאר האט פערבאטען איהר אויפצוואוועקען, אין דער צייט ווען איך האב זיך ביי איהר געפונען.

איין שעהנעם פריהמארגען, ווען מארגעריט האט זיך אויפגעכאפט, איז זיא אויפגעשפרונגען פון בעט און האט מיך געבעטען, מיר זאלען גלייך ערגעץ הערויספאהרען אויפ'ן לאנד.

מיר האבען געשיקט נאך פרודאנס, און מארגעריט האט געהייסען נאגין, זיא זאל דעם פירסט זאגען, אז זיא האט זיך בענוצט מיט'ן שעהנעם טאג און איז הערויסגעפאהרען מיט ר'אדאם דוּאוורנאי.

מיר זיינען אלע דריי אוועגגעפאהרען. פרודאנס'ס אנוועזענהייט האט זיך געפאדערט, אום דער פירסט זאל זיין רוהיגער. אויסער דעם, איז זיא געוועזען וויא בעשאפען פאר אזעלכע רייזעס, מיט איהר גוטער לוינע און גוטען אפעטיט האט זיא ניט געלאזט זיין אומעדיג. זיא האט געוואוסט, וויא צו בעשטעלען קארשען, אייער, מילך און דיא אלע איבריגע טראדיציאנעלע זאכען, וואס מען בעקומט צום פריהשטאק אין דער אומגעגענד פון פאריז.

דא פראגע, וואו מען זאל פאהרען, האט אויך געלעזט פרודאנס. אויף איהר ראטה זיינען מיר געפאהרען נאך באזשיוואל, אין האטעל „א שפראץ אויף טאג". דיא געגענד איז א פראכטפאל שעהנע, ווייט זעהען זיך בערג, באלד פליסט א טייך און זעהט אויס, וויא א ווייסע זיידענע שטיינגע.

דיא ווירטהין פון דעם האטעל האט אונז אנגעבאטען צו נעהמען א שיפעל און מארגעריט און פרודאנס האבען דעם פארשלאג אנגענומען מיט פערגניגען.

דער בלויער הימעל, דיא זיסע ריחות, דיא בלומען, דאס מילד ווינטעל, דער וואלד און דיא פעלדער האבען שטיל געמאכט מיין אייפערזוכט, איך האב פערגעסען מארגעריט׳ס פערגאנגענהייט, דיא צוקונפט איז מעהר ניט געווען פערוואלקענט און איך האב פאר זיך געזעהן א יונג שעהן מיידעל, וועלכעס האט מיך געליעבט און וועלכעס איך האב געליעבט און דעם מיידעל׳ס נאמען איז געווען מארגעריט. דיא זון האט אויף איהר געשיינט, וויא זיא וואלט געווען דיא ריינסטע פון אלע כלות.

צוקומענדיג צו א קליין אינזעל, האבען מיר הערוואב־געשטיעגען און איך האב זיך אין מיין פולען לענג אויסגע־צויגען אויפ׳ן גראז. מיינע געדאנקען האבען פריי הערום־געשוועבט און מיינע אויגען האבען זיך פלוצים אבגע־שטעלט אויף א שעהן הייזעל און צוויי עטאזשען ביים ברעג טייך. דאס הייזעל איז געווען הערומגעצאמט מיט איי־זערנע שטאנקעטקעס, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט אין א האלבען סירקעל. דורך דיא שטאנקעטקעס האט זיך געזעהן א הויף, בעוואקסען מיט ווייכען און גלייכען גראז, וואס האט אויסגעזעהן, וויא א גרינע סאמעט. פון הינ־טער׳ן הויז האט זיך געזעהן א קליין און געדיכט וועלדיל,

דער גאנעק איז געווען הערומגעוואקסען מיט פפלאנ־צונגען און האבען דערגרויכט ביז דיא פענסטער פון ער־סטען עטאזש.

איך האב אזוי לאנג געקוקט אויף דיזעס הייזעל, ביז איך האב ענדליך אנגעהויבע צו גלויבען, אז עס איז מיינס; פונקט וועגען אזא הייזעל האב איך דיא גאנצע צייט פאנטאזירט. מיר האט געדוכט, אז איך זעה זיך און מארגעריט זיצען ביי טאג אין וועלדיל און ביי נאכט פאר׳ן הייזעל אין דעם ווייכען גראז; און איך האב זיך געפרעגט, צו קענען גאר מענשען זיין גליקליכער, וויא מיר?

— וואָס פאר א שעהן הייזעל! האט בעמערקט מאר־געריט, וואָס האט נאכגעפאָלגט מיין בליק און פיעלייכט אויך מיינע געדאנקען.

— וואו? האט פרודאנס געפרעגט.

— דאָרטען, האט מארגעריט אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן הייזעל, וואו איך האב געקוקט.

— אה, זעהר שעהן! האט פרודאנס אויסגעשריען, געפעלט עס דיר?

— זעהר.

— זאָג דעם פירסט און ער וועט עס דינגען פאר דיר. איך בין זיכער, אז ער וועט דאס טהאָן פאר דיר. אויב דוא ווילסט, וועל איך דאס זעהן אויספיהרען.

מארגעריט האט אויף מיך א קוק געטהאָן, וויא זיא וואָלט פרעגען מיין מיינונג איבער דעם.

מיינע אַלע פאנטאזיעס זיינען פערשוואונדען, וויא א צופלאצטער זייפען־בלאָז ביי פרודאנס'ס לעצטע ווערטער, דיא ווירקליכקייט האט מיך אזא שליידער געטהאָן פון דער הויך, אז איך בין וויא א פערשטיינערטער געוואָרען פון דעם פאַל.

— דאס איז ווירקליך א רייכער געדאנק, האב איך געמורמעלט, אליין ניט צו וויסען, וואָס איך זאָג.

— זעהר גוט; איך דענק, אז איך וועל דאס קענען אויספיהרען, האט מארגעריט געזאָגט, דריקענדיג מיר דיא האנד און פערטייטשענדיג מיינע ווערטער, וויא זיא האט פערשטאנען. מיר געהען גלייך זעהן, אויב מען וועט עס פערדינגען.

דאָס הייזעל איז געשטאנען לעדיג און איז געגאנגען אין צוויי טויזענד פראנק א יאָהר.

— וועסטו זיין דאָ גליקליך?

— וועל איך אָבער קענען אהער קומען?

— פאר וועמען דען וויל איך זיך בעגראבען אין אזא פלאץ, אויב ניט פאר דיר?

— אויב אזוי לאז מיר דינגען דאס הייזעל פאר דיר.

— וואס ביזטו פעררינקט? ניט נאר דאס וועט זיין גוצלאז, זאנדערן אויך געפעהרליך. דוא ווייסט, אז נאר איין מענש האט דאס רעכט צו טהאן אזעלכע זאכען פאר מיר. לאז מיר שוין דאס פיהרען און דוא זיץ רוהיג.

— ווען נאר איך וועל האבען א פאר לעדיגע טעג, וועל איך קומען פערברענגען מיט דיר, האט פרודאנס געזאגט.

מיר האבען פערלאזט דעם האטעל און זיינען אוועג־געפאהרען צוריק אין פאריז, בעשפרעכענדיג דעם נייען פלאן. איך האב געהאלטען מארגעריט אין מיינע ארעמס דעם גאנצען וועג און ווען מיר זיינען צוגעפאהרען צו איהר וואוינונג, האב איך שוין געקוקט אויף דעם נייען פלאן ניט מיט אזא דערשלאגענעם געמיטה, וויא פריהער

זיבעצעהנטעם קאפיטעל.

דעם קומענדען טאג האט מארגעריט מיך העדרויסגעשיקט פריה, דערצעהלענדיג מיר, אז דער פירסט קומט גלייך און האט מיר פערשפראכען צו שרייבען באלד, וויא ער וועט אבפאהרען און וואו איך וועל איהר טרעפען אבענדצייט.

ביי טאג האב איך פון איהר בעקומען פאלגענדען צעטעל:

„איך פאחר מיט'ן פירסט נאך באזשיוואל. אכט אוהר אבענד זיי ביי פרודאנס."

מארגעריט איז אָנגעקומען צו פּרודאַנס צו דער בע־שטימטער צייט.

— אַלעס איז איינגעאָרדענט, האָט זיא געזאגט, הע־ריינקומענדיג אין הויז.

— איז דאָס הויז געדונגען? האָט פּרודאַנס גע־פרעגט.

— איך האָב שוין זאָגאר אויסגעזוכט א וואוינונג פיר ארמאַנד.

— אין דעם זעלבען הויז? האָט פּרודאַנס געפרעגט, לאַכענד.

— ניין, אין האָטעל „א שפּראַץ אויף טאָג". האָב איך געטהאָן גוט?

איך האָב מארגעריט אומגעארמט.

— ווען דענקסטו איבערצוציעהען זיך? האט פּרודאַנס געפרעגט.

— וויא נאָר איך וועל זיך קענען הערויסרייסען.

— ועסטו נעהמען מיט זיך דיא פערד און קארעטע?

— איך נעהם אַלע בעדיענטע מיט זיך און דוא וועסט דארפען אַכטונג געבען אויף מיינע צימערן, ביז איך וועל קומען צוריק.

אין אכט טעג שפּעטער איז מארגעריט איבערגעפּאָה־רען אין איהר זומער־וואוינונג, און איך — אין האָטעל „א שפּראַץ אויף טאָג".

איצט האָט זיך פאר אונז אָנגעפאנגען א לעבען, וואָס איז זעהר שווער צו בעשרייבען.

אָנפאנגס האָט מארגעריט ניט געקענט אָבגעוואוינען זיך פון איהר אַלטען אַרט לעבען, און אַזוי וויא אימער איז ביי איהר געווען א אָפען הויז, איז דאָ אויך ביי איהר ניט אויסגעגאנגען א טאָג, וואָס זיא זאָל ניט האָבען צעהן פּרויען־געסט ביי איהר טיש. פּרודאַנס האָט פון איהר זייט

אויך מיטגעבראכט אלע בעקאנטע, וואס זיא האט געהאט און האט זיך איבערהויפּט אויפגעפיהרט, וויא זיא וואלט געווען דיא גאנצע בעל הבית'טע.

וויא איהר קענט לייכט פערשטעהן, האט דער פירסט נעצאהלט פאר דעם אלעם; נאר פון צייט צו צייט פלעגט פּרודאנס קומען צו מיר און בעטען אין מארגעריט'ס נאמען א טויזענד פראנק. וויא איהר ווייסט, האב איך געוואונען א היבשע סומע פון קארטען און, דענקענדיג, אז מארגע- ריט קען דארפען מעהר, בין איך געפאהרען נאך פּאריז און געליהען נאך געלד און צוזאמען מיט דעם, וואס איך האב געהאט, האט דיא סומע דערגרויכט ביז צעהן טוי- זענד פראנק.

ווען מארגעריט האט בערעכענט דיא הוצאות, וואס זיא האט אויף דיא געסט, האט זיא זיך געמוזט אביסעל אבזאגען פון דעם פערגניגען, אויך איז דאס געשעהן, וויל זיא האט געמוזט פון צייט צו צייט אנקומען צו מיר נאך געלד. דער פירסט, וואס האט איהר דעם וואוינונג גע- דונגען, אום זיא זאל קענען אברוהען, האט אויפגעהערט צו קומען, וויל ער האט ניט געוואלט בעגעגענען זיך מיט איהרע פריילינבע געסט. א מאל איז ער אנגעקומען ביי טאג צום דינער און, דענקענדיג, אז זיא איז אליין, האט ער געעפענט דיא טהיר פון עסס-צימער, וואו ער האט געטראפען, צו זיין גרויסער איבערראשונג, מעהר וויא א צוועלף פרויען ביים פריהשטאק. דיא געסט האבען איהם ביי זיין הערייננאנג בעגעגענט מיט א גרויסען געלעכטער, און ער איז גלייך הערויסגעלאפען.

מארגעריט האט זיך אויפגעהויבען פון טיש און איז איהם נאכגעגאנגען אין צווייטען צימער, וואו זיא האט אנגעווענדט אלע קרעפטען צו מאכען איהם פערגעסען דיא פרעכהייט פון איהרע געסט; נאר דער אלטער מאן,

פערוואונדעט אין זיין זעלבסט־ליעבע, האָט ניט געוואָלט פערצייהען. ער האָט איהר מיט הארטקייט געזאָגט, אַז איהם איז שוין נמאס געוואָרען צו צאָהלען פאר דיא נאַרעשקייטען פון אַ פרוי, וואָס ערלויבט ביי זיך אין הויז איהם צו בעליידיגען, און ער איז אוועגגעפאָהרען אין גרויס צאָרן.

פון דעם טאָג האָט מען פון איהם גאָר ניט געהערט. מאַרגעריט האָט אוועגגעשיקט איהרע געסט און האָט געביטען איהרע געוואוינהייטען. נאָר דער פירסט איז ניט צוריקגעקומען. אַ דאנק דעם צופאַל האָט מיין געליעבטע געהערט נאָר מיר אַליין. זיא האָט אָהן מיר מעהר ניט געקענט זיין און, ניט קימערענדיג זיך, וואָס מען וועט זאָגען, האָט זיא אונזער פערבינדונג מעהר ניט בעהאַלטען. מיט דער צייט האָב איך זיך איבערגעצויגען צו איהר. דיא דיענער האָבען מיך גערופען „הערר" און האָבען אויף מיך געקוקט, וויא אויף זייער ווירטה.

פרודאַנס האָט געפּרעדיגט געגען דעם לעבען, וואָס מיר האָבען געפיהרט, נאָר מאַרגעריט האָט איהר געענטפערט, אַז זיא האָט מיך ליעב און קען אָהן מיר ניט לעבען, און וואָס עס וועט ניט געשעהן, וועט זיא זיך ניט אָבזאָגען פון גליק צו האָבען מיך נעבען זיך; און האָט דאביי צו געגעבען, אַז אויב דאָס געפעלט ניט עמיצען, קען ער בלי[illegible] בען ביי זיך אין דער היים און ניט קומען צו איהר.

איך האָב דאָס געשפּרעך אונטערגעהערט, זיינ[illegible] אין אַ צווייטען צימער.

אין אַ קורצע צייט שפּעטער איז פּרודאַנס וויעדער צו אונז געקומען. איך בין געוועזען אין גאָרטען, ווען זיא איז הערייז אין הויז און האָט מיך ניט געזעהן. פון מאַרגעריט'ס עמפּפאַנגען איהר, האָב איך פערשטאַנען, אַז זיי האָבען צו רעדען וועגען אַ סוד זאַך.

דיא צוויי פרויען האבען זיך פערשלאסען אין בודואר. איך בין הערייך אין צווייטען צימער און האב צוגעלעגט דעם אויער צום שליסעל-לאך.

— נו? האט געפרעגט מארגעריט.

— איך האב געזעהן דעם פירסט.

— וואס האט ער געזאגט?

— ער איז צופריעדען צו פערצייהען דיר, וואס דא איז דאמאלס געשעהן, נאר ער האט געהערט, אז דוא לעבסט אפען מיט הערן ארמאנד דוואל, און דאס קען ער דיר ניט פערצייהען. ער האט מיר געזאגט: זאל מארגעריט אוועגוווארפען יענעם יונגען מאן, און איך וועל איהר געבען, וויא איך פלעג דאס טהאן, אלעס, וואס זיא וויל. נאר אויב זיא וועט איהם ניט אוועגווארפען, וויל איך דערפון נאר ניט הערען.

— און וואס האסטו איהם געענטפערט?

— אז איך וויל דיר דאס איבערגעבען און וועל זיך סטארען ברענגען דיך צום פערשטאנד. מיין טהייער קינד, בעדענק זיך, וואס דוא פערליערסט, ארמאנד האט דיך ליעב, אבער ער קען דיר ניט געבען גענוג, וואס דוא דארפסט. א טאג וועט קומען, ווען ער וועט דיך פערלא-זען און דער פירסט וועט שוין דאמאלס אויך ניט זיין. זאל איך רעדען מיט ארמאנד?

מארגעריט האט ניט געענטפערט, זיא האט זיך בע-דענקט. איך בין געוועזען שטארק עררעגט, ערווארטענדיג איהר ענטפער.

— ניין, האט זיא געזאגט. איך וויל ארמאנד ניט פערלאזען; איך וועל ניט בעהאלטען, אז איך לעב מיט איהם. עס איז פיעלייכט נאריש, אבער איך האב איהם ליעב, איך קען דערצו ניט העלפען. און אויסער דעם וועט

ער צו פיעל ליידען, ווען ער וועט מיך דארפען פערלאָזען אפילו אויף א שטונדע אין טאָג. האָב איך דען לאַנג צו לעבען! פאר וואָס זאָל איך זיך מאַכען אַזוי אונגליקליך און טהאָן, וואָס מיר הייסט אַן אַלטער מאַן, וועמעס אנבליק ווארפט אויף מיך אַן אַן אַלטקייט? זאָל ער האַלטע זיין געלד! איך וויל זיך בעגעהן אָהן דעם.

— אבער וואָס וועסטו טהאָן?

— איך ווייס ניט.

פרודאנס האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר איך בין הערייין, האָב זיך א וואָרף געטהאָן צו מארגעריט׳ס פיס און האָב בעדעקט איהרע הענד מיט דיא טרערען, וואָס דיא פרייד פון איהר ליעבע האָט ביי מיר הערויסגערופען.

— מיין לעבען איז דיינס, מארגעריט. דוא דארפסט ניט מעהר יענעם מאַן. איך וועל פערנעהמען זיין פּלאַץ און וועל דיך קיין מאָל ניט פערלאָזען. מיט וואָס קען איך דיר בעצאָהלען פאר׳ן גליק, וואָס דוא האָסט מיר געגעבען? זאָל מעהר קיין צוואַנג ניט זיין צווישען אונז, מארגעריט, מיר האָבען איינער דעם צווייטען ליעב און וואָס קימערט אונז עפּעס אנדערס?

— יא, איך האָב דיך ליעב, מיין ארמאנד, האָט זיא געענטפערט, הערומנעהמענדיג מיך הערום האַלז. איך האָב קיין מאָל געגלויבט, אז איך וועל אַזוי קענען ליעב האָבען. מיר וועלען זיין גליקליך, מיר וועלען לעבען שטיל און איך וועל אוועגווארפען מיין לעבען, פאר וועלכען איך שעם זיך איצט. נאָר דוא וועסט עס מיר קיין מאָל ניט אויפווארפען?

מיינע טרערען האָבען מיר ניט געלאָזט ענטפערן איהר, איך האָב נאָר געקענט צודריקען איהר שטארקער צום הערצען.

— איצט, האָט זיא געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו פּרו־

דאנס מיט געפיהל, קענסטו געהן און זאגען דעם פירסט, וואס דוא האסט געזעהן און געהערט. און דוא זאלסט נאך צוגעבען, אז מיר דארפען איהם ניט מעהר.

פון דעם טאג אן איז מעהר דעם פירסטס נאמען צווישען אונז ניט דערמאנט געווארען. און מארגעריט האט אויפגעהערט צו זיין דאס מיידעל, וועלכע איך האב פריי-הער געקענט. זיא האט זיך בעמיהט מיט אלע קרעפטען ניט צו דערמאנען איהר פריהערדיג לעבען. קיין מאל איז א ווייב אדער א שוועסטער ניט געווען צארטער אדער איבערגעגעבענער צו א מאן אדער א ברודער, וויא זיא צו מיר. זיא האט געקענט מיין יעדע בעוועגונג און געקענט לעזען מיין יעדעס געפיהל. זיא האט געבראכען מיט אלע איהרע פריינד, האט זיך אבגעזאגט פון איהרע געוואוינ-הייטען און האט ניט אויסגעגעבען אזוי פיעל געלד, וויא פריהער. זיא האט אפילו אומגעביטען איהר שפראך; און דיא מענשען, וואס האבען איהר איצט געזעהן, האבען בשום אופן ניט געקענט גלויבען, אז דאס איז דיא זעלבע מארגעריט, וועלכע זיי האבען מיט פיער מאנאט צוריק געקענט אין פאריז.

אח! מיר האבען געאיילט צו כאפען דאס גליק, וויא פיהלענדיג, אז עס וועט לאנג ניט דויערען.

צוויי מאנאט לאנג זיינען מיר אפילו איין מאל ניט געווען אין פאריז. קיינער איז צו אונז ניט געקומען, אויסער פרודאנס און זשולי דופרא, וועמען מארגעריט האט נאכ-דעם אנפערטרויט איהר ריהרענדעס טאגע-בוך, וואס גע-פינט זיך יעצט ביי מיר.

גאנצע טעג בין איך געווען נעבען מיין געליעבטע און האב ניט אבגעטראכטען פון איהר אויף איין מינוט. דיא יונגע פרוי, וועלכע האט מעהר פערשווענדעט אויף בוקע-טען, אלס א גאנצע פאמיליע פערברויכט צום לעבען, האט

נעקענט נאכלויפען נאָך א זומער־פויגעלע אָדער זיצען שטונדען־לאַנג אין גראָז און בעטראַכטען דאָס איינפאַכע בליהמעלע, וועמעס נאָמען זיא האָט געטראָגען.

דער פירסט האט איהר געשיקט צוויי אָדער דריי בריעף; נאָר זיא האָט דערקענט זיין האַנד־שריפט און האט זיי מיר איבערגעגעבען אָהנע זיי צו לעזען.

צייטענווייז האָט דער אינהאַלט פון דיא בריעף הע־רויסגערופען טרערען אין מיינע אויגען.

ער האָט גדענקט, אַז אויפהערענדיג צו געבען איהר געלד, וועט ער איהר צווינגען אומקעהרען זיך צו איהם; נאָר ווען ער האָט זיך הערומגעזעהן, אַז זיין פּלאַן איז ניט געלונגען, האָט ער לענגער ניט געקענט אויסהאַלטען און האָט איהר געשריעבען, אַז זיא זאָל איהם ערלויבען צו בעזוכען איהר, וויא פריהער, אונטער וועלכע בעדיענגונגען זיא וויל נאָר.

איך האָב געלעזען דיא בריעף, וואָס זיינען געווען פול מיט געבעט און האָב ניט דערלאָזט, מאַרגעריט זאָל זיי לייענען. א געפיהל פון רחמנות האָט זיך אין מיר ערוועקט צום אַלטען מאַן, נאָר איך האָב זיך אָבגעהאַלטען פון געבען עצות מאַרגעריט, אָבוואָהל איך בין געווען גענייגט, זיא זאָל איהם ערלויבען צו בעזוכען איהר. איך האָב דאָס אָבער ניט געטהאָן, אום זיא זאָל ניט דענקען, אַז איך וויל, זיא זאָל נעהמען ביים פירסט געלד, וויא פריהער.

ניט בעקומענדיג קיין ענטפער, האָט דער פירסט אויפ־געהערט צו שרייבען, און מיר האָבען ווייטער געלעבט, ניט זארגענדיג וועגען דער צוקונפט.

אַכטצעהנטעס קאַפּיטעל.

צו בעשרייבען אונזער נייען ארט לעבען מיט איינצעלהייטען וועט זיין א שווערע זאַך, איבריגענס דאס וועט קיינעם ניט אינ־טערעסירען. איהר ווייסט דאָך, וויא דיא טעג לויפען געשווינד ביי ליעבענדע, יע־דעם ווענען אויסער דיא, וועלכע מען ליעבט שיינט צו זיין איבריג. ליעבע פילט אָן אונזער גאַנצע וועזען. מיר זיינען יעדען טאָג געגאַנגען אין וועלדיל און האָבען זיך צוגעהערט צו דיא פריילינבע מעלאָדיען פון דער נאַכט, ערוואַרטענדיג דיא שטונדע, ווען מיר וועלען קענען איינער ביים צווייטען שליעסען זיך אין דיא ארמס. צייטענווייז פלעגען מיר דעם גאַנצען טאָג פערבלייבען אין בעט, דיא לאַדענס פער־האַקט און מיר האָבען ניט געוואוסט, אויב עס עקסיס־טירט א וועלט אויסער אונזער צימער. נאָר נאַנין פלעגט צו אונז הערייננקומען און ברענגען עסען. מיר פלעגען עסען אין בעט און אליין לאַכען דאריבער.

נאָר א פּאָר מאָל האָב איך דאָך בעמערקט, אז מאַר־געריט איז זעהר טרויריג און פערוויינט. ווען איך האָב איהר געפרעגט, וואָס איהר טרויער בעדייט, האָט זיא מיר געענטפערט:

— מיין טהייערער ארמאַנד, אונזער ליעבע איז ניט קיין געוואוינליכע ליידענשאַפט, דוא האָסט מיך ליעב, וויא איך וואָלט קיין מאָל צו קיין אנדערן ניט בעלאַנגט, און איך האָב מורא, אז שפּעטער וועסטו בערייהען דיין ליעבע, און דוא וועסט מיר אויסוואַרפען מיין פריהערדיג לעבען און מיך צווינגען אָנצופאַנגען דאָס אַלטע לעבען, פון וועלכען דוא האָסט מיך אָבגעראַטעוועט. האָבענדיג פּרובירט אזא לעבען, וויא מיר פיהרען איצט, דענקט איך,

אז איך וועל שטארבען, אויב איך וועל זיך דארפען אומ־קעהרען צו מיין אלטע קאריערע. זאָג מיר נאָך א מאָל, אז דוא וועסט מיך קיין מאָל ניט פערלאָזען.

— איך שווער דיר אין דעם.

זיא האָט מיר געקוקט גלייך אין דיא אויגען, וויא זיא וואָלט וועלען לייענען, וואָס עס טהוט זיך ביי מיר אין הערצען. נאכדעם, וויא איך האָב איהר געשוואָרען, האט זיא זיך מיר העריופגעוואָרפען אויפ׳ן האלז און בעהאלטען איהר געזיכט ביי מיר אויפ׳ן ברוסט.

— דוא ווייסט גאָר ניט, וויא שטארק איך האָב דיך ליעב.

איין אבענד זיינען מיר געשטאנען אויפ׳ן באלקאָן און זיך צוגעהערט צום הוזשען פון ווינד אין דיא בוימער. מיר האָבען געהאלטען איינער דעם צווייטענס האנד און א גוטע פערטיל שטונדע ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. פלוצים האט מארגעריט בעמערקט:

— דער ווינטער קומט שוין באלד אָן — וועלען מיר פון דאנען אוועג?

— וואו וועלען מיר געהן?

— נאך איטאליען.

— איז דיר דיזער פלאץ דערעסען געוואָרען?

— איך האָב מורא פאר׳ן ווינטער, און מעהר פון אלץ פאר אונזער צוריקקעהרען קיין פאריז.

— ווארום?

— צוליעב א סך זאכען. וועסטו מיטפאָהרען? איך וועל פערקויפען אלץ, וואָס איך פערמאָג און מיר וועלען לעבען אין איטאליען. פון מיין אלטער קאריערע וועט קיין זאך פערבלייבען און קיינער וועט ניט וויסען, ווער איך בין. האָסטו חשק צו פאָהרען?

— אויב דיר געפעלט, וועלען מיר פאָהרען, מארגעריט

האָב איך געענטפערט, נאָר צו וואָס דאַרפסטו פערקויפען דיינע זאכען, וועלכע וועלען דיר פערשאַפען פערגניגען, ווען דוא וועסט צוריק־קומען און געפינען זיי?

— מיין פערמעגענס איז ניט גרויס, נאָר איך האָב גענוג געלד, מיר זאָלען קענען זעקס מאָנאַט הערומרייזען אויף אן אנשטענדיגען אופן, אויב דאָס וועט דיר פער־שאַפען פערגניגען.

זיא איז אַ רגע געבליבען שטיל און באַלד האָט זיא ווייטער געזאָגט:

— און אפשר איז גלייכער דאָ צו פערבלייבען? צוליעב וואָס זאָלען מיר אומזיסט אויסגעבען געלד אויף רייזעס? איך קאָסט דיר שוין אַזוי אויך גענוג.

— עס איז ניט זעהר גראַססמוטהיג פון דיין זייט מיר דאָס צו זאָגען, מאַרגעריט.

— פערצייהע מיך, מיין פריינד, האָט זיא געזאָגט און געגעבען מיר איהר האַנד. דאס טריבע וועטער האָט אַ שלעכטען איינפלוס אויף מיינע נערוועז. מיינע ווערטער האָבען ניט ריכטיג איבערגעגעבען דאס, וואָס איך האָב אייגענטליך געוואָלט זאָגען. און זיא האָט זיך ווידער פערטראַכט.

אזעלכע סצענעס זיינען ניט געווען זעלטען און טראָץ דעם, וואָס איך האָב ניט געוואוסט זייער אורזאכע, האָב איך דאָך בעמערקט, אז מאַרגעריט פירכטעט פאַר דער צוקונפט. זיא האָט ניט געקענט צווייפלען אין מיין ליעבע צו איהר, ווייל זיא, מיין ליעבע, איז מיט יעדען טאָג גע־וואָרען שטאַרקער. דאָך האָב איך איהר אָפט געטראָפען טרויריג, און זיא האָט מיר דיא ריכטיגע אורזאכע דערפון ניט געגעבען.

דענקענדיג, אז דאָס איינפאַרביגע לעבען וועט איהר דערעסען, האָב איך איהר פאָרגעשלאָגען, מיר זאָלען זיך

אומקעהרען אין פאריז. נאָר זיא האָט זיך אלץ אָבגעזאָגט אונטער דעם אויסרייד, אז זיא קען ערגעץ ניט זיין אזוי גליקליך, וויא אויפ׳ן לאנד.

פרודאנס איז צו אונז געקומען זעלטען, נאָר דערפאר האָט זיא געשריעבען א סך בריעף, וועלכע איך פלעג קיין מאָל ניט בעטען צו לייענען, כאָטשע איך האָב בעמערקט, אז נאָך יעדען פון דיא דאָזיגע בריעף איז זיא געווען שטארק פערטראַכט און איך האָב ניט געוואוסט פאר וואָס.

א מאָל האָט זיך מארגעריט צו לאנג פערזעסען אין איהר צימער; ווען איך בין הערײן, האָב איך איהר געטראָפען שרייבען.

— צו וועמען שרייבסטו?

— צו פרודאנס. ווילסטו לייענען, וואָס איך האָב אָנגעשריבען?

איך האָב מורא געהאט, זיא זאָל ניט דענקען, אז איך פערדעכטיג איהר, און איך האָב זיך דערפון אָבגעזאָגט, אָבוואָהל איך האָב געוואוסט, אז דער בריעף וואָלט מיר ערקלערט דיא ריכטיגע אורזאכע פון איהר טרויריגקייט.

אויף מאָרגען איז דאס וועטער געווען זעהר שעהן, און מיר האָבען געמאכט א שפאציר איבער׳ן וואסער. מארגעריט איז געווען גוט אויפגעלעגט, און מיר האָבען זיך ניט אומגעקעהרט ביז פינף אוהר אבענד.

— מאדאם דוווערנאָי איז דאָ געווען, האָט נאנין געזאָגט, ווען זיא האָט אונז דערזעהן.

— איז זיא שוין אוועקגעפאָהרען צוריק, האָט מארגעריט געפרעגט.

— יא, זיא איז אוועקגעפאָהרען אין אייער קארעטע, מאדאם, זיא האט געזאָגט, אז איהר וויסט, וואָרום.

— גענוג, גענוג! האט מארגעריט געענטפערט געשווינד. גיעב אונז עסען.

צוויי טעג שפּעטער האט פּרודאַנס געשיקט א בריעף, און דיא טרויערקייט האט מאַרגעריט אין גאַנצען פער־לאָזען. דיא קאַרעטע איז מעהר צוריק ניט געקומען.

— פאַר וואָס שיקט ניט אָב פּרודאַנס צוריק דיין קאַרעטע? האב איך איהר געפרעגט.

— א פערד איז קראַנק און דיא קאַרעטע דאַרף מען פערריכטען. זאָל מען בעסער דיא אַרבייט מאַכען, כל זמן מיר זיינען דאָ, ווייל דאָ דאַרפען מיר קיין קאַרעטע ניט.

אין א פּאָר טעג שפּעטער איז פּרודאַנס געקומען צו אונז מיט א וויזיט און האט בעשטעטיגט מאַרגעריט'ס ווערטער.

ביידע דאַמען זיינען אוועג אין גאַרטען, און ווען איך בין צו זיי צוגעקומען, האבען זיי אומגעביטען זייער גע־שפּרעך.

פּרודאַנס איז אוועגגעפאָהרען ביי נאַכט, און אזוי וויא עס איז געווען קיהל, האט איהר מאַרגעריט מיטגע־געבען א קאַשמירענע שאַל.

ווייטער א מאָנאַט איז העריבער און מאַרגעריט איז אין דער צייט געווען ליעבענדער און פריילינבער, וויא שטענדיג; נאָר דיא קאַרעטע איז ניט צוריק געקומען און דיא שאַל איז אויך ניט אומגעקעהרט געוואָרען, און דאָס האט מיך אָנגעהויבען צו וואונדערן. און אזוי וויא איך האב געוואוסט, וואו מאַרגעריט האלט פּרודאַנס'ס בריעף, בין איך איין טאָג, ווען מאַרגעריט איז געווען ווייט אין גאָרטען, צוגעגאַנגען צום קאָמאָד און געפּרובט איהם עפענען. נאָר ער איז געווען פערשלאָסען. דאַן האב איך א קוק געטהאָן אין שופלאָד, וואו זיא האט געהאַלטען איהרע ציערונג, און צו מיין גרויסער ערשטוינונג, האב איך דיא ציערונג ניט געפונען. א געפיהל פון אונרוהיגקייט

איז מיר דורכגעגאנגגען. איך האב געקענט פרעגען ביי מארגעריט, וואו זיינען איהרע אלע זאכען הינגעקומען, נאר איך האב דאס ניט געטהאן, ווייל איך האב גע־וואוסט, אז זיא וועט מיר ניט זאגען דיא וואהרהייט.

— מיין טהייערע מארגעריט, האב איך צו איהר גע־זאגט, ערלויב מיר צו פאהרען אין פאריז. מיין דיענער וויים ניט, וואו איך בין און פון מיין פאטער זיינען זיכער דא בריעף. אין דער היים וועלען זיי זיין אונרוהיג, און איך מוז אויף דיא בריעף ענטפערן.

— פאהר, מיין פריינד, נאר קום אזוי גיך, וויא דוא וועסט קענען.

קומענדיג אין פאריז, בין איך גלייך אוועג צו פרו־דאנס.

— זאגט מיר אפען, וואו זיינען מארגעריט'ס פערד?

— זיי זיינען פערקויפט.

— דיא קאשמירענע שאל?

— פערקויפט.

— דיא דיאמאנטען?

— פערזעצט.

— און ווער האט פערקויפט און פערזעצט דיא אלע זאכען?

— איך.

— פאר וואס האט איהר דאס מיר פריהער ניט גע־זאגט?

— מארגעריט האט מיר פערבאטען.

— פאר וואס האט איהר ביי מיר ניט געבעטען קיין געלד?

— זיא האט ניט ערלויבט.

— וואו איז הינגעקומען דאס גאנצע געלד?

— אוועג אויף חובות.

— איז זיא נאך א סך שולדיג ?

— אן ערך פון דרייסיג טויזענד פראנק. איך האב דאס אייך פריהער געזאגט, נאר איהר האט מיר ניט גע־גלויבט. דער פירסט האט אנגעזאגט אלע בעל־חובות, אז ער וועט מעהר ניט צאהלען פאר מאדמואזעל גאטיע. דיא בעל־חובות האבען פערכאפט דאס מעבעל, מארגעריט האט אלעס געוואלט פערקויפען, נאר זיא האט שוין ניט געקענט, און איך וואלט איהר אויך דערצו ניט דערלאזט. דיא חובות וואלטען נאך געווען געווארט, נאר עפעס א גוטער פריינד האט פערשפרייט א קלאנג, אז מארגעריט וואוינט מעהר ניט מיט'ן פירסט, זאנדערן מיט א יונגען מאן, וואס פערמאגט גאר־נישט. מארגעריט האט געמוזט אלעס פערקויפען און פערזעצען, ווייל זיא האט ביי אייך ניט געוואלט בעטען קיין געלד. איהר דענקט מן הסתם, אז א יונגע פרוי און א יונגער מאן האבען מעהר ניט וואס צו טהאן, נאר צו ליעבען זיך און צו פיהרען אן אידילישען לעבען אויפ'ן לאנד.

— איך וויל איהר געבען דיא סומע, וואס זיא ברויכט.

איהר וועט מוזען לייען דיא סומע.

יא.

דאס וועט זיין א פיינער געשעפט ! איהר וועט זיך מוזען צוקריגען מיט אייער פאטער און פערליערען אייער איינקונפט. אויסער דעם געפינט מען ניט דרייסיג טויזענד פראנק אין א טאג. הערט מיך אויס, מיין טהייערער ארמאנד, איך קען פרויען בעסער, וויא איהר, זייט קלוג און טהוט ניט קיין נארישקייטען, וועלכע איהר וועט שפעטער בערייהען. איך זאג אייך ניט, איהר זאלט פערלאזען מארגעריט, נאר לעבט מיט איהר, וויא איהר האט געלעבט אנהויב זומער. גיעט איהר דיא מעגליכקייט אויסצופלאנטערען זיך פון דיא חובות. דער פירסט וועט

ענדליך צו איהר צוריק־קומען, דער גראף דע נ..., וועלכער האט צוויי הונדערט טויזענד פראנק א יאהר איינקונפטע, האט מיר ערסט נעכטען געזאגט, אז אויב זיא וועט איהם צונעהמען, וועט ער בעצאהלען אלע איהרע חובות און ער וועט איהר געבען פיער־פינף טויזענד פראנק א מאנאט. פאר וואס זאלט איהר ווארטען, ביז איהר וועט זיך רו־אינירען? דער טאג וועט קומען, ווען איהר וועט איהר דאך מוזען פערלאזען. אויסער דעם איז דער גראף דע נ... א נאר און איהר וועט קענען פערבלייבען מארגע־ריט׳ס געליעבטער אויף ווייטער. זיא וועט אנפאנגס אביסעל וויינען און דערנאך וועט זיא אייך זיין דאנקבאר דערפאר. איהר דארפט זיך נאר פארשטעלען, אז מאר־גריט איז א פערהייראטע פרוי און אז איהר נארט אב דעם מאן און דאס איז אלעס. איך האב אייך דאס פריהער געזאגט, נאר דאמאלס האב איך אייך בלויז גע־ראטהען, איצט איז דאס א נויטהווענדיגקייט.

פרודאנס איז געווען אונערבארעמליך, נאר זיא איז געווען גערעכט.

— איהר זעהט, האט זיא געזאגט ווייטער, פראסטי־טוטקעס זעהען שטענדיג פאראויס, אז מען וועט זיי ליעבען, אבער זיי קענען ניט זעהען, אז זיי אליין וועלען זיך פער־ליעבען. דען אויב ניט, וואלטען זיי אבגעשפארט געלד און וואלטען צו דרייסיג יאהר געקענט ערלויבען זיך א געליעבטען אהן געלד. ווען איך זאל נאר געווען וויסען פריהער, וואס איך וויים איצט! איך וועל אייך געבען נאך אן עצה; זאגט מארגעריט גאר ניט, נאר נעהמט איהר צוריק אין פאריז. איהר לעבט שוין מיט איהר זעקס מאנאט און איהר האט זיך ניט וואס צו קלאגען. האלט נאר פערמאכט דיא אויגען און דאס איז אלעס, וואס איהר דארפט טהאן. צוויי וואכען שפעטער וועט זיא

עקסעפּטירען דעם גראף דע נ... חיינטיגען ווינטער וועט זיא קענען אָבשפּאָרען אביסעל געלד און איבער א יאָהר זומער וועט איהר זיך קענען פערגינען אזא לעבען, וויא איהר פיהרט איצט.

פּרודאַנס איז געווען מלא שמחה פון איהר גוטען ראַטה, נאָר איך האָב איהם מיט כעס צוריקגעוויזען. ניט מיין ליעבע, ניט מיין עהרע האָבען עס געקענט דערלאָזען און אז מארגעריט וועט עס ניט וועלען, בין איך געווען זיכער.

— איהר האט שוין געשפּאַסט גענוג, האָב איך געזאָגט צו פּרודאַנס. זאָגט מיר בעסער, פיעל דארף מאַרגעריט ווירקליך האָבען?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אונגעפעהר דרייסיג טויזענד פראַנק.

— און ווען וועט זיא דיא סומע ברויכען?

— אין צוויי מאָנאַט הערום.

— זיא וועט זיי האָבען.

פּרודאַנס האט א ציעה געטהאָן מיט דיא אקסלען.

— איך וועל אייך געבען דאס געלד, האב איך געזאָגט ווייטער, נאָר איהר וועט מיר מוזען צוזאָגען, אז מארגעריט וועט ניט וויסען, פון וועמען דאָס געלד קומט

— איהר קענט זיין זיכער.

— איהר זאָלט מיר לאָזען וויסען, ווען זיא וועט עפּעס שיקען פערקויפען אָדער פערזעצען.

— האט קיין מורא ניט, איהר איז שוין קיין זאך מעהר ניט געבליבען.

איך בין אוועג אין מיין וואוינונג צו זעהען, אויב עס איז ניטאָ א בריעף פון מיין פאָטער. איך האָב געפונען פיער בריעף.

ניינצעהנטעס קאַפּיטעל.

אין דיא ערסטע דריי בריעף האט זיך מיין פּאָטער הערויסגעוויזען צו זיין אונרוהיג, אין פערטען האט ער מיר שוין געגעבען אָנצוהערענים, אז ער האט שוין ער־פאהרען, וואָס פאר אן ארט לעבען איך פיהר און אָנגעזאָגט, אז ער וועט אין גיכען זיין אין פּאריז. האָבענדיג רעספּעקט פאר מיין פּאָטער, האָב איך איהם גלייך געענטפערט, אז איך האב איהם אזא צייט ניט גע־שריעבען, ווייל איך האב געמאכט א קליינע לוסט־רייזע און איך האב איהם געבעטען, ער זאָל מיר שרייבען, ווען ער וועט הערויספאָהרען, כדי איך זאָל איהם קענען פאָהרען בעגעגענען. איך האב מיין אדרעס איבערגעלאָזט מיין דיענער און אָנגעזאָגט איהם, אז ווען עס וועט אָנקומען א בריעף, זאָל ער איהם מיר גלייך ברענגען. נאכהער האב איך זיך אומגעקעהרט צוריק צו מארגעריט.

איך האָב איהר געטראָפען נעבען טהירל פון גאָרטען וואַרטען אויף מיך. איהר געזיכט איז געוועזען אונרוהיג. זיא האָט זיך הערייגעוואָרפען אין מיינע ארמס און האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון פרעגען:

— האָסטו געזעהן פּרודאַנס?

— ניין.

— דוא ביזט לאנג פערבליבען אין פּאריז.

— איך האָב געדארפט ענטפערן דעם פּאָטער אויף זיינע בריעף, וואָס איך האָב דאָרטען געפונען.

א פּאָר מינוט שפּעטער איז נאנין הערייגעלאָפען אָהן אטהעם; מארגעריט האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך מיט איהר וועגען עפּעס גע׳סוד׳עט.

ווען נאנין איז הערויס, האט זיך מארגעריט אנידער־געזעצט נעבען מיר, האט גענומען מיין האנד און געזאגט:

— פאר וואס נארסטו מיך אב! דו האסט געזעהן פרודאנס.

— ווער האט דיר דערצעהלט?

— נאנין.

— פון וואנען ווייס זיא?

— זיא איז דיר נאכגעפאהרען.

— דאס הייסט, דו האסט איהר געהייסען מיר נאכצופאהרען.

— יא, איך האב געדענקט, אז עס מוז זיין זעהר א שטארקער מאטיוו, אז דו זאלסט מיך פערלאזען, דוא, וואס גאנצע פיער מאנאטען ביזטו פון מיר ניט אבגעטראטען. איך האב מורא געהאט, אז דיר איז אן אונגליק געשעהן אדער דוא ביזט אוועג צו אן אנדער פרוי.

— וויא קינדיש דוא ביזט.

— איצט בין איך מעהר ניט אונרוהיג; איך ווייס, וואס דוא האסט געטהאן, נאר איך ווייס ניט, וואס פרודאנס האט דיר געזאגט.

איך האב מארגעריט געוויזען מיין פאטער'ס בריעף.

— ניט דאס האב איך געבעטען, איך פרעג, נאך וואס ביזטו געגאנגען צו פרודאנס?

— צו זעהען איהר.

— דו זאגסט ניט דעם אמת, מיין פריינד.

— איך בין געגאנגען פרעגען, צו דיין פערד איז שוין געזונד, און צו זיא דארף נאך דיין קאשמירענעם שאל און דיינע ציערונג.

מארגעריט איז רויטה געווארען און האט ניט געענטפערט.

— זיא האָט מיר געזאָגט, וואָס דוא האָסט געטהאָן מיט דיינע פערד און ציערונג.

— ביזטו בייז אויף מיר?

— איך בין בייז, פאר וואָס דוא האָסט ניט געטראַכט פון בעטען געלד ביי מיר.

— ווען א פרוי אין מיין לאגע האט נאָך אביסעל עהרען-געפיהל, דארף זיא אנוועענדען אלע קרעפטען און מאַכען יעדען אָפּפער, אום ניט צו בעטען געלד פון איהר געליעבטען. עס קען א מאָל קומען א טאָג, ווען דוא וועסט זיין ענג אין געלד אָדער פיהלען עפּעס ניט גוט, און דיר קען הערויף אויפ'ן געדאַנק, אז מיין ליעבע צו דיר איז געוועזען א מין קינסטליכער רעכנונג אויף געלד. פרודאַנס קען ניט האַלטען קיין סוד. צו וואָס דארף איך האָבען פערד? איך קען זיך גוט בעגעהן אָהן זיי. אַלעס, וואָס איך בעט פון דיר, איז, דוא זאָלסט מיך ליעבען און דוא וועסט מיך ליעבען אזוי גוט איצט, ווען איך האָב ניט קיין פערד, שאַלען אָדער דיאמאַנטען, וויא פריהער.

זיא האָט דאָס גערעדט אזוי פראָסט, אז ביי מיר האָבען זיך געשטעלט טרערען אין דיא אויגען.

— אבער טהייערע מארגעריט, דוא האָסט דאָך געקענט פערשטעהן, אז ניט היינט איז מאָרגען וועל איך אויסגעפינען דעם סוד און איך וועל דיר ניט ערלויבען צו מאַכען אזא אָפּפער

— פאר וואָס?

— ווייל איך וויל ניט, אז דיין ליעבע צו מיר זאָל דיך רויבען פון דער מינדסטער זאַך. איך וויל אויך ניט, אז דוא זאָלסט א מאָל קענען דענקען, ווען דיר וועט פעהלען געלד אָדער דוא וועסט זיין אין א שלעכטען מוטה, אז ווען דוא וואָלסט געלעבט מיט אן אנדערן, וואָלסטו דער פון ניט געוואוסט. אין עטליכע טעג הערום וועסטו צוריק

האָבען דיינע פערד, דיינע שאַלען און דיינע ציערונג. זיי זיינען דיר אַזוי נויטהיג, וויא לופט. עס קען דיר שיינען לעבערליך, אָבער איך וועל דיר זאָגען דיא וואהרהייט, אַז איך ליעב דיך בעסער, ווען דוא ביזט פּראַכטפאָל געקליידעט, אַלס איינפאַך.

— אויב אַזוי, האָסטו מיך מעהר ניט ליעב.

— וויא נאַרעש דוא ביזט!

— אויך דוא זאָלסט מיך ליעב האָבען, וואָלסטו בעדאַרפט לאָזען מיר ליעבען דיך, וויא איך וויל. נאָר דוא זעהסט אין מיר א מיידעל, וועלכע דאַרף האָבען דעם שיק און וועלבער דוא ביזט פערפפליכטעט צו צאָהלען. דוא שעמסט זיך אָנצונעהמען איהרען אַן אָפּפער און דאס צייגט, אַז דוא דענקסט, דער טאָג וועט קומען, ווען דוא וועסט מיך פערלאָזען און דיין עדעלעס עהרען־געפיהל הייסט דיר מיר ניט בלייבען שולדיג. דוא ביזט גערעכט, מיין פריינד, נאָר איך האָב פון דיר ערוואַרטעט עפּעס בעסערעס.

ביי דיא ווערטער האט זיא זיך געוואָלט אויפהויבען פון איהר געזעס, נאָר איך האב איהר ניט געלאָזט, זאָגענדיג:

— איך ווינש, דוא זאָלסט מיר קיין מאָל קיין פאָרווירפע קענען מאכען.

— און מיר שיידען זיך?

— פאַר וואָס? ווער וועט אונז קענען שיידען? האב איך אויסגעשריען.

— דוא, וועלכער וויל מיר ניט ערלויבען צו פערשטעהן דיין לאגע און וועלכער איז גענוג אייטעל מיך צו וועלען איינהאַלטען אין מיינע; דוא, וועלכער וויל מיך האַלטען אין מיין א מאָליגען שיק און מיט דעם איינהאַלטען דעם

מאַראַלען אַבגרונד, וואָס שיידעט אונז פערנאַנדער; דוא, וועלכער גלויבט ניט אין מיין ריינע ליעבע. דוא דענקסט ווירקליך, אַז עס איז פאַראַן אַ פערגלייכעניס צווישען אַ קאָרעטע און ליעבע? דענקסט דוא ווירקליך, אַז גליק איז פאַראַן אין דיא אַלע נאַרעשקייטען, וואָס האָבען אונז געטרייסט, ווען מיר האָבען קיין זאַך ניט געליעבט, אָבער וואָס האָבען פערלאָרען זייער ווערטה, ווען מיר ליעבען אויפריכטיג? דוא ווערסט אויסצאָהלען מיינע חובות, דוא ווערסט לייהען געלד, דוא ווערסט מיך אויסהאַלטען! אָבער וויא לאַנג וועסטו עס קענען אויסהאַלטען? צוויי אָדער דריי מאָנאַטען און נאכהער וועט שוין זיין צו שפּעט אָנהויבען צו פיהרען דאָס לעבען, וואָס איך וויל. איצט האָסטו דיינע איינקינפטע אכט אָדער צעהן טויזענד פראַנק אַ יאָהר און מיט דעם געלד קענען מיר לעבען. איך וועל אויספערקויפען אַלע איבריגע זאַכען און דער אויספערקויף וועט מיר געבען וועלכע צוויי טויזענד פראַנק אַ יאָהר. מיר וועלען דינגען אַ קליינע הייזעל און לעבען צוזאַמען. זומער וועלען מיר פאָהרען אויפ'ן לאַנד, ניט אין אַזאַ הויז וויא דיא, אָבער מיר וועלען קענען געפינען אַ וואוינונג פאַר צוויי פערזאָן. דוא ביזט אונאַבהענגיג, איך בין פריי, מיר זיינען ביידע יונג. אום גאָטעס ווילען, אַרמאַנד, שטויס מיך ניט העריין צוריק אין יענעם אַרט לעבען, וואָס איך בין פריהער געווען געצוואונגען צו פיהרען.

איך האב קיין זאַך געקענט ענטפערן. טרערען פון ערלייכטערונג און ליעבע האבען אָנגעפילט מיינע אויגען און איך האב זיך העריינגעוואָרפען מאַרגעריט אין דיא אַרמס.

— איך האב געוואָלט, האט זיא פאָרטגעזעצט, אַלעס איינאָרדענען אָהן דיין ידיעה און דאַ אָבוואַרטען ביז אָק-

טאָבער, נאָר ווען פּרודאַנס האט דיר שוין דערצעהלט, וועלען מיר גלייך צוטרעטען אויסצופיהרען מיין פּלאַן. האָסטו מיך גענוג ליעב, אום צו פאָלגען מיך ?

איך האב איהר געקוסט און געענטפערט עטליכע מאָל :

— איך וועל טהאָן, וואָס דוא ווערסט נאָר הייסען.

זיא איז געוואָרען ווילד פון שמחה ; זיא האט גע־טאַנצט און געזונגען און האט זיך שוין גענומען מיט מיר בעראַטהען, אין וועלכען געגענד אין פּאַריז צו דינגען א וואוינונג.

איך האב אויסגערעכענט דיא געלד, וואָס איך האב, און האב בעשלאָסען איבערצושרייבען אויף מארגעריט דיא איינקינפטע, וואָס מיין מוטער האט מיר איבערגע־לאָזט. זאָל דאס כאָטש עטוואס איהר פערגעלטען פאר דיא אָפּפער, וואס זיא האט צוליעב מיר געמאַכט.

איך האב מארגעריט ניט דערצעהלט, וואס איך דענק צו טהאָן, ווייל איך בין געווען זיכער, אז זיא וועט עס בשום אופן ניט וועלען אָננעהמען.

דעם זעלבען טאָג בין איך און מארגעריט געפאָהרען אין פּאַריז צו זעהן א וואוינונג. איך האב געמאַכט דער־ווייל א וויזיט צו מיין אדוואָקאַט און געפרעגט איהם, וואס איך ברויך צו טהאָן, אום איבערצוגעבען מיינע איינ־קינפטע צו א צווייטע פּערזאָן.

דער אדוואָקאַט האט געדענקט, אז איך בין רואינירט און האט מיך געפרעגט, פאר וואָס וויל איך דאָס טהאָן. און אזוי וויא פריהער אָדער שפּעטער וואָלט איך געוועזן געצוואונגען איהם צו זאָגען, ווען איך וויל עס איבער־געבען, האב איך בעשלאָסען צו דערצעהלען איהם גלייך דעם אמת. ער האט מיר דערפון ניט אָבגעראַטהען און

האט מיר פערשפּראָכען צו טהאָן אַלעס, וואָס ער וועט קענען.

איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל וועגען דעם ניט געבען צו וויסען מיין פאָטער און איך בין אוועג צו מאַרגעריט, וואָס האט אויף מיר געוואַרט ביי דזשוליע דופּרא. זיא איז בעסער צו איהר געגאַנגען און ניט צו פּרודאַנס, אום ניט צו הערען פון דער לעצטער איהרע מוסר.

מיר האָבען בעשלאָסען צו געהן זוכען א דירה. יעדע וואוינונג, וואָס מיר האבען געזעהן, האט מאַרגעריט׳ן געשיינט פאַר צו טהייער אין דער צייט ווען מיר האט אויסגעוויזען פאַר צו ביליג. ענדליך האבען מירביידע איינגעשטימט אויף א שעהנע הייזעל, וואָס איז געשטאַנען אין א זעהר רוהיגע נאָכבארשאַפט.

מאַרגעריט איז אוועג צו אַן אַגענט איבערצורעדען מיט איהם וועגען איהרע חובות און איך בין געגאַנגען צו מיין אַלטען וואוינונג, אום צו זאָגען, אז איך ציעה הערוים פון דאָרטען.

מאַרגעריט איז געקומען פון אַגענט פרעהליך. ער האט איהר פערשפּראָכען אָבצוצאָהלען אַלע איהרע חובות און צו געבען איהר מזומן געלד צוואַנציג טויזענד פראַנק פאַר איהר מעבעל.

מיר האָבען זיך אומגעקעהרט אין באזשיוויל איבערגליקליכע.

אין א וואָך הערום, ווען מיר זיינען געזעסען ביים פריהשטאָק, איז נאַנין הערייינגעקומען און האט מיר געזאָגט, אז מיין דיענער וויל מיך זעהן.

איך האב איהם געהייסען הערייינקומען.

— אייער פאָטער איז געקומען צו פאָהרען און ער בעט אייך, איהר זאָלט גלייך קומען זעהן איהם אין אייער וואוינונג.

דיזע נייעס איז געווען א גאנץ געוואוינליכע, נאָר ווען מיר האבען דאס געהערט, האב איך א קוק געטהאָן אויף מארגעריט און זיא אויף מיך.

מיר האבען דערפיהלט, אז עפּעס אן אונגליק וועט אונז טרעפען.

אָבוואָהל זיא האט מיר ניט געזאָגט, וואָס פאר אן איינדרוק דיא נייעס האט אויף איהר געמאכט, האב איך דאָך צו איהר געזאָגט, אָננעהמענדיג איהר ביי דער האנד:

— האב קיין מורא ניט.

— קום צוריק, וויא גיך נאָר דוא וועסט קענען, האט זיא געזאָגט, אומארמענדיג מיך. איך וועל זיצען ביים פענסטער און ווארטען אויף דיך.

איך האב מיין דיענער אוועגגעשיקט, ער זאָל אָנזאָגען מיין פאָטער, אז איך קום גלייך.

אין צוויי שטונדען שפּעטער בין איך געווען אין רוע דע פּראָווענס.

צוואנציגסטעס קאפּיטעל.

איך האָב דעם פאָטער געטראָפען אין א שלאָפ־ראָק זיצען ביי מיר אין זאַל, וואו ער האָט געשריבען.

איך האָב גלייך געזעהן פון דעם בליק, וואָס ער האָט א וואָרף געטהאָן אויף מיר ביי מיין העריינקומען, אז ער האָט מיר צו זאָגען עפּעס א וויכטיגע זאַך.

דאָך בין איך, וויא איך וואָלט גאָר ניט בעמערקט, צו איהם צוגעגאנגען און הערומגענומען איהם

— ווען ביזטו געקומען, פאָטער?

— געסטערן אבענד.

— דוא ביזט גלייך פערפאהרען אהער?

— יא.

— מיר פערדריסט זעהר, וואס איך בין דא ניט געוועזען און האב ניט געקענט בעגעגענען דיך.

איך האב ערוואַרטעט, אז ער וועט מיר גלייך געבען דיא לעקציאָן, וואס זיין שטרענגע געזיכט האט פערשפּראָכען, אָבער ער האט גאָר ניט געענטפערט, ער האט פערקלעבט דעם בריעף, וואס ער האט איצט געשריבען און האט איהם איבערגעגעבען צו דזשאָזעף, ער זאָל איהם אוועגשיקען.

ווען מיר זיינען געבליבען אליין, האט זיך מיין פאטער אויפגעהויבען און געזאָגט:

— מיין טהייערער ארמאנד, איך וויל מיט דיר רעדען וועגען זעהר א וויכטיגע זאך.

— איך הער, פאטער.

— פערשפּרעכסטו מיר צו זיין אָפענהערציג.

— איך בין אימער אזוי.

— איז דאס אמת, אז דוא לעבסט מיט א פרוי, וואס רופט זיך מארגעריט גאטיע?

— יא.

— ווייסטו, וואס זיא איז געוועזען?

— א דירנע.

— איז דאס צוליעב איהר, וואס דוא האסט היינטיגס יאָהר פערנאכלעסיגט אבצוגעבען דיין געוואוינליכען וויזיט צו מיר און צו דיין שוועסטער?

— יא, פאטער, איך מוז עס געשטעהן.

— האסטו אזוי שטארק ליעב דיזע פרוי?

— דער בעסטער בעוויז איז, וואס צוליעב איהר האב איך פערנאכלעסיגט אזא היילינע פפליכט, פאר וואס איך בעט ביי דיר אום פערצייהונג.

וויא עס האט געשיינט, האט מיין פאטער ניט ער־ווארטעט אזא אפענעם ענטפער, ווייל ער האט זיך א ווײלע פערטראכט און דערנאך געזאגט:

— דוא דענקסט דאך ניט אימער אזוי צו לעבען?

— איך פירכטע אז איך וועל ניט קענען, אבער גע־דענקט האב איך אנדערש.

— וואהרשיינליך, וויסטו, האט מיין פאטער פארט־געזעצט אין א שטרענגערען טאן, אז איך וועל אזא אויפ־פיהרונג ניט ערלויבען.

— כל זמן איך טהו ניט אזא זאך, וואס זאל פער־שמירען דיין שעהנעם נאמען און דיא עהרע פון אונזער פאמיליע, האב איך געדענקט, אז איך קען לעבען אזוי, וויא איך וויל; און דיזער געדאנק האט אייניגערמאסען בערוהיגט מיין פורכט.

איך בין געוועזן גרויט צו קעמפען זאגאר געגען פאטער, אום ניט צו פערלירען מארגעריט.

— איצט איז דיא צייט פאר דיר געקומען, דוא זאלסט פיהרען אן אנדער ארט לעבען.

— פאר וואס, פאטער?

— ווייל דוא ביזט פארטיג צו טהאן געוויסע זאכען, וועלכע זיינען דערוויעדער דעם כבוד, וואס דוא לעגסט אויף דיין פאמיליע.

איך פערשטעה ניט, וואס דוא מיינסט.

איך וויל דיר ערקלערען. דאס, וואס דוא האסט א געליעבטע, איז נאך ניט אזוי שלעכט און דאס, וואס דוא צאהלסט איהר, איז גאנץ פיין, אבער דאס, וואס צו ליעב איהר פערגעסטו דיינע הייליגע פפליכטען און דוא ערלויבסט, אז דיא נייעס פון דיין שענדליכע אויפפיהרונג זאל דערגרויכען צו דיין געבורטס־שטאדט און פערפלעקען

דעם שעהנעם נאָמען, וואָס איך האָב דיר געגעבען, דאָס קען איך ניט און וועל ניט דערלאָזען.

— ערלויב מיר, פאָטער, צו זאָגען דיר, אז דיא, וואָס האָבען פערשפּרייט דיא שלעכטע קלאַנגען וועגען מיר, זיינען געוועזן שלעכט אונטעררריכטעט. עס איז אמת, אז איך ליעב פריילײן גאָטיע און לעב מיט איהר, אָבער איך ערלויב איהר ניט צו טראָגען דיין און מיין נאָמען. דאָס געלד, וואָס איך גיעב אויס אויף איהר, שטייגען ניט איבער מיינע מיטלען. אין חובות בין איך ניט פערקראָכען און איך זעה ניט איין, אז דוא זאָלסט מיך קענען אין עפּעס בעשולדיגען.

— א פאָטער איז שטענדיג בערעכטיגט ניט צו דער־לאָזען זיין קינד הערראָבנעהמען זיך אויפ'ן שלעכטען וועג. דוא האָסט נאָך דערוייל קיין שלעכטעס געטהאָן, אָבער דוא ביזט שוין ניט ווייט דערפון.

— פאָטער!

— איך קען דאס לעבען בעסער, וויא דוא. נאָר ריינע און אָרדענטליכע פרויען קענען האָבען ריינע געפיהלען. דוא מוזט פערלאָזען דיין געליעבטע.

— עס טהוט מיר לייד, וואָס איך קען דיר ניט פאָל־גען, פאָטער; עס איז אונמעגליך.

— איך וועל דיך צווינגען.

— ליידער, פאָטער, עקסיסטירט שוין מעהר ניט דיא אינזעל סט. מאַרגעריט, וואוהין מען פלעגט פערשיקען דירנען; און אפילו ווען מען וואָלט נאָך אהין פערשיקט, וואָלט איך מיט איהר מיטגעגאַנגען. איך קען ניט העל־פען, מעגליך, אז דאָס איז שלעכט פון מיין זייט, אָבער איך קען אָהן דעם מיידעל ניט לעבען.

— ארמאנד, עפען דיינע אויגען, און דערקען דיין פאָטער, וואָס האט דיך שטענדיג ליעב געהאט און זוכט

נאָר דיין גליק. איז דאָס ניט אַ שאַנדע פאַר דיר צו זיין אַ געליעבטער פון אַ מיידעל, וועלכער האָט געקענט זיין געליעבט פון יעדען, ווער עס האט געצאָהלט?

— וואָס געהט דאס מיר אָן, פאָטער, אבי זיא געהערט שוין מעהר צו קיינעם? וואָס אַרט מיר, וואָס זיא איז געוועזן, אבי זיא האט מיך ליעב און איז פון איהר ליעבע צו מיר און פון מיינע צו איהר געוואָרען אָרדענטליך?

— דענקסטו, אז דאס איז דיא מיסיאָן פון א מאַן פון עהרע צו בעקעהרען דירנען? דענקסטו, אז מיר זיינען בעשאַפען געוואָרען צוליעב אזא נארישע זאַך? וואָס וועט זיין דער סוף דערפון? און וואס וועסטו אליין דענקען פון דעם, וואָס דוא טהוסט איצט, ווען דוא וועסט ווערען עלטער? דוא וועסט לאַכען פון דיין ליעבע, אויב דוא וועסט קענען לאַכען און אויב עס וועט ניט איבערלאזען א צו טיעפען צייכען אויף דיין גאנצען לעבען. וואָס וואָלט איצט געוועזן פון דיר, ווען איך, דיין פאָטער, וואָלט זיך אויך איבערגעגעבען יעדע ליידענשאַפט אנשטאט צו פיהרען אן אָרדענטליכען לעבען, וויא איך האב געפיהרט. בעדענק זיך, ארמאנד, און רעד ניט מעהר אזעלכע נאַרעשקייטען. זאָג מיר צו, אז דוא וועסט פערלאָזען דיזע פרוי, דיין פאָטער בעט דיך.

איך האָב ניט געענטפערט.

— ארמאנד, האט מיין פאָטער פאָרטגעזעצט, אין נאָמען פון דיין פערשטאָרבענער מוטער בעט איך דיר צו פערלאָזען דיזען וועג פון לעבען. דוא ביזט איצט צו איהר צוגעבונדען, אָבער דוא וועסט איהר פערגעסען גיכער, וויא דוא דענקסט. דוא ביזט אלט פיער און צוואנציג יאָהר. דענק פון דיין צוקונפט. דוא קענסט ניט ליעבען שטענדיג דיזע פרוי. זיא וועט דיך אויך ניט ליעבען אימער. איהר

מאכטביידע פון אייער ליעבע א צו גרויסען וועזען. דוא שליעסט זיך אויס פון יעדע קאריערע, נאך איין טריט און דוא וועסט שוין מעהר ניט קענען פערלאזען דעם וועג, אויף וועלכען דוא געהסט, און דיין גאנץ לעבען וועסטו בערייהען דיין יוגענד, וואס דיר וועט געהן פערלארען. פערלאז פאריז און פערברענג א מאנאט אדער צוויי מיט דיין שוועסטער. דיא ליעבע פון דיין פאמיליע וועט דיך אין גיכען אויסהיילען פון דיזען פיעבער, ווייל דאס איז ניט מעהר וויא א פיעבער. און דיין געליעבטע וועט זיך דער־וויל טרייסטען און וועט געפינען אן אנדערן. דאן, ווען דוא וועסט אויסגעפינען, פון וועמעס וועגען דוא האסט זיך שיעור צוקריעגט מיט'ן פאטער, וועסטו מיר זאגען, אז איך האב גערעכט, וואס איך האב דיך פון איהר אוועג־גענומען און דוא וועסט מיר דאנקען, פאר וואס איך האב דאס געטהאן. און דאריבער גלויב איך, ארמאנד, אז דוא וועסט אוועגפאהרען פון דאנען צוזאמען מיט מיר.

איך האב געפיהלט, אז מיין פאטער איז גערעכט אזוי ווייט, וויא עס אנבעלאנגט אנדערע פרויען, אבער אין בעצוג צו מארגעריט איז ער אונגערעכט. נאר דיא לעצטע ווערטער האט ער הערויסגערעדט מיט אזא רחמנות'דיג קול, אז איך האב איהם ניט געקענט ענטפערן.

— נו? האט ער ווייטער געפרעגט מיט געפיהל.

— פאטער, איך קען דיר גאר ניט פערשפרעכען, האב איך ענדליך געענטפערט. גלויב מיר, אז דוא ביזט ניט גערעכט, מארגעריט איז ניט אזוי שלעכט, וויא דוא שטעלסט זיך פאר. דיזע ליעבע אנשטאט צו פיהרען מיך צו שלעכטעס, ענטוויקעלט אין מיר עדעלע געפיהלען. וואהרע ליעבע מאכט א מאן אימער בעסער, עס מאכט ניט אויס ווער דיא פרוי איז, וואס רופט אין איהם הערויס דיא ליעבע. ווען דוא זאלסט קענען מארגעריט, וואלסטו

צוגעגעבען, אז איך בין ניט אין געפאהר, דען זיא איז אזוי עדעלגעזאָנען, וויא דיא עדעלסטע פון פרויען. אנדערע פון איהר קלאס זיינען זעהר גייציג, אָבער זיא דענקט קיין מאָל ניט פון זיך.

— נאָר דאָך האלט דאס איהר ניט אָב פון צו צו־נעהמען פון דיר דיין גאנצען פערמעגען, ווייל דיא זעכציג טויזענד פראנק, וואָס דוא האָסט גע׳ירש׳עט פון דיין מוטער, און וואָס דוא ווילסט איבערשרייבען אויף איהר, זיינען דיין גאנצער פערמעגען. איך זאָג דיר נאָך א מאָל און איך פערלאנג, דוא זאָלסט דיא ווערטער גוט הערייג־נעהמען אין זינען.

וויא עס שיינט, האט דער פאָטער בעשלאָסען צו האנדלען מיט בייזען. נאָר פאר מיר איז געוועזן לייכטער צו שטעלען זיך געגען זיינע דראָהונגען, אלס געגען זיין בעטען.

— ווער האט דיר געזאָגט, אז איך וויל אויף איהר איבערשרייבען מיין פערמעגען? האב איך געפרעגט.

— מיין אדוואָקאט. האָסטו דען געדענקט, אז אן אָרדענטליכער מאַן וועט טהאָן אזא זאך און ניט לאָזען מיר וויסען פריהער? איך בין געקומען אהער, אום ניט צו דערלאָזען דיר צו רואינירען זיך פאר דיזעס מיידעל. ווען דיין מוטער איז געשטאָרבען, האט זיא דיר גענוג איבער־געלאָזט צו לעבען אָרדענטליך, אָבער ניט גענוג אויף צו פערשווענדען אויף דיינע געליעבטע.

— גלויב מיר, פאָטער, אז מארגעריט האָט ניט גע־וואוסט פון מיינע אבזיכטען.

— פאר וואָס זשע האָסטו געוואָלט איבערשרייבען אויף איהר דיין געלד?

— ווייל דיזע פרוי, וועלכע דוא בע׳נבל׳סט אזוי און וועלכע דוא ווילסט אז איך זאָל אוועגוואַרפען, האָט גע־

אָפּפערט אַלעס, וואָס זיא האט פערמאָגט, אום צו לעבען מיט מיר.

— און דוא נעהמסט אָן אזא אָפּפער? שעמסטו זיך ניט צו ערלויבען אזא פרוי, וויא מארגעריט גאָטיע, עפּעס צו אָפּפערן פאר דיר? קום, זאָל זיין גענוג, דוא מוזט פערלאָזען דיזע פרוי. א פּאָר מינוט האב איך געבעטען, איצט בעפעהל איך דיר. איך וועל ניט דערלאָזען אזא שענדליכע אויפפיהרונג אין מיין פאמיליע. הייס איינפּאַקען דיינע זאַכען און מאך זיך פערטיג צו פערלאָזען דיא שטאָדט גלייך מיט מיר.

— פערצייהע, פאָטער, איך וועל ניט פאָהרען.

— פאר וואָס?

— ווייל איך בין אלט גענוג ניט צו פאָלגען א בע־פעהל.

מיין פאָטער איז ביי דיזען ענטפער בלייך געוואָרען.

— זעהר גוט, מיין הערר; איצט וויים איך, וואָס איך האב צו טהאָן.

ער האט א קלונג געטהאָן און דזשאָזעף איז הערייַן.

— נעהם פיהר איבער מיינע פּעק צום האָטעל „פּאַ־ריז", האט ער געזאָגט צו מיין דיענער. דערנאך איז ער הערייַן אין מיין שלאָף־צימער און האט זיך אָנגעקליידעט.

ווען ער איז הערויסגעגאַנגען פון מיין שלאָף־צימער, בין איך צו איהם צוגעגאַנגען און האָב געזאָגט:

— זאָג מיר צו, פאָטער, אז דוא וועסט ניט טהאָן קיין זאך, וואָס וועט פערארורזאכען ליידען מארגעריט.

מיין פאָטער האט זיך אָבגעשטעלט, האָט א וואָרף געטהאָן אויף מיך א פעראַכטליכען בליק און שארף גע־ענטפערט:

— איך גלויב, אז דוא ביזט הערראָב פון זינען.

ער איז הערויס און האט א קלאפ געטהאן מיט ד'ער טהיר מיט'ן גאנצען כח.

איך האב באלד פערלאזען מיין וואוינונג, האב גע־נומען א קארעטע און בין אוועגגעפאהרען צו מאר־געריט.

זיא איז געזעסען ביים פענסטער און געווארט אויף מיך.

איין און צוואנציגסטעס קאפיטעל.

ענדליך, האט זיא אויסגעשריען, הערומ־נעהמענדיג מיך, וויא בלייך דוא ביזט!

איך האב איהר דערצעהלט דיא סצענע, וואס איז פארגעקומען צווישען מיר און מיין פאטער.

— גוטער גאט! איך האב וועגען דעם געטראכט, האט זיא געענטפערט. ווען דיין דיענער האט געבראכט דיא נייעס, אז דיין פאטער איז געקומען, האט מיר מיין הערץ א צופ געטהאן, וויא איך וואלט געהערט, אז עפעס אן אונגליק דארף טרעפען. ארימער פריינד! דאס בין איך, וואס פעראורזאך דיר אזוי פיעל קלעמענים. פיעלייכט וואלט געווען בעסער פאר דיר צו פערלאזען מיך, איידער צו צוקריעגען זיך מיט דיין פאטער. דאך האב איך איהם קיין שלעכטעס געטהאן. מיר לעבען זעהר רוהיג און שפעטער וועלען מיר לעבען נאך רוהיגער. ער וויס גאנץ גוט, אז דוא האסט א מאטרעסע און ער דארף זיין צופריעדען, וואס דיא מאטרעסע בין איך, ווייל איך ליעב דיך און פערלאנג פון דיר ניט מעהר, פיעל דוא קענסט דערוויזען. האסטו איהם דערצעהלט, וואס פאר א פלאן דוא האסט פאר דער צוקונפט?

— יא, און דאָס האט איהם אויפגעבראכט נאָך מעהר ווי אלעס, ווייל ער האט אין דעם געזעהן דעם בעסטען בעוויז, וויא ליעב מיר האָבען איינער דעם אנדערן.

— וואס דארפען מיר איצט טהאָן?

— מיר מוזען בלייבען צוזאמען, טהייערע מארגעריט, און איבערוואַרטען, ביז דער שטורם וועט איבערגעהן.

— וועט ער אָבער איבערגעהן?

— ער מוז איבערגעהן.

— אָבער וועט דיין פאָטער בלייבען רוהיג?

— וואָס דענקסטו וועט ער טהאָן?

— וואָס וויים איך? א פאָטער קען אלסדינג טהאָן צו מאכען זיין זוהן געהאָרכזאם. ער וועט דיר דערמאָנען מיין פערגאנגענהייט און פיעלייכט נאָך אויסטראַכטען עפּעס א נייע געשיכטע וועגען מיר, כדי דוא זאָלסט מיך פערלאָזען.

— דוא ווייסט, אז איך ליעב דיך?

— יא, אָבער איך וויים אויך, אז פריהער אָדער שפּעטער וועסטו מוזען פאָלגען דיין פאָטער און פיעלייכט וועסטו איהם ענדליך ערלויבען דיך איבערצורעדען.

— ניין, מארגעריט; איבעררעדען וועל איך איהם. ער איז איצט זעהר אויפגעבראכט, ווייל איינעגע פריינד זיינע האָבען איהם אָנדערצעהלט געוויסע געשיכטעס וועגען מיר, אָבער ער איז פריינדליך, רעכטליך און ער וועט זיך אָבזאָגען פון דעם ערסטען איינדרוק. איבריגענס, וואָס געהט דאָס מיר אָן?

— זאָג דאָס ניט, ארמאנד; איך וואָלט בעסער וועלען ניט זיין דיא אורזאכע פון דיין קריעג מיט דיין פאמיליע. פערבלייב היינט דאָ און מאָרגען פאָהר נאָך פּאריז. דיין פאָטער וועט דערווייל צ״ט האָבען צו בעטראַכטען זיך און דוא אויך. און פיעלייכט וועט איהר

מארגעז בעסער פערשטעהן איינער דעם צווייטען. זעה ניט צו בעריהרען דיינע פרינציפען; מאך זיך, אז דוא גיעסט איהם נאך א פאר זאכען; זעה, אז עס זאל אויסקומען, אז דוא ביזט ניט אזוי שטארק פערליעבט אין מיך, און ער וועט זיך ניט שטארק קימערן וועגען דעם. זיי ניט מוטהלאז, מיין פריינד, און זיי זיכער, אז וואס ער זאל ניט טרעפען, דיין מארגעריט וועט דיך קיין מאל ניט פערלאזען.

— דוא שווערסט מיר?

— דארף איך שווערן?

וויא גרויס איז דער פערגעניגען צו לאזען זיך איבערציינגען פון דעם קול פון א פרוי, וועלכע מען ליעבט! מארגעריט און איך האבען פערבראכט דעם גאנצען טאג אין רעדען איבער אונזערע פראיעקטען, אזוי וויא מיר וואלטען געוואוסט, אז עס איז נויטהיג זיי אויסצופיהרען אזוי גיך, וויא מעגליך. מיר האבען יעדען מאמענט ערווארטעט, אז עפעס זאל געשעהן, נאר צום גליק איז דער טאג העריבער אהן א שום צופאל.

— אויף מארגען צעהן אוהר פריה בין איך אוועגגעפאהרען נאך פאריז און הערום צוועלף בין איך געוועזען אין האטעל.

דעם פאטער האב איך שוין ניט געטראפען.

איך בין אוועג צו מיין וואוינונג, וואו איך האב גערעכנט צו טרעפען איהם, אבער ער איז דא ניט געוועזען. איך האב געמאכט א וויזיט מיין אדוואקאט און ער איז דארט אויך ניט געוועזען.

איך האב זיך אומגעקעהרט צוריק אין האטעל און האב געווארט ביז זעקס אוהר, אבער איך האב זיך אויף איהם ניט דערווארט.

איך בין אוועגגעפאהרען צוריק צו מארגעריט.

איך האב מארגעריט געטראפען זיצען ביים פייער. זיא איז געוועזען אזוי פערטראכט, אז זיא האט ניט געהערט, וויא איך בין הערייננעקומען, און האט זיך ניט אומגעקוקט. ווען איך האב איהר א קוש געטהאן אין שטערן, איז זיא אויפגעשפרונגען, וויא פון שלאף.

— דוא האסט מיך איבערגעשראקען, האט זיא געזאגט, האסטו געזעהן דיין פאטער?

— ניין, איך וויים ניט, וואס דאס איז, איך האב איהם ערגעץ ניט געקענט געפינען.

— פרוב ווידער א מאל און זעה מארגען.

— איך דענק בעסער צוווארטען, ביז ער וועט שיקען נאך מיך, איך האב געטהאן אלעס, וואס איך האב געקענט.

— ניין, מיין פריינד, דאס איז נאך ניט גענוג, איבערהויפט מארגען מוזט דוא איהם נאך א מאל זעהן.

— פאר וואס עפעס דוקא מארגען?

— ווייל דאס וועט מאכען א בעסערן איינדרוק אויף איהם, האט מארגעריט געזאגט און איז רויטה געווארען.

— דעם גאנצען טאג איז מארגעריט געוועזען שטארק צוטראגען און פערזארגט, נאר, זיא האט עס אלעס ערקלערט מיט איהר זארגען וועגען אונזער צוקונפט. דיא נאכט האב איך פערבראכט אין איין בערוהיגען איהר און גאנץ פריה האט זיא מיך אוועג־געשיקט.

מיין פאטער האב איך ווייטער ניט געטראפען, נאר ער האט מיר איבערגעלאזט פאלגענדען בריעף:

„אויב דוא וועסט היינט צו מיר קומען, ווארט אויף בין פיער אוהר. און אויב איך וועל צו יענער צייט ניט זיין, קום מארגען צו מיר אויף מיטאג. איך וויל מיט דיר ריידען“.

איך האב געווארט ביז פיער אוהר, נאר אזוי וויא דער

פאָטער איז ניט געקומען, האב איך זיך צוריקגעקעהרט צו מארגעריט.

נעכטען איז זיא געווען טרויעריג, היינט האט זיא גע־האט היץ און איז געווען שטארק אויפגערעגט. ביי מיין הערייגקומען האט זיא זיך מיר געוואָרפען אויפ'ן האלז און איז א היבשע צייט געבליבען ליגען אין מיינע ארמס, וויינענדיג.

איך האָב איהר געפרעגט, וואס בעדייט עס, נאָר זיא האט מיר ניט געגעבען א גענינענדע אנטוואָרט, כאָטשע געגעבען האט זיא הונדערטע תירוצים.

נאכדעם וויא זיא האט זיך אביסעל בערוהיגט האָב איך איהר בעקאַנט געמאכט דאס רעזולטאַט פון מיין רייזע און האָב איהר געוויזען מיין פאָטערס בריעף, און האָב אויפמערקזאם געמאכט, אז אונזערע אויסזיכטען שיינען צו ווערען בעסער.

דערזעהענדיג דעם בריעף האט זיא זיך שטארק צר־וויינט. איך האָב הערייגערופען נאנין און מיר ביידע האָ־בען איהר הערייינגעלייגט אין בעט. מארגעריט האט מיר דיא גאַנצע צייט געהאלטען ביי דיא הענד און האט זייא געקוסט און געוויינט.

איך האָב געפרעגט נאנין, צו איהר ווירטהין האט געסטערן בעקומען עפּעס א בריעף אדער צו איז יעמאַנד געווען ביי איהר מיט א וויזיט. נאנין האט געענטפערט: „ניין", נאָר איך בין געווען זיכער, אז עפּעס האט געמוזט געשעהן

ביי נאַכט, ווען זיא האט זיך עטוואס בערוהיגט, האָב איך איהר געפרעגט, וואס דאס אלעס בעדייט, נאָר איך האָב פון איהר קיין ריכטיגען ענטפער ניט בעקומען. זיא האט געהאלטען אין איין פערזיכערן מיך, אז זיא האָט מיך ליעב, האט זיך געמאַטערט א שמייכעל טהאָן, נאָר דאס

האט איהר ניט געלונגען. ענדליך איז זיא נאך דיא לעצטע צוויי שלאפלאזע נעכט איינגעשלאפען.

ווען זיא האט ערוואכט איז שוין געוועזען עלף אוהר.

— ווען פאהרסטו נאך פאריז? האט זיא מיך געפרעגט.

— פיער אוהר.

— ועסטו פערבלייבען מיט מיר ביז דאמאלס?

— געוויס; וויא דען אנדערש?

— קום עססען, האט זיא געזאגט פערטראכט.

— וויא דיר איז אנגענעהם.

— דוא זאלסט מיך פיעל קוסען פאר דיין געהן.

— יא, איך וועל זעהן קומען וואס ניכער.

— ועסטו קומען ניך צוריק?

— געוויס.

— גוט; דוא וועסט קומען צוריק אבענד-צייט און וועסט מיך ליעב האבען וויא אימער, און מיר וועלען זיין גליקליך וויא אימער.

יעדעס ווארט האט זיא הערויסגערעדט היסטעריש; זיא האט געשיינט צו בעהאלטען א טרויריגען געדאנק, און איך האב מורא געקראגען, אז זיא וועט הערייננפאלען אין היץ.

— הער מיך אויס, האב איך געזאגט, דוא ביזט קראנק און איך קען דיך ניט איבערלאזען, איך וועל שרייבען צום פאטער, אז ער זאל מיך היינט ניט ערווארטען.

— ניין, ניין! האט זיא אויסגעשריען. דיין פאטער וועט ווידער דענקען, אז איך לאז דיך ניט צו איהם. איך בין געזונד און דוא מוזט געהן.

זיא האט זיך געמאטערט אנצונעהמען א פריילינען בליק און האט זיך געוואלט וויזען פריילינער. ווען עס איז געווארען צייט צו געהן. האט זיא און נאנץ מיך בע־גלייט. א פאר מאל האב איך איהר געבעטען, זיא זאל

מיר ערלויבען צו פערבלייבען, נאר זיא האט דערפון ניט געוואלט הערען און דענקען.

אנקומענדיק אין פאריז, בין איך אוועק צו פרודאנס, אום איהר צו בעטען, זיא זאל פאהרען צו מארגעריט און מאכען איהר א ביסעל פריילאכער. איך האב איהר געטראפען ביים אנטהאן זיך.

— איז מארגאריט אויך מיט אייך? האט זיא געפרעגט אונרוהיג.

— ניין.

— וואס מאכט זיא?

— ניט געזונד.

— וועט זיא דען ניט קומען?

— האט איהר דען ערווארטעט איהר קומען?

זיא איז רויטה געווארען און האט געענטפערט שטאמלענדיג:

— איך האב געדענקט, אז זיא וועט קומען, ווייל איהר זייט דא.

איך האב א קוק געטהאן אויף פרודאנס; זיא האט הערראבגעלאזט דיא אויגען און איך האב פערשטאנען, אז זיא וויל, איך זאל אוועג-געהן.

— איך האב געוואלט, איהר זאלט פאהרען צו איהר און איהר זאלט דארט נעכטיגען, איך האב מורא, זיא זאל ניט קראנק ווערען.

— אונמעגליך; איך בין איינגעלאדען צו א מיטאג, נאר מארגען וועל איך צו איהר קומען.

ווען איך האב איהר פערלאזט, האט זיא געשיינט צו זיין אזוי צוטראגט, וויא מארגעריט.

מיין פאטער האט מיר ביי מיין הערייינקומען אויסגעשטרעקט דיא האנד:

— דיינע וויזיטען האבען מיך זעהר געפרייט ארמאנד.

איך האָב, אז דוא האסט געדענקט איבער דער זאכע, אזוי וויא איך האב געטהאן.

— קענסטו מיר זאָגען, פאָטער, צו וואס פאר א שלום דוא ביזט געקומען?

— מיין טהייערער זוהן, נאך א לאנגען נאכדענקען, האב איך אויסגעפונען, אז עס איז ניט אזוי שלעכט וויא איך האב זיך פאָרגעשטעלט, און איך האב זיך פארגע־נומען ניט צו זיין אזוי שטרענג.

— וואס רעדסטו, פאָטער? האב איך אויסגעשריען אויסער זיך פאר שמחה.

— איך וועל דיר זאָגען דיא וואָרהייט, איך בין צו־פריעדען, וואס דיין געליעבטע איז מאדמואזעל גאָטיע און ניט קיין אנדערע.

מיין פאָטער איז געווען זעהר פריינדליך צו מיר און האט מיך געוואָלט פערהאלטען אויף איבער נאכט, נאר איך האב ניט איינגעווילינגט, ערקלערענדיג דעם פאָטער, אז מארגעריט איז זעהר קראנק און איך האב איהם פער־שפראָכען מארגען פריה וויעדער קומען צו איהם.

דאס וועטער איז געווען זעהר שעהן און דער פאָטער האט מיך בעגלייט ביז צו דער סטאנציאָן. דאָרטען האט ער מיך וויעדער געוואָלט פערהאלטען אויף איבער נאכט, נאר איך האב דערפון ניט געוואלט הערען.

— ביזטו דענן אזוי שטארק פערליעבט אין איהר?

— וויא א וואהנזיניגער.

— פאָהר! האט דער פאָטער געזאָגט און האט א פיהר געטהאן מיט דער האנד איבער'ן שטערן, וויא ער וואָלט וועלען פערטרייבען א שלעכטען געדאנק. ער האט געעפענט דיא ליפען און האט מיר עפעס געוואָלט זאגען, נאר ער האט זיך איינגעהאלטען. ענדליך האט ער געזאגט:

— מארגען פריה זאלסטו צו מיר קומען, איך וויל דיך זעהן.

צוויי און צוואנציגסטעס קאפיטעל.

מיר האט געדוכט אז דער צוג ריהרט זיך ניט פון ארט. עס איז געווען עלף אוהר, ווען איך בין אנגעקומען. אויף מיין קלינגען איז קיינער ניט הערויסגעקומען. דאס האט מיר געטראפען דאס ערסטע מאל. ענדליך האט מיר דער גערטנער געעפענט.

נאכין איז מיר ענטקעגען הערויס מיט א ליכט, און איך בין הערייז אין מארגעריט'ס צימער.

— וואו איז דיא ווירטהין? האב איך איהר געפרעגט?

— זיא איז אוועקגעפאהרען אין פאריז.

— ווען?

— א שטונדע נאך אייער אבפאהרען.

— האט זיא עפעס געהייסען מיר זאגען?

— ניין.

נאכין האט פערלאזט דאס צימער.

אין זיא מיר דען נאכגעפאהרען צו זעהן, אויב איך בין ביי מיין פאטער? פיעלייכט האט זיא גערענקט, אז איך האב געוואלט פארברענגען א טאג אהן איהר? פיעלייכט האט איהר פרודאנס געשריעבען, אז זיא דארף איהר נויטהיג האבען! נאר איך האב איהר דאך געזעהן, און זיא האט מיר נאר ניט געזאגט. פלוצים האב איך זיך דערמאנט, וויא פרודאס האט מיך געפרעגט, צו מארגעריט קומט, און אז מארגעריט האט פאר מיין אבפאהרען ביי טאג געוויינט. יעדע זאך איז מיר יעצט געווארען פערדעכטיג זאגאר מיין פאטער'ס גוטסקייט.

מארגעריט האט דורכאויס פערלאנגט, אז איך זאל פאהרען אין פאריז, זיא האט זיך געמאכט געזונד, ווען איך האב דיא רייזע געוואלט אבלעגען. האט זיא מיר דענן דיא גאנצע צייט גענארט? האט זיא גערעכענט צו קומען צוריק, נאך איידער איך וועל זיך צוריקקעהרען? פאר וואס

האט דא גאָר ניט געזאָגט נאנין? פאר וואָס האָט זיא מיר ניט איבערגעלאָזט א בריעף? וואָס האבען בעדייטעט איהרע טרעהרען?

דיזע פראגען האָב איך זיך געשטעלט, זיצענדיג אין ליידינגען צימער און קוקענדיג אויפ'ן זייגער, וועלכער האט מיר געזאָגט, אז עס איז שוין נאָך האלבע נאכט, און מארגעריט וועט שוין ניט צוריקקומען.

פרודאנס האָט איהר געמוזט שרייבען, אז זיא האָט אבגעזוכט א קויפער אויף איהרע מעבעל. זיא וועט וואָר-שיינליך צוריקקומען, ווען זיא וועט ווערען פערטיג מיט'ן פערקויפען. איהרע טרעהרען האבען געצייגט. אז דאס הערץ טהוט איהר וויה, וואָס זיא דארף זיך שיידען מיט'ן מעבעל, טראָץ איהר ליעבע צו מיר.

דער געדאנק, אז זיא נארט מיך, האט מיך שוין לענ-גער ניט געקוועלט, איך האָב נאָר מורא געהאט, אז יע-מאנד וועט באלד אָנקומען און וועט מיר ברענגען א שלעכטע נאכריכט פון איהר, אז איהר האט געטראָפען עפּעס אן אונגליק. דיא צייט האָט זיך געצויגען זעהר לאנגזאם. דאס ליידיגע בעט האט אויף מיך געקוקט, וויא אן אָפּע-נער קבר, איך האָב זיך אָנגעהויבען שטארק צו שרעקען, נאָר אן אונגליק איז איהר געשעהן.

צוויי אוהר בין איך הערוים פון מיין צימער. אין צוויי-טען צימער איז געזעסען נאנין און איז געשלאָפען איבער איהר ארבייט. ביי מיין הערייננקומען, האט זיא זיך אויפגע-כאפּט און האט מיך געפרעגט, צו איהר ווירטהין איז שוין דאָ?

— ניין, איך פאָהר נאָך פאריז. אויב זיא וועט קומען, זאָג איהר, אז איך בין געוועזען אונרוהיג, און בין געפאָהרען איהר זוכען.

נאנין האָט מיך געפרובט צורעדען איך זאָל פערבליי-בען צוליעב דעם רעגען, נאָר איך האב איהר ניט געהערט.

אין דרויסען איז געװען שטארק פינסטער. איך בין גע-לאָפען אין רעגען, װיא א װאהנזיניגער. נאך א האלבע שטונדע לױפען האב איך זיך געמוזט אָבשטעלען, אום אָבצוכאַפּען דעם אָטהעם. א קארעטע איז פערביי מיר דורכגעלאָפען. דענקענדיג, אז דאס איז זיא, האב איך גע-נומען שרייען: „מארגעריט! מארגעריט!“ נאָר קײנער האט זיך אנגערופען און איך בין געגאנגען װײטער.

װען איך בין אָנגעקומען אין פאריז, האט דיא שטאָדט אויסגעזעהן, װיא טױדט. איך בין צוגעקומען צו מארגע-ריט׳ס פאריזער װאָהנונג און ניט פרעגענדיגד עם טהיר שלי-סער, צו מארגעריט איז דא, אוים פורכט, ער זאָל מיר ניט זאָגען קיין ליגען, בין איך איהם פערביינעגאנגען, װיא אַן אלטער בעקאנטער פון דיזען הױז, װאס האט געהאט א רעכט צו קומען פאר-טאָג און האב מיט׳ן שליסעל געעפענט. דיא טהיר און בין הערייננעקומען אין הויז. איך האב דורכגעזוכט אלע צימערן, קיינער איז ניט געװען, דאס בעט איז געװען ליידיג.

איך האב צוריק פערשלאָסען דיא טהיר און האב זיך געלאָזט געהן צו דער נאס.

— האט איהר היינט ניט געזעהן מאדמואזעל גאטיע? האב איך געפרעגט דעם טהיר-שליסער ביים הערויסגעהן.

— יא, זיא איז דא געװען מיט מאדאם פרודאנס און איז מיט איהר אװעג-געפאהרען אין א קארעטע.

װאס זאָל דאס בעדייטען?

איך בין צוגעגאנגען צו דיא צװייטע הויז, װאו פרו-דאנס האט געװאוינט און האָב אָנגעקלונגען.

— װעמען װילט איהר זעהן? האט מיך געפרעגט דער טהיר-שליסער.

— מאדאם דאװערנאָי.

— זיא איז יעצט ניטאָ צו-הויזע.

— זיינט איהר זיכער?

— געוויס; אט איז צו איהר א בריעף און זיא האט איהם נאך ניט ערהאלטען.

איך האב ניט ווילענדיג א קוק געטהאן אויפ'ן בריעף און ערקענט מארגאריט'ס. האנדשריפט. דער בריעף איז געוועזן אדרעסירט צו מיר אויף פרודאנס'ס נאמען.

— דער בריעף איז פאר מיר, האב איך געזאגט.

— א, יא, איך דערקען אייך. איהר זיינט געוועזן אן אפטער איינגעהער דא.

איך בין אין א רגע געוועזן אין גאס און האב געעפענט דעם בריעף.

ווען א דונער וואלט געפאלען נעבען מיר, וואלט איך ניט מעהר געוועזן ערשיטערט, וויא פון דעם אינהאלט פון דעם בריעף.

„ווען דוא וועסט לעזען דיזען בריעף, ארמאנד, וועל איך שוין געהערען צו אן אנדערן. צווישען אונז איז אלץ געענדיגט.

„קעהר זיך אום, מיין פריינד, צוריק צו דיין פאטער און צו דיין ארדענטליכע שוועסטער און פערגעס, וואס דאס פערלארענע מיידעל, מארגאריט, האט דיר פעראור־זאכט ליידען. דוא ביזט געוועזן גענוג פריינדליך צו ליעבען איהר א קורצע צייט און זיא וועט אויביג דיר בלייבען שולדיג פאר דיא איינציגע גליקליכע שטונדען אין איהר לעבען, וואס וועט לאנג שוין ניט דויערן.“

ביי דיא לעצטע ווערטער האב איך געדענקט, אז איך געה הערויס פון זינען. פאר דיא אויגען איז מיר געווארען דונקעל און דאס בלוט האט גענומען שפארען אין קאפ.

איך בין געוועזן צו שוואך, איך זאל קענען העריבער־טראגען דעם קלאפ, וואס מארגעריט האט מיר געגעבען און איך האב זיך געלאזט לויפען צום פאטער אין האטעל.

ער האט געלעזען, און איז ניט געוואָרען ערשטוינט ביים דערזעהן מיך. מען האט געקענט דענקען, אז ער האט מיך ערוואַרטעט.

איך האָב זיך איהם הערייגגעוואָרפען אין דיא אָרמס, אָהנע צו זאָגען א וואָרט, האָב איהם דערלאַנגט מארגע־ריט׳ס בריעף און, אנידערפאלענדיג אויף זיין בעט, האָב איך אויסגעבראָכען אין א ביטערען געוויין.

דריי און צוואַנציגסטער קאפיטעל.

מיעד און צובראָכען, וויא איך בין געוועזן, איז מיין פאָטער גרינג געלונגען איינצורעדען מיך, איך זאָל פאָה־רען מיט איהם א היים.

אויפ׳ן צווייטען טאג האט דער פאטער געזאגט צו מיר:

— זעהסט, האב איך ניט געהאט רעכט, ווען איך האָב געזאגט, אז אזעלכע פרויען קענען ניט ליעבען?

דיא גאנצע צייט אין דער היים האב איך שרעקליך געליטען, אפילו מיין שוועסטער האט מיך ניט געקענט טרייסטען. איין געדאנק האט מיך פערפאָלגט, אז איך מוז זעהן מארגעריט, און ווען א טאָג איז פערשוואונדען, האָב איך לעננער ניט געקענט אויסהאלטען און האָב דעם פאָטער געזאָגט, אז איך האָב זעהר נויטהיג צוליעב מיין געשעפט פאָהרען נאך פאריז.

מיין פאָטער האט פערשטאנען, וואָס עס ציהט מיך אין פאריז, נאָר זעהענדיג מיין אויפגערעגטען צושטאנד, האָט ער מיך לעננער ניט געזוכט צו פערהאלטען און האָט מיך מיט טרעהרען אין דיא אויגען געבעטען, איך זאָל באלד אומקעהרען זיך צוריק א היים.

דעם גאנצען וועג נאך פאריז, האָב איך ניט פערמאכט מיינע אויגען, איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך וועל טהאָן, נאָר איין זאך איז מיר געוועזן קלאָר, אז איך וועל זעהן מארגעריט.

אָנקומענדיג אין פּאריז, בין איך פערפאָהרען אין מיין אַלטען וואוינונג, האָב זיך געשווינד איבערגעטהאָן און בין אוועג אין די עליסער-פּעלדער. דאָרט האָב איך דער־זעהן איהר אמאָליגע קארעטע, נאָר זיא איז געוועזן ליידיג.

מארגעריט מיט א פריינדין, וועלכע איך האָב צום ערסטען מאָל געזעהן, האָבען שפּאצירט נים ווייט פון קא־רעטע. זיא האָט מיך דערזעהן און איז זעהר בלייך געוואָ־רען און א נערוועזיש שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהר געזיכט.

מיין הערץ האָט שטארק געקלאפּט, נאָר איך האָב עס נים הערויסגעוויזען און האָט זיך קאלט פערניינט.

וואָלט איך מארגעריט געטראָפען אין נויטה, וואָלט איך פון איהר ראכע גענומען מיט דעם, וואָס איך וואָלט איהר געהאָלפען, נאָר, וויא עס שיינט, לעבט זיא גליקליך און מיין ראכע האָט אָנגענומען אַן אנדער וועג.

איך בין אוועג צו פּרודאנס. העריינקומענדיג אין זאַל האָב איך דערהערט, וויא יעמאנד האט אין דער ניך פּער־לאָזט דאָס צווייטע צימער און האָט האסטיג פערמאכט די טהיר.

— שטער איך אייך פיעלייכט ? האָב איך געזאָגט צו פּרודאנס.

— ניין, מארגעריט איז דאָ געוועזן און וויא זיא האָט דערהערט אייער נאָמען, איז זיא אוועג געגאנגען.

— זיא שרעקט זיך פאר מיר ?

— ניין, נאָר זיא דענקט, אז פאר אייך וועט אזא בע־געגענים זיין אונאנגענעהם.

— אה, איך האב איהר שוין היינט בעגעגענט. זיא האט שפּאצירט מיט א צווייטע פריילין. ווער איז זיא ?

— אלימפּע, זיא איז א גאנץ שעהן מיידעל.

— מיט וועמען לעבט זיא ?

— מיט קיינעם און מיט יעדען.

— ניט מיר איהר אדרעס.

— צו וואס?

— עס קען ניט שאדען.

— און מארגעריט?

— איך וועל אייך ניט זאגען, אז איך האב איהר מעהר ניט ליעב, נאר זיא האט זיך מיט מיר אזוי שלעכט בע־גאנגען, אז איך בין געקומען צום שלום, דאס איך בין גע־ווען א גרויסער נאר אזוי שטארק איהר ליעב צו האבען.

— זיא האט אייך זעהר ליעב געהאט און איז שיער אין אונמאכט געפאלען, ווען זיא האט אייך בעגעגענט און זיא איז צו מיר געקומען, איך זאל אייך בעטען, איהר זאלט איהר פערצייהען.

— איך האב איהר פערצייהעט.

— זיא וועט זיין צופריעדען דערמיט. עס איז געווען שוין צייט, זיא זאל אייך אוועקווארפען. מען וואלט אלע איהרע זאכען אויספערקויפט.

— איז אלעס בעצאהלט.

— דער גראף נ.... האט כמעט אלץ בעצאהלט. אייערע זאכען זיינען ביי מיר, נאר א קליינעם פארטפעל אייערן האט מארגעריט צוגענומען און האלט עס ביי זיך אין צימער.

— זאל זיא עס האלטען, האב איך געזאגט, כמעט וויינענדיג.

ווען זיא זאל יעצט הערייגקומען, וואלט איך אין גאנ־צען פערגעסען אן מיין ראכע.

— איך דארף אייך זאגען, אז זיא איז קיין מאל ניט געווען אזוי וויא איצט, האט פרודאנס געזאגט; זיא געהט אויף יעדען באל און צו יעדען אבענד־ברויט. זיא טרינקט צופיעל וויין און שלאפט כמעט ניט. נאך איינעם פון דיא

בעלער איז זיא ניט לאנג אבגעלעגען א גאנצע וואך. ווערט איהר מאכען איהר א וויזיט?

— ניין, איך בין ניט מעהר איהר געליעבטער.

— עס פרייט מיך זעהר; איך האב אלעס געטהאן, אום צושטערען אייער ליעבע.

— איך דאנק אייך.

— מיט דיא ווערטער בין איך אוועגגעגאנגען און פער־שפראכען איהר וויעדער צו קומען.

דעם צווייטען אבענד נאך מיין קומען אין פאריז, בין איך געגאנגען אויף א באל, וואס אלימפּ האט געגעבען.

מארגאריט האט געטאנצט מיט גראף נ.. איך האב איהר קוים בעגריסט. באלד נאכ'ן קאדריל, בין איך צוגע־גאנגען צו אלימפּ און האב איהר אנגעפאנגען צו מאכען דעם האף. מיט א האלבע שטונדע שפּעטער האט מאר־גערים בלייך וויא דער טוידט פערלאזט דעם באל.

פיער און צוואנצינגסטעס קאפּיטעל.

דאס איז געוועזען אן אנפאנג.

פינף א זייגער פארטאג זיינען זיך דיא געסט צוגאנ־גען. איך האב דיא נאכט געוואונען אין קארטען דרייא הונדערט לואידערס. איך בין געבליבען דער לעצטער.

— איך וויל מיט אייך רעדען, האב איך זיך געווענדעט צו אלימפּ.

— וואס פערלאנגט איהר?

— איהר האט היינט פערלארען א סך געלד אין קארטען.

— מיין גאנצען פערמעגענס.

— איך וועל אייך איבערלאזען מיין גאנצען געווינס, אויב איהר ווערט מיר ערלויבען צו פערבלייבען היינט ביי אייך.

— וואס בעווענט אייך דערצו?

— מיין ליעבע צו אייך.

— ניין, אייער ליעבע געהערט צו מארגעריט. איהר ווילט ווערען מיין געליעבטער אוים ראכע צו איהר. איך בין צו שעהן און יונג, אום אנצונעהמען אזא פארשלאג.

דאך האט זיא דעם פארשלאג אנגענומען.

נאך האלבען טאג האב איך איהר צימער פערלאזען.

פון דעם טאג האב איך שרעקליך אנגעהויבען צו פערפאלגען מארגעריט מיט מיין שיינבארע ליעבע צו אלימפ זיא האט באלד מיט איהר זיך צוריסען און זיא האט אויסגעזעהן מיט יעדען טאג בלייכער און שוואכער. אלימפ האט געזוכט צו בעליידיגען איהר אויף יעדער שריט און טריט, נאר דאס האט איהר ניט בענינענט און האט אנגעהויבען שרייבען אנאנימע בריעף צו מארגעריט. מארגעריט האט זיך געהאלטען זעהר גוט; איך בין געוועזען וויא בעזויפט, נאר געליטען האב איך שרעקליך. איהר נוטעס האלטען זיך האט מיך נאך מעהר געערגערט. ווייל דאמיט האט זיא מיר געוויזען, אז זיא איז בעסער פון מיר. זיא פלעגט אונז זעהן אויסצומיידען, נאר איין מאל האט זיא געטראפען אלימפ אהן מיר און צווישען זיי איז פארגעקומען א העפטיגע סצענע. מארגעריט האט מען צוגענומען אן אהנמעכטיגע, נאר דאס איז ניט געוועזען גענוג. אלימפ האט פון מיר געפאדערט, איך זאל צו איהר שרייבען א בריעף און פאדערן פון איהר, זיא זאל רעספעקטירען מיין געליעבטע. איך האב איהר געשריבען א בריעף נאך א פיעל ערגערן, וויא אלימפ האט פערלאנגט. צוויי אוהר איז צו מיר פרודאנס געקומען און האט מיך געבעטען, איך זאל מארגעריט לאזען צורוה. איך האב איהר געענטפערט גאנץ גראב, און זיא האט מיך געבעטען, איך זאל הערייגקומען צו מארגעריט.

— אויב זיא וויל מיך זעהן, קען זיא קומען צו מיר, איך וועל צו איהר קיין מאל ניט געהן.

— ווענ איהר זיין אין דער היים? זיא וועט געוויס קומען.

מיט דיא ווערטער האט פרודאנס פערלאזט מיין צימער.

דעם גאנצען אבענד האב איך זיך קוים געהאלטען אויף דיא פיס פון אויפרעגונג. אין דיא צימערן איז געוועזען גוט ווארעם און האב מיין דיענער אוועגגעשיקט אויף א גאנצע נאכט.

ניין אוהר האט זיך דערהערט א קלונג. איך בין גע־גאנגען עפענען דיא טהיר, אין פאר־צימער איז געוועזען פינ־סטערלאך און איך האב זיך געמוזט האלטען אן וואנד, אום ניט צו פאלען.

מארגעריט געקליידעט אין שווארצען מיט א שלייער איבער'ן געזיכט איז הערייננעקומען און האט זיך געלאזט געהן צו מיר אין זאל, האט זיך העראבגעלאזט אויף א שטוהל און האט זיך צוואויינט.

— אט בין איך, ארמאנד, דוא האסט מיך געוואלט זעהן און איך בין געקומען.

— וואס איז דיר? האב איך געפרעגט.

— דוא האסט מיר געטהאן א סך שלעכטס, איך אבער האב דיר קיין מאל גאר ניט געטהאן, האט זיא גע־זאגט און איינגעהאלטען איהרע טרערען.

— קיין מאל? האב איך איבערגעפרעגט מיט א ביטערן שמייכעל.

— אומשטענדען האבען מיך געצוואונגען אזוי צו האנד־לען. איך בין איצט, ארמאנד, צו דיר געקומען בעטען דיר אום צוויי זאכען, ערסטענס, דיין פערצייהונג פאר אלימפ און צווייטענס דוא זאלסט מיך לאזען צורוה. איך דענק, וז דוא וועסט אויף מיך האבען מיטלייד און דוא וועסט

פערשטעהן, אז א מאן האט וויכטיגערע זאכען צו טהאן, וויא צו נעהמען ראכע, פון א פרוי, וואס איז אזוי עלענד און קראנק, וויא איך בין. נעהם מיין האנד, זעה, איך האב היץ, איך בין הערויס פון בעט, אום צו בעטען דיך, דוא זאלסט מיך ניט פערפאלגען.

איהר האנד האט געברענט און זיא אליין האט גע־ציטערט.

איך האב איהר צוגעפיהרט נעהענטער צום אייוועז און האב געזאגט:

— וויא אזוי האסטו מיר געקענט זיין אזוי פאלש, מארגעריט, ווען איך האב דיך אזוי שטארק געליעבט?

— לאמיר דערפון ניט ריידען, איך בעט דיר נאר, זיי ניט מיין פיינד. דוא האסט א שעהנע געליעבטע, זיי מיט איהר גליקליך און פערגעס מיך.

— און דוא ביזט גליקליך?

— זעה איך דען אויס, וויא א גליקליכע?

— דוא ביזט אליין שולדיג.

— ניין, מיין פריינד, אומשטענדען זיינען געוועזן שטאר־קער פון מיין ווילען. דוא וועסט א מאל אויסגעפינען, אז איך האב געהאנדעלט ניט וויא א דירנע.

— פאר וואס זאגסטו עס מיר ניט איצט?

— ווייל אונז וועט דאס ניט העלפען און דיך וואלט דאס געשיידט פון פריינד.

— ווער זיינען דיא פריינד?

— איך קען דיר דיא נעמען ניט זאגען.

— אויב אזוי, איז דאס א ליגען.

— מארגעריט האט זיך אנגעהויבען און געלאזט געהן צו דער טהיר.

איך האב ניט געקענט צוזעהן איהרע ליידען און האב איהר פערשטעלט דיא טהיר.

— איך וויל דיר ניט לאזען געהן.

— פאר וואס?

— ווייל ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דוא האסט מיר געטהאן, האב איך דיך ליעב און וויל דיך אנהאלטען דא.

— הער מיך אויס, דוא וועסט מיך מארגען פערטריי־בען, מיר קענען שוין מעהר איינער דעם צווייטען ניט גע־הערען און עס איז בעסער, דוא זאלסט מיך האסען איי־דער פעראכטען.

— ניין, מארגעריט. איך וועל אלעס פערגעסען און מיר וועלען זיין ווידער גליקליך.

זיא האט נאר געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— בין איך דען ניט דיין הונד? טהו מיט מיר, וואס דוא ווילסט, נעהם מיך, איך בין דיינע.

זיא האט הערונטערגעווארפען דעם מאנטעל און הוט און האט אנגעפאנגען פערנאנדערצושפיליען דיא קלייד. דער הוסט האט איהר געווארגען.

— זאל מען זאגען מיין קוטשער, ער זאל פאהרען א היים,

איך האב דאס אליין געטהאן.

ווען איך בין צוריק הערייננעקומען, איז זיא געלעגען ביים פייער און עס האט איהר געווארפען פון קעלט.

איך האב איהר אויסגעטהאן און הערייננעלעגט אין בעט, זיא איז געוועזען קאלט וויא אייז.

זיא האט קיין ווארט געזאגט, זיא האט נאר פערגע־ניגענד געשמייכעלט.

דער מארגען האט אונז געפונען ערוואכט.

א רגע האב איך געדענקט, אז איך קען פארגעסען. וואס עס האט פאסירט צווישען אונז צייט אונזער שיידען זיך און איך האב געזאגט:

זאלען מיר פיעליכט אוועג פון פאריז?

— ניין, ניין, האט זיא געענטפערט מיט שרעק, מיר וועלען זיין זעהר אונגליקליך. איך קען שוין דיר מעהר קיין גליק ניט פערשאפען, נאר כל זמן דער אטהעם וועט אין מיר אנהאלטען, וועל איך אימער שטעהן גרייט צו דיענען דיינע קאפריזען. ווען נאר דוא ועסט צו מיר קומען, סיי טאג סיי נאכט, וועל איך זיין דיינע; נאר פערקניפ ניט דיין שיקזאל מיט מיינעם.

זיא איז אוועג און איך בין געבליעבען ניעדערגעשלאגען פון דער איינזאמקייט, וואס האט מיך הערומגערינגעלט, צוויי שטונדען לאנג נאך איהר אוועגגעהן בין איך נאך געבליעבען זיצען אין בעט און געקוקט אויפ׳ן קישען, וואו איהר קאפ איז געלעגען און האב געפרגט זיך זעלבסט, וואס וועט זיין דיא ענדע פון מיין ליעבע און אייפערזוכט.

פינף אוהר בין איך אוועג צו מארגעריט. נאנין האט מיר געעפענט דיא טהיר.

— מיין ווירטהין קען אייך ניט עמפפאנגען, האט נאנין געזאגט שטאמלענדיג.

— פאר וואס ניט?

— ווייל דער גראף נ.... איז מיט איהר און איך האב א בעפעהל קיינעם ניט הערייןצולאזען.

איך בין אוועג א היים וויא א בערוישטער. מיר האט אלץ געדוכט, אז זיא האט מיך געמאכט צום נאר, און איצט וויעדערהאלט זיא דיא זעלבע ווערטער, וואס זיא האט מיר געזאגט ביי נאכט, צו דעם גראף. איך האב אנגעשריעבען א טשעק אויף פינף הונדערט פראנק און האב איהר אוועקגעשיקט צוזאמען מיט דיא פאלגענדע ווערטער.

„איהר זייט היינט אין דער פריה אוועג אזוי געשווינד, אז איך האב קיין צייט געהאט אייך צו בעצאהלען.

„דא ווערט איהר געפינען א טשעק פאר די לעצטע נאכט."

ווען איך האב דעם בריעף אוועגגעשיקט, בין איך הע־רויס פון מיין וואנונג, וויא איך וואלט אנטלאפען פו די געוויסענסביסען, וואס האט איך האב גלייך דערפיהלט.

איך בין אוועג צו אלימפ און האב איהר געטראפען אנמעסטען א קלייד. זיא האט געבעטען געלד און איך האב איהר געגעבען און אומגעקעהרט זיך צוריק א היים.

מארגעריט האט מיר אויף מיין בריעף ניט געענטפערט.

איך האב ניט געקענט איינזיצען.

האלב נאך זעקס האט מיר אן אונבעקאנטער הערייג־געטראגען מיין בריעף און דעם טשעק.

איך בין געשווינד אוועג צו מארגעריט.

— מאדמואזעל גאטיע איז מיט א האלבע שטונדע צוריק אבגעפאהרען נאך ענגלאנד, האט מיר דער טהיר־שליסער געזאגט.

איצט איז מיר מעהר ניט געבליבען צו טהאן אין פא־ריז, און איך האב ניט געוואוסט, וואס צו טהאן מיט זיך. מיינער א פריינד האט זיך געקליבען מאכען א רייזע נאך דעם אריענט און איך האב בעשלאסען צו פאהרען מיט איהם. דער פאטער האט מיר צוגעשיקט געלד און בריעף און מיר זיינען הערויסגעפאהרען.

אין אלעקסאנדריע האב איך פון א געזאנדטען, וועל־כען איך האב א מאל געטראפען ביי מארגעריט, ערפאה־רען, אז מארגעריט איז זעהר קראנק. איך האב איהר גע־שריבען א בריעף און אן ענטפער האב איך בעקומען אין אלאן. דעם ענטפער האט איהר שוין געלעזען.

איך האב זיך גלייך געלאזט פאהרען צוריק נאך פאריז און וואס נאכדעם איז געשעהן, ווייסט איהר שוין.

איצט פערבלייבט נאך איך צו לעזען נאך א פאר

זייטלאך, וואס דזשולי דופרא האט געשריבען און דאס וועט פערענדיגען דיא גאנצע ערצעהלונג.

פינף און צוואנציגסטעס קאפיטעל.

ארמאנד, מיעד פון זיין לאנגען ערצעהלען, האט מיר דערלאנגט מארגאריט'ס טאגע־בוך. מיט דיא הענד אי־בערן געזיכט איז ער שטיל איינגעשלאפען. איך האב גע־נומען לעזען דאס טאגע־בוך און איך גיב עס איבער ווארט פאר ווארט.

„היינט איז 15 דעצעמבער. שוין פיערטער טאג וויא איך בין קראנק. היינט קען איך זיך שוין ניט אויפהויבען פון מיין בעט. דאס וועטער איז טריב און איך בין זעהר טרויעריג. קיינער איז נעבען מיר ניטא. וואו ביזטו, אר־מאנד? דוא, וועמען איך האב צו פערדאנקען דיא איינ־ציגע שטונדען פון מיין לעבען.

„איך האב דיר געשריבען א בריעף, נאר א בריעף געשריעבען פון א פרוי, וויא איך, געפינט ווינציג צוטרוי, סיידען דער טוידט לעגט ארויף אויף איהם דעם זיעגעל פון ווארהייט.

„איך בין היינט קראנק און קען שטארבען פון דער קראנקהייט. מיין מוטער איז געשטארבען פון שווינדזוכט און דאס איז מיר פערבליבען דיא איינציגע ירושה. נאר פאר מיין טוידט מוז איך דיר דערצעהלען דיא ווארהייט פון מיין אויפפיהרונג. שיקען האב איך דיר געוואלט פאל־גענדען בריעף:

„דוא געדענקסט, ארמאנד, מיט וואס פאר א שרעק, איך האב ערהאלטען דיא נאכריכט, אז דיין פאטער איז געקומען נאך פאריז? דער שרעק איז נאך גרעסער גע־ווארען, ווען דוא האסט מיר דערצעהלט, וואס צווישען אייך איז פארגעקומען.

„אויפ'ן צווייטען טאג, ווען דוא ביזט אוועגגעפאהרען נאך פאריז צו דיין פאטער, וועלכען דוא האסט ניט גע־טראפען, איז צו מיר געקומען א שליח און האט מיר גע־בראכט א בריעף פון דיין פאטער. אין דעם בריעף האט ער מיך געבעטען, איך זאל געפינען אן אויסרייד, אום אבצושיקען דיך אויף מארגען נאך פאריז, דען ער וויל מיך זעהן און רעדען מיט מיר. ער האט מיך געבעטען, איך זאל דיר וועגען דעם גאר ניט זאגען.

„דוא געדענקסט, איך האב דיך אוועגגעשיקט אויף מארגען נאך פאריז. באלד נאך דיין אבפאהרען איז דיין פאטער אנגעקומען. ער האט געטהיילט דיא אלטע מיי־נונג, אז אדירנע איז א מאשין פאר געלד־צאפען און איז גלייך פארטיג צו צערברעכען דיא האנד, וואס האט איהר פריהער געלד געגעבען. זיין בריעף איז געווען זעהר איין איידעלער, אבער ניט זיין בענעהמען. ער האט מיט מיר גערעדט אזוי שטאלץ און דראהענד, אז איך האב איהם געמוזט ערקלערען, אז ער איז געקומען צו מיר און געפינט זיך אין מיין הויז.

„ער איז ענזוואס שטילער געווארען, נאר געזאגט האט ער מיר, אז ער וועט ניט ערלויבען אז זיין זוהן זאל זיך רואינירען צוליעב אזא פערשווענדערין, וויא איך בין.

„איך האב איהם געוויזען אלע צעטלאך פון מיינע פערזעצטע און פערקויפטע זאכען, וואס האבען איהם גע־געבען א גענינגענדען בעוויז, אז איך האב ניט געלעבט אויף דיין חשבון. דאס האט איהם איבערגעצייגט. ער האט מיר געדריקט דיא האנד און האט מיט מיר אנגעהויבען צו ריידען אין א מילדען טאן.

„אויב אזוי, מאדאם, וועל איך ניט מיט דראהען זאנ־דערן מיט בעטען פאדערן פון אייך אן אפפער.

„איך האב א ציטער געטהאן, ווען איך האב דערהערט זיינע ווערטער.

„ער האט צוגערוקט זיין שטוהל נעהענטער צו מיר און האט, אננעהמענדיג מיך ביי דיא הענד, גענומען ריי־דען זעהר אין א פריינדליכען טאן.

מיין קינד, איהר ווייסט, אז אויסער א געליעבטע איז נאך פאראן א פאמיליע, אויסער ליעבע איז פאראן פפליכטען אז א מענש מוז זיך אין דער יוגענד פערזארגען זיין עלטער; מיין זוהן איז נים רייך, נאר עקסעפטירען אייער אפפער קען ער נים, דען דאס וואלט געווען ניעדערטרעכטיג. מענשען וועלען נים וועלען ווייסען, אויב איהר האט זיך ליעב, זיי וועלען נאר זעהן, אז א דירנע, פערצייהעט מיר פאר דיזעס ווארט, פערקויפט איהרע זאכען צוליעב איהם. און וואס וועט זיין דער סוף? איהר זייט יונג, שעהן, נאר א צייט וועט קומען, ווען איהר ביידע וועט דערמאנען דיא פערגאנגענהייט מיט חרטה. טהוט א גוטע זאך און דאס וועט פערגילטען אייער גאנצע פערגאנגענהייט. עס קען זיין, אז איהר וואלט געווען צופריי־עדען צו לעבען אין ארימקייט נאר ארמאנד וועט דאס נים דערלאזען ער איז שוין א קארטען-שפיעלער, און ווער ווייסט, וואס פון איהם וועט ווערען. ער וועט נאך פערשווענדען זיין שוועסטער׳ס נדן און דאס ביסעל וואס איך האב אב־געשפארט אויף מיין עלטער פאר איהם נאך מיין טוידט אויב איהר האט ליעב ארמאנד, זאגט זיך פון איהם אפ, קיין שלעכטס איז נאך דערוויילי נים געשעהן, נאר מען קען אלעס ערווארטען. ארמאנד קען נאך דער׳הרג׳עט ווערען אין א דועל, אויס אייפערזיכט צו אייך. מיט וואס וועט איהר פערגעלטען זיין אלטען פאטער פאר דעם זוהנ׳ס לעבען.

„נאר דאס איז נאך נים אלעס. דיא גרעסטע אור־זאכע איז דיא. איך האב איין אינציגע טאכטער, זיא איז אונשולדיג, שעהן און צארט; זיא איז פערליעבט און דיא

ליעבע איז איהר גאנצעס לעבען, איהר גאנצע האפנונג. איהר חתן׳ס עלטערן האבען ערפאהרען וואס פאר א לע־בען מיין זוהן פיהרט און זייער האכצייט וועט קיין מאל ניט שטאטפינדען, אזוי לאנג וויא ער וועט פיהרען אזא לעבען. און דיא גאנצע צוקונפט פון אן ארימע, אונשול־דיגע מיידעל, וואס האט אייך קיין שלעכטס געטאהן, ליגט אין אייערע הענד. איך בעט, מארגאריט, צושטערט ניט מיין טאכטער׳ס גליק.

„איך האב שטיל געוויינט, דען איך האב געוואוסט, אז ער זאגט דיא ווארהייט און עס האט אין מיר ערוועקט א געפיהל פון זעלבסט אויפאפפערונג. מיט דער צייט וועסטו וויסען און פערשטעהן, וויא איך האב דיך גע־ליעבט. דער אלטער נאבלער מאן האט ביי מיר אלץ אויסגעפיהרט.

„פיעלייכט בין איך געווען זעהר אויפגערעגט און איך האב דיא זאך ניט געזעהן אין איהר ריכטיגען ליכט, נאר דיא נייע געפיהלען האבען מיר געמאכט פערגעסען אן אלעם.

„איך האב אייך אויסגעהערט, מיין הערר. גלויבט איהר, אז איך האב ליעב אייער זוהן? און אז מיט דיזער ליעבע האב איך געגלויבט ריין צו וואשען מיין פערגאנ־גענהייט און פיהרען אן ארדענטליכען לעבען אין דער צו־קונפט?

„איך בין זיכער אז אזוי האט איהר געדענקט.

„אויב אזוי קושט מיר אזוי, וויא איהר וואלט גע־קוסט אייער טאכטער. זאל דאס זיין דער איינציגער ריי־נער קוס, וואס איך האב געקראגען, און איידער א וואך וועט פאראיבער, וועט איהר צוריק האבען אייער זוהן, פיעלייכט אונגליקליך פאר א קורצע צייט, נאר היערפאר אויסגעהיילט אויף אייביג.

„איהר זייט גראָסמוטהיג, האט דיין פאָטער געזאגט און האָט מיר א קוס געטאָהן אין שטערן. גאָט וועט אייך דערפאר פערגעלטען, נאָר איך וויים ניט, וואָס איהר וועט קענען מאכען מיט מיין זוהן.

„זייט רוהיג, ער וועט מיך האַסען.

„צווישען אונזביידען האט זיך איצט געמוזט פער־שפרייטען א טיעפער אָבגרונד. איך האב פרודאנס אָנ־געשריבען, אז איך נעהם אן דעם גראף נ....'ס פאָר־שלאג און איך וועל מיט זיי ביידען עסען סאָפער. דעם בריעף האב איך געגעבען דיין פאָטער און געבעטען איהם, ער זאָל איהם אָבגעבען נאך דעם אדרעס. ער האָט מיך געפרעגט, וואס איך האב געשריבען און איך האב איהם געזאגט, אז דער בריעף האט צו טהאָן מיט זיין זוהן'ס גליק. דיין פאָטער האָט זיך מיט מיר געזעגענט מיט טרעהרען אין דיא אויגען, און איך האב זיך כמעט גע־פיהלט שטאָלץ מיט דער נייער זינד, וואס איך האב זיך אונטערגענומען צו בעגעהן, נאָר ווען דוא ביזט געקומען צוריק, האב איך געוויינט. דער געדאַנק, אז דוא וועסט מיך האסען איז פאר מיר געווען שרעקליך. אויף מאָרגען ביים סאפער מיט'ן גראף האב איך זיך געפיהלט שרעק־ליך, האב געטרונקען זעהר פיעל, אום צו פערגעסען וואס מיט מיר טהוט זיך.

„אויף'ן צווייטען טאג אין דער פריה האב איך זיך געפונען אין בעט מיט'ן גראף.

„דאס איז דיא גאנצע ווארהייט מיין פריינד. משפט אליין און פערצייהע מיך, וויא איך האב דיך פערצייהעט אלע אונרעכטען וואס דוא האסט מיר געטהאָן פון יענעם טאג אָן.

זעקס און צוואנציגסט'עסקאפיטעל.

„דיא ווייסט אליין, וואס נאכדעם איז געשעהן. איך האב געהערט, אז דיין פאָטער האט דיך אוועקגעפיהרט

א היים, איך האָב אָבער געוואוסט, אז דוא וועסט לאנג אהן מיר ניט פערבלייבען אין דער היים. ווען איך האָב ריך דאָס ערסטע מאָל דערנאָך בעגעגנעט, בין איך נאָר געווען אויפגערעגט, אָבער ניט פערוואונדערט.

„דאָס לעבען, וואָס איך האָב אונטערדעסען געפיהרט, איז געווען שרעקליך. אום ניט הערצבצוגעהן פון זינען, האָב איך געדאַרפט פיהרען א פריילּיך לעבען, און דאָס האָט מיך געטריבען אין דער ערד הערייז.

„וואָס מעהר דוא האָסט מיך פערפאָלגט, בין איך אַלץ מעהר געווען צופריעדען, ווייל דאָס האָט מיר געציינט, אז דוא האָסט מיך ליעב, און אז ווען דוא וועסט אויסגעפינען דיא וואהרהייט, וועסטו מיך רעספּעקטירען.

„ווען איך בין צו דיר געקומען דאס לעצטע מאָל, האָב איך שוין כמעט דערגרויכט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט: איך בין שוין געווען האלב טוידט.

„ איך וועל דיר ניט דערמאָנען, וויא דוא האָסט מיר בעצאָהלט פאַר מיין לעצטען צייכען פון מיין ליעבע צו דיר דוא האָסט געהאַט רעכט צו האנדלען, וויא דוא האָסט געהאַנדעלט. ניט אימער האָט מען מיר אזוי פיעל בעצאָהלט פאַר מיין נאַכט, וויא דוא.

„איך האָב אַלעס פערלאָזען, און בין אנטלאָפען. אָלימפּ האָט פערנומען מיין פּלאַץ מיט גראף נ.... און האָט איהם געוויס דערצעהלט דיא אורזאכע פון מיין אנטלויפען. איך בין אוועק נאָך לאָנדאָן. דאָרט האָט זיך געפונען גראף נ...., ער איז איינער פון יענע עדעל-לייט, וואָס גיבען נאָר א שטיקעל פון זייער הערץ, אבער דערפאַר עפענען זיי פאַר אונז זייער גאַנצען באַנק-בוך. ער האָט מיך עמפּפאַנגען גאַנץ פריינדליך, נאָר ער איז דאַן געווען דער געליעבטער פון א פרוי פון דער הויכער געזעלשאַפט און האָט מורא געהאַט קאָמפּראָמעטירט צו

ווערען דורך מיר. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר איי־ניגע פון זיינע פריינד, און איינער פון זיי האָט מיך מיט־גענומען צו זיך א היים.

„וואָס האָב איך געוואָלט טהאָן, מיין פריינד? בעגעהן זעלבסטמאָרד? ווען איך זאָל דאָס געוועזן טהאָן, וואלסטו דיין גאַנץ לעבען זיך ניט געקענט שענקען. אויסער דעם, איז דען ווערט צו נעהמען זיך דאָס לעבען, ווען מען האלט אזוי נאָהענט צום טוידט? איך האָב אָנגעהויבען צו פיה־רען א לעבען פון א קערפּער אהן א זעעלע איך האָב אזוי געלעבט א צייט לאַנג. נאכהער האָב איך זיך צוריק־גע־קעהרט נאָך פּאַריז. דאָרט האָב איך אויסגעפונען, אז דוא ביזט אוועגגעפאָהרען ערגעץ ווייט, קיין זאך האָט מיך מעהר ניט איינגעהאַלטען, איך האָב ווייטער אָנגעהויבען צו פיהרען דאָס לעבען, וואָס איך האָב געפיהרט ביז איך האָב זיך בעקאַנט מיט דיר. דער אַלטער פירסט האָט זיך מעהר צו מיר ניט געוואָלט אומקעהרען, איך האָב צופיעל בעליידיגט זיין שטאָלץ. מיט יעדען טאָג איז מיר געוואָ־רען ערגער, איך בין געוואָרען אַלץ מעהר טרויריג, בלייך און אָבגעמאָגערט. מענער, וואָס קוקען אויף אונז, וויא אויף וואַארע, בעטראַכטען פריהער די וואַארע איידער זיי קויפען. פאַר זייער געלד האָבען זיי אין פּאַריז געקענט געפינען געזינטערע און שעהנערע פון מיר. און מען האָט מיך אָנגעפאַנגען צו פערגעסען. איצט ליג איך קראַנק. דעם פירסט האָב איך געבעטען, ער זאָל מיר שיקען א ביסעל געלד, ווייל די קרעדיטאָרען לאָזען מיך ניט צורוה. וועט דער פירסט ענטפערן אויף מיין בריעף? פאַר וואָס ביזטו ניטאָ אין פּאַריז, אַרמאַנד? דיין אַנוועזענהייט וואָלט מיך געטרייסט.

20טען דעצעמבער.

„דאָס וועטער איז שרעקליך, דער שניי פאַלט. די לעצטע דריי טעג בין איך געוועזן אזוי קראַנק, אז איך האָב

ניט געקענט שרייבען. איך האָף יעדען טאָג צו קריגען פון דיר א בריעף, וועלכען פיעלייכט איך וועל קיין מאָל בע־קומען. בלויז מענער האָבען א גענוג שטארקען כאראק־טער ניט צו פערציידען. דער פירסט האָט מיר ניט געענטפערט.

„פרודאנס האָט ווידער אָנגעהויבען צו געהן אין דיא לאָמבארדען. איך האלט אין איין שפייען מיט בלוט. דוא ביזט גליקליכער, וויא איך. אונטער דער אָריענטאלישער זון קענסטו ניט פיהלען, וויא שווער אויף מיין ברוסט ליגט דער ווינטער. איך דענק, אז דיין ניט זיין נעבען מיר, איז נאָר דורך א צופאל. אין פאריז וואָלסטו פון מיין קראנקען צימער ניט אָבגעטראָטען.“ 25טען דעצעמבער.

„דער דאָקטאָר האט מיר פערבאָטען צו שרייבען יע־דען טאָג. איך האָב היינט בעקומען א בריעף פון דיין פאָטער. זיין פריינדליכקייט האָט מיר מעהר געהאָלפען, וויא דיא הילף וואָס ער האָט מיר געשיקט. ער שרייבט, אז ער האָט ערסט ערפאהרען וועגען מיין קראנקהייט און ווען ער זאָל זיין אין פאריז, וואָלט ער ביי מיר געוועזן. ווען ארמאנד זאָל זיין אין דער היים, וואָלט ער איהם צו מיר געשיקט, נאָר צום אונגליק איז ער יעצט הונדערטע מיילען ווייט פון דאנען. איינער פון זיינע פריינד וועט מיר ברענ־גען געלד, און ער בעט מירה, אז איך זאָל דאָס געלד נעהמען.

„היינט אין דער פריה איז דיין פאָטער'ס פריינד ביי מיר געוועזן און האָט מיר געגעבען פינף טויזענד פראנק און געזאָגט, אז ער איז בעאויפטראגט צו געבען מיר, פיעל איך וועל דארפען. אָנפאנגס האָב איך זיך אָבגעזאָגט, נאָר ער האט מיר געזאָגט, אז דאָס וועט דיין פאָטער זעהר פיעל קרענקען. איך האָב דאס געלד גענומען מיט דעם געדאנק, אז וויא באלד דאָס קומט פון דיין פאָטער, איז דאס ניט קיין צדקה. נאָך מיין טוידט ווייז דעם בריעף

דיין פאָטער און זאָג איהם, אז איך בין זעהר דאנקבאר איהם.״ 4טען יאנואר.

„איך האב דיא לעצטע טעג פערבראכט שרעקליך. איך צאהל זעהר טהייער פאר מיין פריהערדיג לעבען. איך האב קיין מאָל ניט געדענקט, אז מען קען אזוי פיעל ליידען פהיזיש. מען פאסט זעהר מיך אויף. איך קען קוים אָט־העמען. איך הוסט אָהן אַן אויפהער און האב היץ.

מיין דאָקטאר זאגט, אז אויב עס וועט זיין שעהן, וועל איך קענען הערויספאָהרען.״ 8טען יאנואר.

„נעכטען בין איך הערויסגעפאהרען אין מיין קארעטע דאס וועטער איז געוועזען זעהר א שעהנעס. איך האב בע־געגענט אלע בעקאנטע. אָלימפּ איז דורכגעפאָהרען אין א קארעטע און האט מיך געוואָלט בעליידיגען, נאָר איצט ארט מיר דאס שוין מעהר נים.״

„פיער אוהר האָב איך זיך צוריקגעקעהרט א היים. איך פיעל זיך בעסער, און האב וויעדער דערפיהלט א לוסט צום לעבען. פיעלייכט וועל איך נאך געזונד ווערען ?״

10טען יאנואר.

„מיינע האָפנונגען וויעדער געזונד צו ווערען זיינען נים מקוים געוואָרען. איך ליג וויעדער אין בעט, אין גאנצען הערומגעקלעבט מיט פלאַסטערס. איך בין זיכער, אז ווען איך זאל איצט ווערלען פערקויפען מיין קערפער, וואס האט זיך אמאל געשאצט זעהר הויך, וועט מען גאר נים ווע־לען געבען.״ 12טען יאנואר.

„מיינע יסורים ווערען נים לייכטער. גראף נ.... האט מיר געשיקט געלד, נאָר איך האב איהם עס אָבגעשיקט צוריק. ווען נים ער, וואלסטו יעצט געוועזען נעבען מיר. אָה אונזערע גליקליכע טעג, וואס מיר האבען פערבראכט צו זאמען. איך וואָלט אזוי וועלען זעהן דאס הויז, וואו מיר האבען ביידע געלעבט צוזאמען. נאָר איך וויים אפילו נים

צו איך וועל דיר זאגאר מארגען קענען שרייבען."

25טען יאנואר.

„שוין עלף נעכט, וויא איך האב ניט געשלאָפען. איך ווער כמעט דערשטיקט און מיר דוכט אז אָט אָט שטארב איך. דער דאקטאר לאזט מיר ניט אָנריהרען א פעדער, נאר מאדמואזעל דופרא, וועלכע זיצט נעבען מיר, ערלויבט מיר א מאל צו שרייבען צו דיר. וועסטו צוריקקומען, איי־דער איך וועל אויסגעהן? מיר דוכט, אז ווען איך זאל דיך זעהן, וואלט איך געזונד געווארען. נאר צו וואס זאל איך געזונד ווערען?"

28טען יאנואר.

„מענער שטימען האבען מיר היינט אין דער פריה אויפ־געוועקט. דופרא איז הערייננעלאפען אין צימער מיט א געוויין. מען איז געקומען אבשרייבען מיין מעבעל. שפע־טער מיט ניין טעג נעהמט מען עס צו. וואס וועט פון מיר ווערען? פרודאנס וויל זיך ווענדען צו דיין פאטער'ס פריינד, נאר איך לאז איהר ניט.

„היינט אין דער פריה האָב איך פון דיר ערהאַלטען א בריעף. וויא גליקליך איך בין. פיעלייכט וועל איך נאך בלייבען לעבען? פיעלייכט וועל איך נאָך אַ מאָל זעהן דעם פריהלינג און מיר וועלען אנפאַנגען א לעבען אויף דאס ניי?

„וויא נארעש איך בין! איך ווייס אז עס איז צו שפעט. איך וואָלט שוין לאַנג געשטאָרבען, ווען מיך וואָלט ניט אויפגעהאַלטען דיא אַנדענקונג פון אונזער ליעבע."

4טען פעברואר.

„גראף נ.... האט זיך צוריקגעקעהרט פון לאָנדאָן. ער איז זעהר טרויעריג. דיא פרוי, וועלכע ער האט גע־ליעבט, האט איהם גענארט. ער איז געקומען דערצעהלען מיר זיינע צרות, נאָר כאָטש ער איז זעהר געענגט אין געלד, האָט ער בעצאָהלט דעם שעריף און האָט אוועק־

נעשיקט דעם מאַן, וואס איז נעבליבען היטען דיא מע־בעל. איך האָב מיט איהם נערעדט וועגען דיר און האָב אין דער מינוט אין גאַנצען פערגעסען, אז איך בין נעוועז זיין נעליעבטע.

„דער פירסט האט זיך נאכגעפרעגט וואס איך מאך און היינט איז ער ביי מיר געוועז. ער איז ביי מיר געזע־סען דריי שטונדען און האט ווענינ נערעדט און האט פערגאסען טרערען קוקענדיג אויף מיר.

„איצט, ווען איך האַלט ביים שטאַרבען, בערייחע איך וואס איך האב געפאָלגט דיין פאטער. ווען איך וואָלט געוואוסט אז מיר פערבלייבט נאר איין יאהר צום לעבען, וואָלט איך זיך ניט אבגעזאגט פון פערברענגען דאס יאהר מיט דיר און וואָלט געשטאָרבען, האַלטענדיג דיא האנד פון א פריינד. נאר ווען מיר וואָלטען געווען צוזאמען, וואָלט איך אזוי גיך ניט געשטאָרבען.“

5טען פעברואר.

„אָ, ארמאנד, קום, קום! איך לייד שרעקליך. איך בין נעסטערן געוועזן אזוי טרויעריג, אז איך האָב בשום אופן ניט געוואָלט איינזיצען אין דער היים, און טראָץ דיא היץ, וואס עסט מיך אויף, בין איך אוועגגעפאָהרען אין „וואָדעוויל טהעאַטער“, וואו איך האָב דיר געהייסען דאס ערסטע מאל בעגעגנען מיך. איך האב געגומען דיא זעלבע לאָזשע, וואָס דאמאָלס. א היים האָט מען מיך צוריקגע־בראכט א האַלב טוידטע. איך האב געהוסט און געשפּיים מיט בלוט דיא גאנצע נאכט איך קען שוין כמעט ניט ריידען און בעוועג קוים מיט דער האַנד. אה, גאָט! איך נעה אויס! איך ערוואַרט שוין דעם טוידט, און אויב...“

דיא עטליכע ווערטער, וואס מארגעריט האט זיך גע־מאַטערט צו שרייבען ווייטער, האט מען שוין ניט געקענט לעזען, און פאָלגענדער בריעף איז שוין געוועזן געשריבען אין דזשולי דופּראַ'ס האַנדשריפט: 18טען פעברואר.

„הערר ארמאנד:—פון דעם טאג אן, וואס מארגעריט איז געפאהרען אין טהעאטער, ווערט איהר געזונד ערגער און ערגער. זיא האט איהר שטימע אין גאנצען פערלארען און קען ניט א קעהר טהאן מיט קיין גליעד. וואס זיא האט נעבאך אויסגעליטען איז ניט צו בעשרייבען.

„וויא וואלט איך געגארט, איהר זאלט זיין דא! זיא האלט אין איין ווידערהאלען אייער נאמען.

„דער דאקטאר זאגט מיר אז זיא וועט לאנג ניט דויערן. דער אלטער פירסט איז שוין ניט געוועזן צייט איהר איז געווארען ערגער.

„מאדאם דאווערנאי פיהרט זיך אויף ניט גוט. צייט זיא האט אויסגעפונען אז זיא קען שוין מעהר קיין געלד ניט ציהען פון מארגעריט, רעכענט זיא פאר איבריג אפילו צו קומען געוואר-ווערען. גראף ג.... האט צוליעב זיינע חובות געמוזט אבפאהרען צוריק נאך לאנדאן, נור פאר'ן אבפאהרען האט ער איהר געשיקט א ביסעל געלד. ער האט געטהאן אלעס וואס ער האט געקענט. נאר דיא קרעדיטארען זיינען ווידער בעפאלען און ווארטען אויף איהר טוידט. מארגעריט ווייס וואס עס קומט פאר און ליידעט גייסטליך אזוי גוט וויא קערפערליך. גרויסע טרע-רען קייקלען זיך איהר איבער'ן געזיכט. זיא האט ביי מיר גענומען דאס ווארט, איך זאל שרייבען פאר איהר ווען זיא וועט שוין ניט קענען, און איך שרייב אין איהר גע-גענווארט. זיא קוקט אויף מיר, נאר זיא קען מיר ניט זעהן, ווייל דער טוידט פערשטעלט איהר דיא אויגען און דאך שמייכעלט זיא און איך בין זיכער, אז זיא דענקט און טרוימט נאר פון אייך.

„יעדעם מאל ווען דיא טיהר עפענט זיך, ווערען איהרע אויגען ליכטיגער און זיא דענקט, אז דאס קומט איהר הערויין, נאר באלד נעהמט איהר געזיכט אן א פיינ-

ליבען אויסדרוק און ווערט בעדעקט מיט א קאלטען שווייס.

19טען פעברואר.

„היינט איז געוועזן זעהר א שלעכטער טאג. היינט אין דער פריה איז זיא שיער ניט דערוואָרגען געוואָרען. דער דאָקטאָר האָט איהר געראַטהען, זיא זאָל זעהן א פריסטער און זיא האָט געגען דעם גאָר ניט געהאַט.

„מארגעריט האָט מיך דערווייל צוגערופען צו זיך און געוויעזען אויף א נאכט־קאָסטיום און געזאגט מיט א שוואכען קול:

„איך וועל שטארבען באלד נאָך'ן וידוי און דוא זאָלסט מיך אָנטאָהן אין דיא קליידער, ווייל אפילו נאָך'ן טוידט וויל איך אויסזעהן שעהן.

„דער פריסטער איז געקומען און האָט מיט איהר געזאָגט וידוי. נאך זיין אוועקגעהן האט זיא מעהר קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. איך האָב פיעל מאָל געדענקט, אז זיא איז שוין טוידט, נאָר איהר הערץ האָט נאָך גע־קלאפט.“

20טען פעברואר.

„פינף אוהר אבענד, אלעס איז פאָראיבער. זיא איז אויסגעגאנגען אין שרעקליכע שמערצען. א פאָר מאָל האָט זיא אויסגערופען אייער נאָמען דאַן איז זיא שטיל געבליעבען. זיא האָט ניט געבליפּען, נאָר טרערען זיינען איהר גערונען פון דיא אויגען און אזוי איז זיא אויסגע־גאנגען.

„איך בין צו איהר צוגעגאנגען און אָנגערופען איהר ביים נאָמען, נאָר זיא האָט ניט געענטפערט. איך האָב איהר פערמאכט דיא אויגען און א קוש געטהאָן אין שטערן.“

22טען פעברואר.

„היינט איז געוועזן דיא לויה. פיעלע פון מארגעריט'ס פרויען־פריינד זיינען געקומען און אייניגע האָבען ביטער געוויינט. פון מענער זיינען נאָר געוועזן צוויי, וואס זיינען

נאָבגעגאַנגען, איינער דער גראף ג.... וואָס איז אומיסט־ גע געקומען פון לאָנדאָן און דער צווייטער—דער פירסט־

„איך שרייב דיא ציילען אין איהר צימער און כאָטש נאנין האָט פאַר מיר אָנגעגרייט עסען, וועל איך דאָך ניט עסען, וויא איך האב עס ניט געטהאָן 24 שטונדען. איך שרייב איצט דאָ, ווייל מיין לעבען איז אזא וויא מארגאַריט'ס און אין אזא לעבען קען מען לאנג קיין טרויעריגען איינדרוק ניט איינהאַלטען.״

זיעבען און צוואנציגסטעס קאפיטעל.

— האָסטו עס דורכגעלעזען? האט מיך ארמאנד גע־ פרעגט.

— יא, איך קען פערשטעהן, וואס דוא האסט אויס־ געליטען, אויב דאָס אלעס איז אמת.

— מיין פאָטער האָט מיר געשריעבען דאס זעלבע.

א פּאָר מינוט האָבען מיר נאָך גערעדט פון דער מיידעל און נאָכהער בין איך א היים געגאַנגען אָברוהען.

ארמאנד'ן איז גרינגער געוואָרען נאָכדעם וויא ער האָט מיר דערצעהלט זיין געשיכטע. ער איז נאָך אַלץ געווען זעהר טרויעריג, נאָר ער האט זיך ערהאָלט אויף אזוי פיעל, אז מיר האָבען געקענט מאכען א וויזיט צו פּרודאנס און צו דזשולי דופּרא.

פּרודאנס האט גראדע נאָר וואָס באַנקראָטירט און האָט יעדען דערצעהלט, אז דאָס איז נור דארום, וואָס זיא האָט מארגעריט געליהען געלד און האָט ביי איהר ניט גענומען קיין וועקסעל. ארמאנד האט איהר קיין וואָרט געגלויבט, נאָר דאָך האָט ער איהר געגעבען טוי־ זענד פראנק, ווייל זיא איז געווען מארגאַריט'ס חבר'טע.

ענדליך זיינען מיר אוועק אויף מארגעריט'ס קבר. דיא פריהלינג'ס זון האט געשיינט און דיא בלעטלאך האבען נאר וואס אנגעהויבען הערויסצושפראצען.

ארמאנד'ן איז נאך פערבליבען דיא פפליכט צו זעהען זיך מיט זיין פאטער, און ער האט מיך געבעטען איך זאל איהם פאהרען בעגלייטען.

דער פאטער האט ארמאנד בעגעגענט מיט טרערען פון פרייד. דיא שוועסטער האט זיך נים געקענט אבפרייען מיט איהר ברודער'ס קומען און דיזע פרומע זעעלע האט דעם מינדעסטען פערדאכט נים געהאט, אז ערגעץ ווייט, ווייט, האט א דירנע געאפפערט איהר לעבען פאר איהר גליק.

איך האב דארט פערבראכט א קורצע צייט און צוריקגעקעהרט נאך פאריז, וואו איך האב זיך געזעצט שרייבען דיזע געשיכטע, פונקט וויא מען האט מיר דערצעהלט. דיזע געשיכטע האט איין מעלה, וואס נים יעדער פיעלייכט וועט צוגעבען, נעמליך, אז זיא האט אזוי פאסירט.

פון דיזער געשיכטע דענק איך אבער נים צו ציהען א שלוס, אז מיידלאך פון דער זעלבער קלאסע וואס מארגעריט זיינען פעהיג צו טאהן, וואס זיא האט געטהאן, נאר איך וויים, אז איינע פון זיי האט ווירקליך געליעבט, האט צוליעב דעם פיעל געליטען און פון דעם געשטארבען. איך האב דעם לעזער דערצעהלט, וואס איך האב געהערט, און דאס רעבען איך, איז געווען מיין פפליכט.

ע נ ד ע.